STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06584

# POLITISHE EKONOMYE IN FRAGN UN ENTFEREN

Alexander Malinovskii A. Bogdanov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

## אין פראגען און ענטפערען

פון א. באָגדאַנאָוו

איבערזעצט פון א. שאַפּראַנאָוויץ

ארויסגעגעבען פון דער
מאַרקס ליטעראטור געזעלשאפט אין פארלאג „נייע וועלט"
ניו יאָרק, 1921

Copyright, 1921, in the U. S.
by the
**MARX PUBLICATION SOCIETY**
**All rights reserved.**

# אינהאַלט־פאַרצייכנונג

## ערשטע אָפּטיילונג: אַלגעמיינע באַגריפען.

זייט

ערשטער קאַפּיטעל: וואָס איז אַזוינס פּאָליטישע עקאָנאָמיע? — 9
צווייטער קאַפּיטעל: פּראָדוקציאָן — 16
דריטער קאַפּיטעל: די אַרבייט און איהר פּראָדוקט — 22
פערטער קאַפּיטעל: מיטאַרבייטערשאַפט — 29
פינפטער קאַפּיטעל: פּאַראַיינען — 34
זעקסטער קאַפּיטעל: די אויפהאַלטונג און אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט — 37
זיבעטער קאַפּיטעל: די איינטיילונג פון דער פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמישער ווירטשאַפט — 42
אַכטער קאַפּיטעל: די מעטאָדען און די באַדייטונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט — 44

---

## צווייטע אָפּטיילונג: די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג.

ערשטער קאַפּיטעל: הויז ווירטשאַפט — 51
א) די פאַמיליען קאָמונע; ב) די פּאַטריאַרכישע קאָמונע; ג) די פעאָדאַלע געזעלשאַפט.
צווייטער קאַפּיטעל: די אנטוויקלונג פון אויסטויש — 69
א) סחורות אין אַלגעמיין; ב) שטופען אָדער פאָרמען פון אויסטויש; ג) געלט.
דריטער קאַפּיטעל: די טויש־ווירטשאַפט — 77
א) פון הויז־ווירטשאַפט צו טויש־ווירטשאַפט; ב) די טויש־ווירטשאַפט אין די שטעדט פון מיטעלאַלטער; ג) אלגעמיינע געזעצען פון טוישען.
פערטער קאַפּיטעל: דער האַנדעלס־קאַפּיטאל — 90
א) קאַפּיטאל אין אלגעמיין; ב) האַנדעלס־קאַפּיטאל און רויב־קאַפּיטאל; ג) די מאַכט פון האַנדעלס־קאַפּיטאל.

זייט

פינפטער קאפיטעל: אינדוסטריעלער קאפיטאליזם — — — — 101

א) אינדוסטריעל־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונג; ב) די טעכניק און מיטארבייטערשאפט אין אַ קאפיטאליסטישער אונ־טערנעמונג; ג) דער ווערט פון דער ארביים־קראפט; ד) דער פארענדערטער און שטענדיגער קאפיטאל און דער מעהר־ווערט; ה) מיטלען ווי צו פארגרעסערען דעם מעהר־ווערט; ו) דעם קאפיטאל׳ס רעזערוו ארמיי; ז) שכירות; ח) ארבייטער אָרגאניזאציעס; ט) ריוח און רענט; י.) קרעדיט; כ) אַק־ציאָנערע אונטערנעמונגען; ל) בירזשע און ספעקולאַציע; מ) דער וואוקס פון קאפיטאל און זיין קאָנצענטראציע; נ) אינדוסטריעלע קריזיסען; ס) סינדיקאַטען; ע) די קאַ־פיטאליסטישע רעגירונג; פ) שטייערן און הלואות; צ) מיליטאַריזם און אימפעריאַליזם; ק) דער וועלט־מלחמה קריזים; ר) די אידעאָלאָגיע פון די בורזשואזע קלאסען; ש) די אידעאָלאָגיע פון ארבייטער קלאס.

# פאָליטישע עקאָנאָמיע

## ערשטע אָפּטיילונג.

# אַלגעמיינע באַגריפען.

## ערשטער קאַפּיטעל.

# וואָס איז אַזוינס פּאָליטישע עקאָנאָמיע?

### וואָס הייסט פּאָליטישע עקאָנאָמיע?

— דאָס איז די לעהרע וועגען דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, וועגען דער ארבייטס־אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט.

### וואָס הייסט געזעלשאַפט?

— בוכשטעבליך מיינט דאָס: א זאַמלונג פון מענשען, וועלכע האָבען צווישען זיך עטוואָס אַלגעמיינעס. אין דעם זינען באַנוצט מען זיך מיט דעם וואָרט אין טאָג־טעגליכען לעבען: צום ביישפּיעל, ווען מען רעדט וועגען קאָנסום־געזעלשאַפטען, ווי־סענשאַפטליכע געזעלשאַפטען, פון פייער־לעשער, געזאַנג געזעל־שאַפטען, די „העכערע געזעלשאַפט" א. ד. גל. זעהר אָפט — אין צייטונגען איז עס אויף יעדען שריט — פאַרשטעהט מען אונטער'ן וואָרט „געזעלשאַפט" דעם העכערען און מיטעלען קלאַס: די פּריצים, די בורזשואזיע, די אינטעליגענציע, ד. ה. די קלאַסען, וועלכע באַזיצען אייגענטום, בילדונג, איינפלוס; די נידעריגע קלאַסען אָדער דאָס פּראָסטע פאָלק, דער המון, ווי פּויערים, בעלי־מלאכות און ארבייטער, ווערען ניט אַריינגענומען אין כלל. אָבער אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט האָט דאָס וואָרט „געזעל־שאַפט" אַן אַנדער באַדייטונג, א מעהר גרינדליכע און פּינקטליכע־רע: געזעלשאַפט מיינט א זאַמלונג פון מענשען, וועלכע זיינען פאַראייניגט דורך א עקאָנאָמישען, אָדער ארבייטס־פאַרבאַנד, ד. ה. דורך דעם, וואָס אייניגע ארבייטען צוזאַמען מיט אַנדערע, אָדער דורך דעם, וואָס אייניגע ארבייטען פאַר אַנדערע. דאָ געהען אַריין אַלע קלאַסען: דער העכערער, מיטעלער און דער נידע־ריגער קלאַס, ווייל אויב אייניגע פון זיי ארבייטען אפילו ניט, ארבייטען דאָך אָבער אַנדערע אויף זיי.

### ווי ברייט זיינען די גרענעצען פון א געזעלשאפט?

— היינט צו טאג קען מען זאגען, אז כמעט די גאנצע מענש־הייט איז איין געזעלשאפט: אפילו די גרעסטע מדינות מיט צעהנדליגע און הונדערטע מיליאנען איינוואוינער לעבען ניט אינ־גאנצען מיט די פראָדוקטען פון זייער אייגענער ארבייט, פיעלע פראָדוקטען פיהרט מען אריין און פיעלע פיהרט מען ארויס: ווען מען פיהרט ארויס, הייסט דאס, אז מען ניט אפּ אנדערע דעם פּראָ־דוקט פון אונזער ארבייט, דאס מיינט, מיר האבען געארבייט פאר אנדערע; ווען מען פיהרט אריין, מיינט אז אנדערע האבען גע־ארבייט פאר אונז. דער עקאנאמישער פארבאנד פון מענשען נעמט ארום די גאנצע וועלט.

### איז עס שטענדיג אזוי געווען?

— ניין, ניט שטענדיג. דער מענש האט קיינמאל ניט געלעבט איינער אליין, אפּגעזונדערט פון אלעמען, אבער גאר אמאל, אין די אור־אלטע צייטען, פלעגען מענשען לעבען אין קליינע קאָ־מונעס (אבשטשינא), און די קאמונעס זיינען צווישען זיך עקאנאָ־מיש ניט געווען פארבונדען, הייסט דאס, אז זיי זיינען געווען זעלבסטשטענדיגע געזעלשאפטען. די פּרימיטיווע קאמונעס זיי־נען פאקטיש געווען משפחות, גרויסע פאמיליעס, פריהער פון עט־ליכע צעהנדליג, און שפּעטער פון עטליכע הונדערט מענשען. יעדע קאמונע האט געלעבט מיט איהר אייגענער ארבייט, פלעגט אליין אויסארבייטען אלעס וואס זי האט געדארפט צום לעבען, מיט אנדערע קאמונעס האט זי קיין מגע־ומשא ניט געהאט, אויסער וואס אמאל פלעגט מען אויף זיי אנפאלען און בארויבען זיי. אבער אזוי איז געווען נאר אין די ערשטע דורות. דערנאך זיינען אויסגעוואקסען פארבאנדען פון שבטים: עטליכע קאמונעס, וועל־כע האבען זיך געפונען אין נאהענטע קרובות'שאפט, פלעגען זיך פאראייניגען און נעהן צוזאמען אויף מלחמה אדער פאלעוואניע (יאגד) — דא איז שוין געווען א וועלכער ס'איז ארבייטס־פארבאנד. מיט דער צייט האט מען ביסלעכווייז אנגעהויבען צו בייטען זיך מיט די פראָדוקטען, ווען איינינע האבען געהאט איין פּראָדוקט מעהרער, און די אנדערע — אנאנדער פּראָדוקט מעהר. נאכדעם

האָט זיך דער אויסטויש פאַרנאַנדערגעוואַקסען און פאַרשפּרייט, ביז וואַנען ער האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין שטענדיגען האַנדעל ניט בלויז צווישען די קאָמונעס, נאָר אויך צווישען די שבטים־פאַרבאַנדען און אַם ענדע אויך צווישען באַזונדערע פעלקער. די קאָמונעס האָבען איבערגעביטען זייער געשטאַלט, זייער פאָרמע, זיינען פאַרנאַנדערגעפאַלען אויף באַזונדערע ווירטשאַפטען, פון וועלכע עס זיינען אַרויסגעקומען נייע אונטערנעמונגען: גרויסע גוטס (אימעניעס, מאַיאָנטקעס), פאַבריקען, זאַוואָרען א. א. וו. עס זיינען באַשאַפען געוואָרען מערק — פון אַ גאַנצען געגענד, נאַציאָנאַלע און צום סוף דער וועלט־מאַרק, ד. ה. דער האַנדעל צווישען באַזונדערע לענדער. דער מאַרק און דער האַנדעל מיינט ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר דאָס, וואָס די אַרבייט פון איינינגע, אין דער פאָרמע פון זייערע פּראָדוקטען, קומט אָן צו אַנדערע מענשען, און פאַרקעהרט. אַזוי איז אַרויסגעקומען דער אַרבייטס־פאַרבאַנד, און וואָס מעהר עס האָט זיך ענטוויקעלט דער וועלט־מאַרק, האָט זיך דער פאַרבאַנד אַלץ מעהר פאַרשטאַרקט ביז ער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מענשהייט.

## זיינען שוין אינגאַנצען פאַרשוואונדען די קליינע זעלבסט־שטענדיגע קאָמונעס פון די אַמאָליגע צייטען?

— ניין, ניט אינגאַנצען. אין די ווייטע און אָפּגעשטאַנענע ווינקלען אויף דער ערד זיינען נאָך געבליבען ווילדע שבטים, וועלכע לעבען כמעט אַזוי אָפּגעזונדערט און אומאָפּהענגיג פון דער גאַנצער וועלט, ווי אין די אור־אַלטע צייטען. בעאָבאַכטענדיג דעם לעבען פון די שבטים, האָט מען געקראָגען די מעגליכקייט אויסצואַרבייטען אַ באַגריף וועגען דעם לעבען פון מענשען אין די אַמאָליגע, בעפאָר־היסטאָרישע צייטען, ווייל קיינע היסטאָרישע טראַדיציעס זיינען פון זיי, פאַרשטעהט זיך, ניט געבליבען, עס זיינען געבליבען בלויז איינינגע שפּורען: סקעלעטען, וועלכע מען געפינט אַמאָל אין דער ערד, געצייג געמאַכט פון שטיין, ברעקלעך געפּעס א. א. וו., אין דעם העלפט אויך אויס די פילאָלאָגישע וויסענשאַפט, וועלכע געפינט איינינגע סימנים אין די שפּראַכען פון באַזונדערע פעלקער.

**קען מען רעכענען די מענשהייט פון היינטיגער צייט מיט'ן וועלט-מאַרק אלס פּאָלשטענדיג איין געזעלשאַפט?**

— ניין, מען קען ניט: זי איז פאַראייניגט בלויז טיילוויז, אמאָל מיט א שטאַרקערען, אמאָל מיט א שוואַכערען פאַרבאַנד, אָבער ניט אינגאַנצען. ענגער זיינען מענשען צונויפּ־געבונדען בלויז אינערהאַלב יעדע לאַנד, אָבער צווישען די לענדער איז דער פאַרבאַנד ניט נאָר שוואַכער, נאָר אָפטמאָל ווערט ער אינגאַנצען איבערגעריסען און ווערט פאַרביטען דורך מלחמות, ד. ה. איין לאַנד זוכט צו פאַרניכטען דאָס צווייטע און בארויבען איהר. דעריבער האַלטען טאַקע אייניגע געלערנטע, אז געזעל־שאַפט מיינט א מלוכה און פּאָליטישע עקאָנאָמיע רופען זיי „נאַ־ציאָנאַלע" אָדער „מלוכה" עקאָנאָמיע. אזא שטאַנדפּונקט איז אָבער ניט קיין ריכטיגער: א וועלכער עס איז ארבייטס־פאַר־באַנד איז מעהר־וועניגער דאָך פאַראַן, און אָט דער פאַרבאַנד ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און ענטוויקעלטער, אזוי, אז באַ־זונדערע לענדער ווערט אַלץ שווערער צו לעבען אָפּגעזונדערט אָהן געגענזייטיגע הילף.

**וואָס מיינט די „ארבייט-אָרגאַניזאַציע" פון דער גע־זעלשאַפט?**

— דאָס מיינט דער סך הכל פון אַלע **פּראָדוק־ציאָנס־באַציהונגען** צווישען מענשען.

**און וואָס זיינען אזוינס די „פּראָדוקציאָנס-באַציהונגען"?**

— אונטער'ן וואָרט „פּראָדוקציאָן" פאַרשטעהט די פּאָליטי־שע עקאָנאָמיע די אַלגעמיינע ארבייטס־אַקטיוויטעט פון מענשען, דעם סכום פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט. אין דער ארבייט קומען מענשען **נויטוועגדיגערוויזע** אין וועלכע עס איז באַציהונגען צווישען זיך. צום ביישפּיעל, מען דאַרף אי־בערטראָגען פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען א קלאָץ, וואָס וועגט צעהן פוד: איין מענש אַליין קען עס ניט טאָן, מוז זיך **פאַראייניגען** די ארבייט, לאָמיר זאָגען, פון צוויי מענשען; אויב די משא וועט וועגען הונדערט פוד, וועט זיין נויטיג די מיט־ארבייטערשאַפט פון 20—30 מענשען און נאָך מיט א פאָרמאַן

אַלס צוגאָב. די געזעלשאַפט דאַרף אויסאַרבייטען פאַרשידענערליי קאָמפּליצירטע פּראָדוקטען, איז נויטיג די צ ו ט ײ ל ו נ ג פון דער אַרבייט: איינינע מענשען, ווירטשאַפטען אָדער אונטערנעמונגען אַרבייטען אויס איין סאָרט פּראָדוקטען אָדער איין טייל פון זיי, די אַנדערע גרייטען צו אַנאַנדער מין פּראָדוקט אָדער אַנאַנדער טייל פון זיי. דערביי איז נויטיג, אַז מענשען זאָלען קענען קריגען און פאַרנוצען די פּראָדוקטען, וואָס אַנדערע האָבען אויסגעאַרבייט, למשל, דורך אומטוישען זיי. אָט די אַלע באַציהונגען צווישען מענשען, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך דער אַרבייט, רופען זיך פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס באַ צ י ה ו נ ג ע ן.

## וועלכע זיינען די הויפּט־פאָרמען פון פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען?

— די הויפּט־פאָרמען זיינען צוויי: 1) די באַציהונגען פון מ י ט א ר ב י י ט ע ר ש א פ ט און 2) די באַציהונגען פון צ ו נ ע מ ע ן, ד. ה. נעמען אַ זאַך און מאַכען עס פאַר פּריוואַט־איינענטום. מיטאַרבייטערשאַפט מיינט, אַז אָדער מענשען טוען צוזאַמען איין גאַנצע אַרבייט, ווי אין דעם אויבענדערמאָנטען פאַל פון איבערטראָגען אַ שווערע קלאָץ פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען, אָדער די צוטיילונג פון דער אַרבייט, ווען יעדערער טוט בלויז אַ טייל פון דער אַרבייט, ווי למשל אין אַ בגד: איינער נעהט אויף דעם אויבערשלאַג, איינער דעם אונטערשלאַג, אַ דריטער מאַכט פאַרטיג די אַרבעל, אַ פערטער נעהט איין קנעפּלעך א. אַז. וו. צונעמען מיינט, אַז אָדער מענשען אַרבייטען פ א ר אַנדערע, למשל, ווען אַ פּויער און אַ שמיד בייטען זיך מיט זייערע פּראָדוקטען, קוקט עס אויס, אַז דער פּויער האָט געאַרבייט פאַר'ן שמיד, און דער שמיד האָט געאַרבייט פאַר'ן פּויער, אָדער מענשען אַרבייטען א ו י ף אַנדערע, ווען מען נעמט צו איינעמס פּראָדוקט און מען גיט איהם גאָרנישט צוריק, אָדער מען גיט איהם אַזוי ווייניג, אַז עס דעקט ניט דעם ווערט פון'ם גאַנצען צוגענומענעם פּראָדוקט. דער גרעסטער טייל עקאָנאָמיסטען פאַרשטעהען אונטער די ווערטער „פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען" בלויז די באַציהונגען פון מיטאַרבייטערשאַפט, און דאָס **„צונעמען" איז**

פאר זיי א באזונדער גענענשטאנד. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג, ווייל דער עיקר סיי פון מיטארבייטען סיי פון צונעמען באשטעהט אין דעם פּראָדוקט, אָפּטמאָל קען מען זיי גארניט פאנאנדערטיילען אפילו. קען מען, למשל, אָפּטיילען דעם אויסטויש פון ארבייטס־צוטיילונג? אָהן ארבייטס־צוטיילונג קען קיין אויסטויש ניט זיין, ווייל עס איז ניטאָ מיט וואָס צו בייטען זיך — אלע שאפען דעמזעלבען פּראָדוקט, און קיינער וועט ניט בייטען ברויט אויף ברויט, און שטיוועל אויף שטיוועל; און אָהן אויסטויש האָט קיין זינען ניט די ארבייטס־צוטיילונג, ווארום וואָס פאר א נוצען וועט ברענגען, וואָס דער שניידער נעהט א בגד, און דער שוסטער — א פּאָר שיך, אויב זיי טוישען ניט אויס צווישען זיך די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט. אלזאָ, „מיטארבייטערשאפט" און דאָס „צונעמען" זייַנען צווישען זיך ענג צונויפגעבונדען און ביידע געהען אריין אונטער'ן באגריף פון פּראָדוקציאָנס־באציהונגען, פּראָדוקציאָנס־פארהעלטניסע.

**פּאַרוואָס זאָגט מען, אַז די פּראָדוקציאָנס־פארהעלטניסע שאפען די סטרוקטור, דעם געבוי פון דער געזעלשאפט?**

— ווייל אָהן זיי איז קיין געזעלשאפט ניטאָ, בלויז זיי בינדען צוזאמען די מענשען אין א געזעלשאפט. זייער כאראקטערשטריך איז די נויטווענדיגקייט: מענשען איז נויטווענדיג צו ארבייטען, כדי די געזעלשאפט זאָל קענען לעבען און עקזיסטירען, און עס איז נויטווענדיג צו פאראייניגען די ארבייט, כדי זי זאָל דערגרייכען איהר צוועק, כדי עס זאָל זיין מעגליך איינצוברעכען דעם ווידערשטאנד פון דער נאטור און צווינגען איהר, זי זאָל געבען די מענשען אלעס וואָס זיי דארפען. און ווייל די פּראָדוקציאָנס־באציהונגען שטעלען צוגויף דעם נויטווענדיגען פארבאנד צווישען מענשען, דעריבער זאָגט מען, אז זיי שאפען דעם פונדאמענטאלען פארבאנד, אָדער, וואָס איז אלץ איינס., די סטרוקטור, דעם געבוי פון דער געזעלשאפט. אלע אנדערע באציהונגען ווענדען זיך אָן די פּראָדוקציאָנס באציהונגען. צום ביישפּיעל די מיטארבייטערשאפט בינדט צוזאמען די ארבייטער, און דאָס, וואָס דער קאפּי־

טאַליסט נעמט צו פאר זיך דעם ארבייטער'ס פּראָדוקט, טיילט אָפּ די ארביימער פון דער בורזשואזיע. פון דעם נעמען זיך די פּאָלי־טישע און אידעען־באַציהונגען: אין פּאָליטיק און אין אידעען דערנענטערען זיך די ארבייטער צווישען זיך און קומען אין צו־זאַמענשטויס מיט דער בורזשואזיע, א. ד. גל.

## וואָס באדייט דער נאָמען „פּאָליטישע עקאָנאָמיע?

— בוכשטעבליך מיינט „עקאָנאָמיע" די וויסענשאפט וועגען ווירטשאפט, און „פּאָליטישע" מיינט דאָס זעלבע וואָס בירגער־ליכע —ביידע ווערטער זיינען גריכישע. נאָר ביי די גריכען פלעגט מען אונטער דעם וואָרט „בירגערליכע" פארשטעהן דאָס זעלבע וואָס היינט פארשטעהט מען אונטער די ווערטער „געזעלשאפט־ליכע" אָדער „סאָציאַלע", ד. ה. ניט בלויז די פּאָליטישע און רעכט־ליכע באַציהונגען אליין. קלאָרער און פּינקטליכער וואָלט געווען ווען אנשטאָט „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" זאָל מען עס רופען „סאָ־ציאַלע עקאָנאָמיע".

## צווייטער קאַפּיטעל

# פּראָדוקציאָן

**געהערט יעדער סאָרט מענשליכע ארבייט צום געביט פון פּראָדוקציאָן?**

— ניין, ניט יעדער. אין דער וויסענשאַפט טיילט מען פאַנאַנדער פּראָדוקטיווע ארבייט און ניט-פּראָדוקטיווע ארבייט.

**וואָס איז דער אונטערשייד צווישען זיי?**

— צווישען די עקאָנאָמיסטען עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג א חילוקי דעות וועגען דעם. אייניגע זאָגען, אז „פּראָדוקטיוו" רופט זיך בלויז אזא ארבייט, וועלכע שאַפט מאַטעריעלע ווערטען. אויף דעם אופן איז פּראָדוקטיוו בלויז די פיזישע ארבייט פון פּויער, בעל-מלאכה און ארבייטער, און דאָס אויך ניט אלע: ווען ארבייטער פיהרען איבער זאכען פון איין ארט אויפ'ן צווייטען, שאַפען זיי דאָך ניט קיין מאַטעריעלע פּראָדוקטען, דאַרף זיך דעריבער זייער ארבייט רעכענען אלס ניט קיין פּראָדוקטיווע, און וועגען אינטעלעקטועלע ארבייט, ווי לעהרער, מענשען וואָס פיהרען איין אָרדנונג אין אונטערנעמונגען און ד. גל., איז שוין אָפּגערעדט. אנדערע עקאָנאָמיסטען רעכענען פאַר פּראָדוקטיוו יעדע ארבייט, אין וועלכע די געזעלשאַפט נויטיגט זיך סיי פיזישע סיי גייסטיגע: אהערצו באַלאַנגען די ארבייט פון א שלאָסער, פון א מאשיניסט, פון א קאָנדוקטאָר, פון א לעהרער, א פאַרוואַלטער, וואָס ברענגט אלעס אין אָרדנונג א. אז. וו. אהער באַלאַנגען ניט: ערשטענס, פאַרניכטענדע ארבייט, ווי רויב און מאָרד; צווייטענס, ארבייט, וועלכע האָט ניט קיין שייכות צו דער געזעלשאַפט, וועלכע דינט בלויז צו באַפרידיגען יעדען איינצעלנעם אינדיווידואום, ווי שאַכמאַט-שפּיעל א. ד. גל. מיר וועלען אָננעמען דעם צווייטען באַגריף, וועלכער איז איינפאַכער און באַקוועמער.

פראָדוקטיווע ארבייט מיינט אַן ארבייט, וועלכע איז געזעל־שאפטליך־נוצליך, ד. ה. ברענגט נוצען דער געזעלשאפט. פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע איז די פונדאַמענטאַלע לערע וועגען דער געזעל־שאפט, און פאר דער געזעלשאפט איז ניט וויכטיג, צי דער רע־זולטאַט פון דער ארבייט איז אַ מאַטעריעלער אָדער ניט, פאר איהר איז בלויז וויכטיג, צי דער רעזולטאַט פון דער ארבייט ברענגט איהר נוצען אָדער ניט.

## וועלכע זיינען די עלעמענטען אָדער די באַדינגונגען פון פראָדוקציאָן?

—די עלעמענטען זיינען צוויי: ערשטענס, דער מענש אַליין, ד .ה. זיין ארבייטס־קראַפט, און צווייטענס, די נאַטור, ד. ה. די זאַכען און די כוחות, וועלכע ליגען אין דער נאַטור. פראָדו־צירען מיינט, אַז די געזעלשאַפט פארשווענדט אַ באַשטימטען סכום ארבייטס־קראַפט און אַזוי אַרום ווירקט זי אויף דער נאַטור און צווינגט איהר, זי זאָל געבען אַלעס, אין וואָס די געזעלשאַפט נוי־טיגט זיך. דער מענש פיהרט אַ קאַמפף מיט דער נאַטור פאר זיין עקזיסטענץ און הערשאַפט.

## וואָס רופט זיך אַן פראָדוקציאָנס־מיטלען?

— דאָס זיינען אַלע זאַכען און כוחות פון דער נאַטור, מיט וועלכע עס קומט אוים דער ארבייטס־קראַפט צו אַפּערירען. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס זיינען די ג ע צ י י ג און מ אַ־ ט ע ר י אַ ל ע ן פון דער ארבייט.

## וואָס מיינט די „געצייג” און די „מאַטעריאַלען” פון דער ארבייט?

— געצייג רופט זיך דאָס, מיט וואָס מען ארבייט, און „מאַ־טעריאַל” איז דאָס, וואָס מען בעאַרבייט. אין זיין קאַמפף מיט דער נאַטור זוכט דער מענש אונטערוואַרפען איהר אונטער זיך; מיט אַנדערע ווערטער, ער מאַכט אַזוי, אַז איינינע זאַכען און כוחות פון דער נאַטור העלפען איהם בייקומען און צוברעכען דעם ווידערשטאַנד פון אַנדערע נאַטור־קרעפטען, זיי ווערען, אַזוי צו זאָגען, זיינע פארבינדעטע אין זיין קאַמפף געגען דער נאַטור.

אזעלכע פארבינדעטע זיינען פאַראַן צווייערליי: לעבעדיגע, ווי ארבייטס־פיה, פערד, אייזלען, אָקסען א. א. וו., און טויטע — אינסטרומענטען, דאמפּף אָדער ווינט, עלעקטריק א. ד. גל. דאָס זיינען אלץ געצייג פון ארבייט. דאָס רוב זיינען זיי אליין פּראָדוקטען פון ארבייט: ארבייטס־פיה דארף מען צוגעוואוינען צו מענשען, צו דער ארבייט, געבען עסען, ערציהען א. א. וו.; דעם ווינט, עלעקטריק און דאמפּף דארף מען רעגולירען, שטעלען זיי אין באשטימטע באדינגונגען א. ד. גל.; אינסטרומענטען דארף מען מאַכען. דער מאטעריאל, וועלכען מענשען בעארבייטען, קען זיין אָדער אַ פּראָדוקט פון פריהערדיגער ארבייט, ווי פּאָדים פאר וועבער, אָדער ער געפינט זיך אין דער נאַטור אין פארטיגען צו־שטאַנד, ווי די רודא און שטיין־קוילען אויפ'ן אָרט, וואו מען גראָבט זיי.

### וועלכע באַזונדערע זייטען דארף מען נעמען אין אנ־באטראכט אין דער פּראָדוקציאָן?

— דריי: די טעכנישע, עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע.

### וואָס הייסט די טעכניק פון פּראָדוקציאָן?

— די טעכניק פון פּראָדוקציאָן מיינט די וועגען און מיטלען, דורך וועלכע דער מענש ווירקט אויף דער נאַטור. מעהרסטענטיילס קען מען דערקענען די טעכניק נאָך די געצייג, מיט וועלכע מען באנוצט זיך. אין די אורא̇לטע צייטען איז די געצייג געוועזן זעהר ווייניג אין צאָהל און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער איינפאכקייט (גאָר אַמאָל האָבען געדינט אַלס געצייג בלויז דער שטיין און אַ שטעקען); דערנאָך האָט זיך די טעכניק ענטוויקעלט, די געצייג האָט זיך פארפילפאכט און געוואָרען קאָמפּליצירטער, אָבער מען פלעגט אלץ ארבייטען מיט די הענט, ווי די געצייג פון בעל־מלאָכה און פּויער עטליכע הונדערט יאָהר צוריק; צום סוף האָבען זיך באוויזען מאַשינען, וועלכע ברענגען אין באוועגונג אלע אינסטרומענטען. אויסער די געצייג באלאנגט צו דער טעכ־ניק אויך דאָס אויסקלייבען מאטעריאל צו בעארבייטען און די פאָרמען, אין וועלכע מען באַנוצט זיך מיט זיי.

## וואָס איז דער עיקר פון דער טעכנישער אַרבייט? שאפט זי עפּעס נייעס אָדער ניט?

— אין דער פּראָדוקציאָן שאפט דער מענש לחלוטין גאָרנישט, ער טיילט בלויז פאנאנדער די עלעמענטען פון דער נאטור און פאראייניגט זיי איבעראניים, שאפענדיג נייע קאָמבינאציעס — ער אָרגאַניזירט די נאטור אזוי, זי זאָל דינען זיינע אינטערעסען. דאָס זעהט זיך אַרוים מעהר בולט, ווען מען זאָל פארגלייכען אַ קולטורעלע לאנד מיט אַ לאנד, וואו עס ציהען זיך ווילדע סטעפּעס און טייגעס.

## וואָס הייסט די „עקאָנאָמישע" זייט פון פּראָדוקציאָן?

— דאָס מיינט די פאָרמע, ווי מענשען זיינען אָרגאניזירט צווי־שען זיך אין דער פּראָדוקציאָן. די טעכניק צייגט די באציהונגען פון מענשען צו דער נאטור, די עקאָנאָמיק צייגט די באציהונגען פון מענשען צום מענשען אין דער געזעלשאפטליכער ארבייט. אין דער טעכניק אָרגאניזירט די געזעלשאפט די נאטור, אין דער עקאָ־נאָמיק אָרגאניזירט זי זיך אַליין.

## וואָס איז די „אידעאָלאָגישע" זייט פון דער פּראָדוקציאָן?

— דאָס זיינען די שפּראַך און דאָס דענקען, וואָס דינען אַלס געצייג, אַלס מיטלען, דורך וועלכע די פּראָדוקציאָן ווערט אָר־גאניזירט. צום ביישפּיעל, יעדע מיטארבייטערשאפט ווערט אָרגאַ־ניזירט מיט ווערטער און צייכענס, דורך וועלכע יעדער ארבייטער ווייס זיין ארט און ראָל אין דער אַלגעמיינער ארבייט. די ארבייט אַליין קען ניט אָרגאניזירט ווערען אָהן דער הילף פון טעכנישער וויסענשאפט ד. ה. אָהן די אָנגעזאמעלטע באגריפען און אידעען וועגען דער נאטור פון די געצייג, פון די מאטעריאלען און פון די מיטלען ווי אויסצונוצען זיי. די געזעלשאפט ווערט שטענדיג רייכער מיט ערפארונגען און דריקט עס אויס אין ווערטער און געדאנקען; זיי גיבען זיך איבער פון מענשען צו מענשען, פון איין דור צום צוויי־טען, אין אָנהויב אין אַ געוועהנליכער פאָרמע, אַלס פּראַקטיק, און שפּעטער אַלס שטרענגע וויסענשאפטליכע לעהרען. די גאנצע ווי־סענשאפט דינט אַלס אַ מיטעל ווי צו אָרגאניזירען די ארבייט ווייטער. אזוי רופט זיך די גאנצע טעכניק פון מאשינען־פּראָדוק־

ציאָן „וויסענשאפטליכע”, ווייל זי איז באגרינדעט אויף דער ווי־סענשאפט און איז אָרגאניזירט מיט דער הילף פון דער וויסענ־שאפט׳ס אָנווייזונגען און מעטאָדען.

**באשעפטיגט זיך די עקאָנאָמישע וויסענשאפט מיט אלע אפטיילונגען פון דער פראָדוקציאָן — מיט דער טעכני־שער זייט, עקאָנאָמישער און אידעאָלאָגישער?**

— —ניין. זי באשעפטיגט זיך בלויז מיט דער עקאָנאָמי־שער זייט. אָבער אזוי ווי אלע דריי טיילען זיינען צווישען זיך ענג צונויפגעבונדען און ווענדען זיך איינער אָן דעם צווייטען, דעריבער איז, כדי צו פארשטעהן גוט די עקאָנאָמיק, מוז מען האָ־בען אין זינען אויך די איבעריגע צוויי טיילען, אָבער בלויז אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי האָבען א שייכות צו דער עקאָנאָמיק, באשטימען איהרע אייגענשאפטען, רופען ארויס אין איהר וועלכע עס איז ענדערונגען, העלפען אָדער שטערען איהר ענטוויקלונג. א דאמפף־מאשין אינטערעסירט דער פאָליטישער עקאָנאָמיע ניט מיט איהר מעכאניזם, ניט מיט איהרע רעדלעך און שרייפלעך, ווי זיי זיינען קונציג צונויפגעשטעלט; די פאָליטישע עקאָנאָמיע אינ־טערעסירט זיך מיט דער דאמפף־מאשין בלויז צוליעב דעם, וואָס די מאשין האָט פארשנעלערט און פארברייטערט די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם און האָט אופן דעם אויף די גע־זעלשאפטליכע פארהעלטניסע צווישען מענשען אין באזונדערע לענדער. די קאטוילישע רעליגיע האָט געשפיעלט א וויכטיגע ראָל אין דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון אייראָפא; אָבער פאר דער פאָליטישער עקאָנאָמיע האָט די לעהרע פון קאטאָליציזם וועגען דעם, אז די הייליגע מאריע איז געבליבען א בתולה אפילו נאָך דעם ווי זי האָט געבוירען א זוהן, קיין שום באדייטונג ניט; די פאָלי־טישע עקאָנאָמיע אינטערעסירט זיך מיט׳ן קאטאָליציזם בלויז אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל אָט די רעליגיע האָט געשטיצט דעם אַל־טען, פעאָדאלען אָרדנונג און האָט געשטערט די ענטוויקלונג פון די נייע קאפיטאליסטישע כוחות און די אָרגאניזירונג פון די נייע באציהונגען צווישען מענשען. די פאָליטישע עקאָנאָמיע בא־שעפטיגט זיך, אלזאָ, אויך מיט דער טעכניק און מיט דער אי־

דעאָלאָגיע, אָבער בלויז פון איהר אייגענעם עקאָנאָמישען שטאַנד־פּונקט.

דעריבער איז זאָגען, אַז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לעה־רע וועגען געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט, וועט זיין ניט ריכטיג. צו דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט האָט א גרויסע שייכות אויך די טעכניק, אָבער מיט דעם באַשעפטיגען זיך די טעכנישע וויסענשאַפטען. די פראַגע וועגען דעם, ווי איז בעסער צו באַמיסטיגען און בעאַרבייטען די פעלד אָדער מיט וועלכע מיט־לען איז בעסער צו באַקומען פון דער ערד מעטאַלען — באַלאַנגען צו דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט, אָבער מיט זיי באַשעפטיגען זיך אָדער די אַגראָנאָמיע אָדער די מעטאַלורגיע, אָבער בשום אופן ניט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

### דריטער קאפיטעל.

## די אַרבייט און איהר פּראָדוקט.

**ווי קען מען אָפּמעסטען דעם סכום ארבייט אין דער פּראָדוקציאָן?**

— דאָס קען מען אויסמעסטען מיט'ן צאָהל ארבייטס־קראַפט, מיט דער לענג פון דער צייט און מיט דער אנשטרענגונג פון דער ארבייט. ארבייטען הייסט אויסגעבען א באשטימטען סכום ענערגיע. זעלבסטפאַרשטענדליך, וואָס מעהר ארבייטער עס זיינען באשעפטיגט און וואָס לענגערע שטונדען זיי ארבייטען, אַלץ מעהר ענערגיע ווערט אריינגעלעגט אין דער ארבייט. אָבער אין איינער און דערזעלבער צייט, לאָמיר זאָגען, אין א שטונדע, קען יעדער־ארבייטער אריינלעגען אין דער ארבייט מעהר ענערגיע אָדער ווי־ציגער, ער קען ארבייטען שנעלער אָדער לאַנגזאַמער. לעגט ער אריין מעהר ענערגיע, וועט ער אין א שטונדע שאַפען מעהר ארבייט; גיט ער אוים ווינציגער ענערגיע, וועט ער ארויסגעבען ווינציגער אַרבייט. אין דעם ערשטען פאַל איז די ארבייט מעהר אָנגע־שטרענגט, מעהר אינטענסיוו; אין צווייטען פאַל — קנאַפּער אָנגע־שטרענגט, ווינציגער אינטענסיוו. אין די מעהר עקאָנאָמיש־ענט־וויקעלטע לענדער איז די ארבייט אינטענסיווער, אין די עקאָנאָמיש־אָפּגעשטאַנענע לענדער איז זי ווינציגער אינטענסיוו. אן ענגלישער ארבייטער, צום ביישפּיעל, וועט מיט די זעלבינע געצייג אויסאר־בייטען אין א שטונדע צוויי מאָל אָדער צוויי און א האלב מאָל אזוי פיעל, ווי א רוסישער, און א רוסישער — מעהר איידער א כינעזער.

**וואָס מיינט די „אייגענשאַפט", דער „כאַראַקטער" פון ארבייט?**

— דעם מענשענס ארבייט פאַרפאָלגט פיעלערליי צוועקען, ער ארבייט אוים אַלערליי פּראָדוקטען, באַקומט צוליעב דעם די ארבייט שטענדיג אן אנדער פּנים, א באַזונדער כאַראַקטער. די אַרבייט

פון אַ שמיד פּאָדערט אַן אַנדער קאָמבינאַציע פון אַנשטרענגונג, איידער די ארבייט פון אַ פּויער אָדער אַ שוסטער. אָט דאָס מיינט מען, ווען מען רעדט וועגען באַזונדערע אייגענשאַפטען פון דער אַרבייט. אין היינטיגער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן טויזענטערליי באַזונדערע פאַכען, און אין יעדען פאַך האָט די ארבייט אַ באַזונ־דער אייגענשאַפט.

**וואָס מיינט די „פּראָדוקטיוויטעט" פון ארבייט?**

— דאָס מיינט דער גראַד פון ערפאָלג. וואָס מעהר פּראָדוק־טען מען ארבייט אוים מיט'ן זעלבען סכום פון ארבייט, אַלץ העכער איז די פּראָדוקטיוויטעט.

**אָן וואָס ווענדט זיך די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אר־בייט?**

— דאָס ווענדט זיך אָן די קענטשאַפט פון די ארבייטער, אָן זייער געאיבטקייט, אָן די געצייג און אויך אָן דער פאָרמע ווי די ארבייט איז אָרגאַניזירט. אַ געאיבטער ארבייטער וועט אין אַ שטונדע צייט ביי אַ גלייכע פאַרשווענדונג פון כוחות אַרויסגעבען מעהרער ארבייט איידער דער ניט־געאיבטער, ד. ה., זיין ארבייט וועט זיין מעהר פּראָדוקטיוו. נאָך שטאַרקער איז די ווירקונג פון די געצייג. עס איז גענוג צו צוגלייכען דאָס, וואָס דער אַמאָליגער ווילדער מענש האָט געקענט אויפטאָן מיט זיין שטיינערנער האַק, מיט דעם, וואָס אַן אַרבייטער קען היינט אויפטאָן מיט אַן אייזער־נער האַק. אפילו דער פעהיגסטער וועבער וועט אויף אַ האַנד־ווארשטאַט אויסוועבען ניט מעהר ווי אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס דער דורכשניטליכער וועבער קען אויסוועבען אויף אַ מעכאַנישען ווארשטאַט. אין דעם פאַל ווירקט אויך די אָרגאַניזירונג פון דער אַרבייט: די בעסערע געצייג, און נאָך מעהר די מאַשין, מוז דאָך ווער עס איז אנדערש צוגרייטען. אויסערדעם, ווערט די פּראָדוק־טיוויטעט פון אַרבייט פאַרגרעסערט דורך דער מיטארבייטערשאַפט אַליין אַפּילו מיט די זעלביגע געצייג. צעהן ווילדע, געהענדיג אויף פּאַלעוואַניע (געיעג) אַלע צוזאַמען, האָבען געקענט דערגרייכען ניט קיין צעהן מאָל אַזוי פיעל, נאָר הונדערט מאָל אַזוי פיעל רעזולטאַ־טען, ווי יעדער פון זיי באַזונדער. אָהן דער הילף פון די איבעריגע

וואלט דעם ווילדען געווען אינגאנצען אוממעגליך ארויסצוטרעטען אין קאמף מיט די שטארקערע אדער פלינקערע חיות: די צוטיילונג פון דער ארבייט, דאס ספעציאליזירען זיך פארגרעסערט די פראָ־דוקטיוויטעט פון דער ארבייט. אויף דעם זיינען געווען געבויט די אמאליגע מאנופאקטורען: קיין מאשינען האבען זיי ניט געהאט, אבער זיי האבען איינגעטיילט די ארבייט צווישען באזונדערע פאך־לייט, ספעציאליסטען. אנשטאט דעם, יעדער איינער זאל אליין מאכען, למשל, א גאנצען מעסער, האט מען די ארבייט צוטיילט צווישען עטליכע פאך־מענשען: מעטאל־גיסער, שמידען, שלייפער, שארפער, א. א. וו., דער רעזולטאט איז געווען, אז אויף יעדענס חלק איז אנגעקומען פיעל מעהר מעסערס, איידער ווען אין דער זעלבער צייט וואלט יעדער איינער באזונדער אויסארבייטען גאנצע מעסערס, פון אנהויב ביז'ן סוף.

לויט דער גרויס פון דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט קען מען וויסען, אויף א וועלכען הויך עס שטעהט די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

## וואס איז דער „ארביימס־ווערט" פון א פראדוקט?

— אונטער די ווערטער „ארביימס־ווערט" פארשטעהט מען דאס, וואס דער געזעלשאפט האט געקאסט די אויסארבייטונג פון פראדוקט. די געזעלשאפט פארשווענדט א באשטימטען סכום ארבייט, א באוואוסטען סכום ענערגיע. גלייכע פראדוקטען אין איינער און דערזעלבער געזעלשאפט האבען א גלייכען ארבייטס־ווערט. אין באזונדערע אונטערנעמונגען, פארשטעהט זיך, איז די פראדוקטיוויטעט אויך ניט קיין גלייכע, און אפילו אין איינער און דערזעלבער אונטערנעמונג איז די פראדוקטיוויטעט פון די באזונ־דערע ארבייטער דאך ניט קיין גלייכע, ווייל די אינדיווידועלע פעהיגקייטען פון מענשען זיינען ניט שטענדיג קיין גלייכע. אבער די פאליטישע עקאנאמיע האט ניט אין זינען די פעהיגקייט פון איינצעלנע פערזאנען, זי באטראכט די פראדוקציאן בלויז פון געזעל־שאפטליכען שטאנדפונקט. פאר דער פאליטישער עקאנאמיע איז וויכטיג דער נארמאלער אדער דורכשניטליכער סכום ארבייט, וועל־כער איז אריינגעלעגט געווארען אין דעם פראדוקט, דעריבער וועט

זיין ריכטיגער צו זאָגען, אַז „אַרבייטס-ווערט" מיינט די געזעלשאַפט־ליך־נויטיגע סומע ענערגיע, וואָס ווערט פארשוועגדעט אויף אויס־אַרבייטען דעם פּראָדוקט.

## מיט וואס קען מען אויסמעסטען דעם אַרבייטס־ווערט?

— מיט דער אַרבייטס-צייט, וועלכע דאַרף דורכשניטליך אַוועקגעהן אויף אויסצואַרבייטען דעם פּראָדוקט, און מיט דער נאָר־מאַלער, נויטווענדיגער אָנשטרענגונג פון דער אַרבייט. צום ביי־שפּיעל, אויב אויף איין פּראָדוקט איז אַוועקגעגאַנגען 5 שטונדען אַרבייט מיט א דורכשניטליכער אינטענסיוויטעט, און אויפ'ן צווייטען — צעהן שטונדען, זאָגען מיר, אַז דער ווערט פון דעם צווייטען פּראָדוקט איז צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי דער ווערט פון'ם ערשטען; אויב אויפ'ן צווייטען פּראָדוקט איז אַוועק־געגאַנגען דער זעלבער צאָהל שטונדען — 5, נאָר די אינטענ־סיוויטעט איז צוויי מאָל גרעסער, ווי פון דעם ערשטען, דעמאָלסט איז אויך דער ווערט פון צווייטען פּראָדוקט צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי פון דעם ערשטען; ווען אָבער אויפ'ן צווייטען פּראָדוקט האָט מען פארשוועגדעט 10 שטונדען אַרבייט, און די אינטענסיוויטעט איז אויך צוויי מאָל גרעסער ווי פון דעם ערשטען, דאַן זאָגען מיר, אַז דער ווערט פון צווייטען פּראָדוקט איז פיער מאָל גרעסער פון דעם ערשטען, אָדער צוואַנציג שטונדען געזעלשאַפטליך־נויטיגע אַרבייט. דאָס, וואָס איין אַרבייטער אַרבייט מעהר אינטענסיוו און דער צווייטער ווינציגער, נעמט זיך ניט אין אַנבאַטראַכט, דאָס קען האָבען א באַדייטונג בלויז, ווען מען דאַרף באַשטימען דעם גע־צאָהלט, וואָס מ'דאַרף געבען יעדען אַרבייטער, אָבער ניט, ווען מען דאַרף באַשטימען דעם ווערט פון פּראָדוקט: דעם קויפער פון א וועלכען עס איז פּראָדוקט אינטערעסירט ניט, צי ביי דעם אַרביי־טער איז אַוועקגעגאַנגען מעהרער צייט אָדער ווינציגער, צי די אינ־טענסיוויטעט איז געוועזן העכער אָדער נידעריגער.

**אָבער ווי קען מען אויסגלייכען דעם ווערט פון פאַר־שיעדענע פּראָדוקטען, אויב די אַרבייט, וואָס עס איז אין זיי אַריינגעלעגט געוואָרען, איז גאָר פון באַזונדערע מינים, ווי, למשל, די אַרבייט פון אַ פּויער, אַ שוסטער, אַ מעכאַניק, א. אַ. וו. ?**

— באַזונדערע סאָרטען אַרבייט שיידען זיך פאַנאַנדער מיט דעם, וואָס אייניגע זיינען מעהר קאָמפּליצירט, די צווייטע — ווינ־ציגער. אַזוי איז די אַרבייט פון אַ טאָקער מעהר קאָמפּליצירט איידער די אַרבייט פון אַ פּויער, און די אַרבייט פון אַ זייגער־מאַכער איז נאָך קאָמפּליצירטער פון זיי ביידען, א. אַ. וו. אָבער זאָגען, אַז אַן אַרבייט איז מעהר קאָמפּליצירט, איז דאָסזעלבע ווי זאָגען, אַז מען דאַרף אויף איהר אַוועקלעגען מעהר כוחות, אַז זי פאָדערט אַ גרעסערע אנשטרענגונג — מען מוז פריהער לערנען זיך די אַרבייט און, גאַנץ אָפט, אַ לאַנגע צייט. ווען מיר דאַריבער די ווינציגער קאָמפּליצירטע פּראָדוקטיווע אַרבייט, וועלכע עס געפינט זיך אין דער געזעלשאַפט, אָנרופען מיט'ן נאָמען „איינפאַכע אַרבייט", און יעדע קאָמפּליצירטע אַרבייט וועט מיט דער הילף פון כפל געבראַכט ווערען אויף דעם אופן צו איינפאַכע אַרבייט. מיר ווען אַזוי אויסרעכענען, צום ביישפּיעל, אַז איין שטונדע טאָקערשע אַרבייט איז גלייך צו צוויי שטונדען איינפאַכע אַרבייט, און די ווערטען קענען פאַרגליכען ווערען איינער צום צווייטען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַרבייט, וועלכע איז אין זיי אַריינגעלייגט, איז פון פאַרשידענע מינים.

**אין וועלכען צוזאַמענהאַנג געפינען זיך די פּראָדוקטי־וויטעט פון אַרבייט און דער אַרבייטס־ווערט פון פּראָדוקט ?**

— וואָס העכער די פּראָדוקטיוויטעט, אַלץ נידעריגער איז דער אַרבייטס־ווערט, און פאַרקעהרט (אין מאַטעמאַטיק רופט זיך אַן אַזאַ באַציהונג: „פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל", ד. ה., מיט וויפיעל אָדער אין וויפיעל מאָל איין זאַך איז גרעסער, איז די צווייטע זאַך מיט אַזוי פיעל אָדער אין אַזוי פיעל מאָל קלענער). לאָמיר זאָגען, למשל, אַז אויף אויסוועבען איין אַרשין לייוונט געהט אַוועק צוויי שטונדען „איינפאַכע אַרבייט", איז דאָס זיין ווערט; און אויב אויף

א פּאָר שיך געהט אויף אוועק צוויי שטונדען איינפאכע ארבייט, דאן זיינען די ווערטען פון אַ ארשין לייווענט און פון א פּאָר שיך גלייך צו צוויי שטונדען איינפאכע ארבייט. לאָמיר זיך איצט פאָר־שטעלען, אז אין לייווענט־וועבעריי זיינען געמאכט געוואָרען איינִי־גע פארבעסערונגען, מען האָט איינגעפיהרט מאשינען א. ד. גל., דאן קען מען אַ ארשין לייווענט אויסוועבען אין איין שטונדע צייט, און דער ווערט פון איין ארשין לייווענט וועט שוין ניט זיין צוויי שטונדען איינפאכע ארבייט, ווי פריהער, נאָר בלויז איין שטונדע, און דער ווערט פון שיך בלייבט דערזעלבער וואָס פריהער — צוויי שטונדען. אלזאָ, ווייל די פּראָדוקטיוויטעט פון לייווענט איז פארגרעסערט געוואָרען אין צוויי מאָל, איז דער ווערט פון לייווענט פארקלענערט געוואָרען אין צוויי מאָל.

**וואָס רופט זיך דער געברויכט־ווערט פון א פּראָדוקט?**

— דאָס מיינט דער נוצען, וואָס דער פּראָדוקט ברייננגט. יעדער פּראָדוקט באַפרידיגט אַ באַשטימטע פאָדערונג פון דער געזעל־שאפט — אויב ניט, וואָלט מען איהם דאָך ניט פּראָדוצירען. און דאָ רעדט זיך ניט וועגען פּערזענליכע באַדערפעניִשען פון מענשען, ווי עסען, טרינקען, א בגד א. ד. גל. אייזען, ציגעל, אויל, געהען ניט פאר דעם פּערזענליכען געברויך פון מענשען, זיי זיינען אָבער נויטיג פאר דער געזעלשאפט, כדי מען זאָל קענען פּראָדוצירען אַנ־דערע זאכען. דאָס אלעס רופט זיך דער „געברויכס־ווערט“, די געזעלשאפטליכע נוצליכקייט.

**אין וועלכע זשע באַציהונגען געפינען זיך דער אַר־בייטס־ווערט און דער געברויכס־ווערט?**

— דאָס זיינען צוויי געזעלשאפטליכע זייטען פון פּראָדוקט, זיי זיינען צווישען זיך ענג צוזאַמענגעבונדען, זיי העלפען איינער דעם צווייטען, נאָר אין דערזעלבער צייט זיינען זייערע פונקציעס געגענגעזעצטע. ארבייטס־ווערט איז דאָס, וואָס די געזעלשאפט האָט געגעבען דעם פּראָדוקט, געברויכס־ווערט איז דאָס, וואָס די געזעלשאפט באַקומט פון דעם פּראָדוקט. אויף אויסארבייטען דעם פּראָדוקט געהט אוועק אַ באַ־שטימטע סומע כוחות און געזעלשאפטליכע ענערגיע — דאָס איז

דער ארבייטס־ווערט; דער פראָדוקט באַפרידיגט דערנאָך באַ־שטימטע באַדערפנישען, ער ווערט פארנוצט, ער ערגענצט, פאר־פילט די פאלאָרענע ענערגיע — דאָס איז דער געברויכס ווערט. יעדע זאך, וואָס לעבט, באַזיצט אָט די צוויי זייטען: א מענש ארבייט אויפ'ן פעלד, ד. ה. ער פארשווענדט זיין ענערגיע, דערנאָך עסט ער און פארשטארקט זיין ענערגיע. אזוי איז מיט'ן איינ־צעלנעם, מיט'ן אינדיווידואום, אזוי איז אויך מיט דער גאַנצער געזעלשאפט.

## פערטער קאַפּיטעל.

# מיטאַרבייטערשאַפט.

### וועלכע פאַרמען פון מיטאַרבייטער שאַפט זיינען פאַראַן?

— די פאַרמען פון מיטאַרבייטערשאַפט זיינען פיעלפאַכיג און פאַרשידענאַרטיג, אָבער מען קען זיי אַלע אנטיילען אין עטליכע גרונט־טיפּען: 1) איינפאַכע מיטאַרבייטערשאַפט, 2) באַהערשונג, 3) ספּעציאַליזירונג, 4) חבר׳שע קאָאָפּעראַציע.

### וועלכע מיטאַרבייטערשאַפט איז די איינפאַכע?

— דער גרעסטער טייל פּאָליטיקא־עקאָנאָמישע ביכער ערקלערט, אַז איינפאַכע מיטאַרבייטערשאַפט (איינפאַכע קאָאָפּעראַציע) רופט זיך דער פאַל ווען אַלע אָנטיילנעמער ערפילען איינע און דיזעלבע ארבייט, און קאָמפּליצירטע מיטאַרבייטערשאַפט (קאָמפּליצירטע קאָאָפּעראַציע אָדער די צוטיילונג פון ארבייט) מיינט אַז יעדער ארבייטער טוט בלויז אַ טייל פון דער ארבייט אָדער באַזונדערע ארבייט. אָבער דאָ מישט מען צונויף צוזאַמען ווייט ניט קיין גלייכע פּראָדוקציאָנס באַציהונגען. לויט דיזער ערקלערונג, באַלאַנגען צו דער איינפאַכער מיטאַרבייטערשאַפט סיי די מיטאַרבייטערשאַפט פון די ווילדע, וועלכע פּלעגען זיך צונויפקלייבען אָהן אַ פאָראויסבאַשטימטען פּלאַן און וואַרפען זיך אין אומאָרדנונג אויף אַ וועלכער עס איז חיה און הרג׳ענען איהר, און סיי די מיטאַרבייטערשאַפט פון חברים, וועלכע ארבייטען אויס צוזאַמען אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, און דערנאָך פיהרען זיי איהם דורך: די פּרימיטיווסטע און די העכסטע פאַרמע פון מיטאַרבייטערשאַפט ווערען צוגערעכענט צו איינעם און דעמזעלבען קלאַס. דאַריבער ווילען מיר צורעכענען צו דער איינפאַכער מיטאַרבייטערשאַפט בלויז די איינציגע פאָרמע, וואו מענשען ערפילען איינע און דיזעלבע ארבייט, אָבער זיי האָבען זיך פריהער ניט צוזאַמענגערעדט און קיינע פּלענער

ניט אויסגעאַרבייט און עס איז ניטאָ קיין פּאַרוואַלטער, וועלכער זאָל האַלטען אָרדנונג און אָנפיהרען די אַרבייט. אהער באַלאַנגען ניט בלויז די פּרימיטיווע אַרבייט פון די ווילדע, נאָר אויך פיעלע אַנדערע איינפאַכע פאָרמען. מען דאַרף איבערטראָגען פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען אַ קופּע שטיינער. דאָס האָט געקאָנט טאָן איין מענש אין דריי טעג, נאָר אַנשטאַט דעם טוען עס דריי מענשען אין איין טאָג: אַלע טוען איינע און דיזעלבע אַרבייט, זיי שטערען ניט איי־נער דעם צווייטען און זיי העלפען ניט איינער דעם צווייטען ניט דירעקט , ניט אינדירעקט — דאָס איז איינפאַכע מיטאַרבייטער־שאַפט.

## וועלכע מיטאַרבייטערשאַפט באַלאַנגט צו דער פאָרמע פון באַהערשונג?

— דאָרטען וואו איינער אָרגאַניזירט די אַרבייט, און די איבריגע דאַרפען איהר אויספיהרען לויט די אָנווייזונגען פון אָרגאַניזאַטאָר. אזוי איז געווען געבויט די פּאַטריאַרכאַלע קאָמונע, וואו דער פּאַטריאַרך איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער גאַנצער אַרבייט; אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט האָט דער פעאָדאַל געהערשעוועט איבער די פּויערים און איז אַליין געווען אונטערגעוואָרפען צו אַן אַנדערען, צו אַ העכערען פעאָדאַל; בשעת פאַנטשטשינע און אין אַ שקלאַפען־ווירטשאַפט וואַרפט זיך די אונטערטעניגקייט, די אונ־טערגעוואָרפענקייט נאָך מעהר אין די אויגען; אין יעדע פּויערשע פאַמיליע פון אונזער צייט איז דער מאַן, דער פאָטער — דער בעל הבית, דער גאַנצער בעל דעה איבער דער ווירטשאַפט, און די פרוי מיט די קינדער מוזען איהם זיין געהאָרכזאַם; אויף אַ פאַבריק זיינען די אַרבייטער אונטערגעוואָרפען אונטער דעם קאַפּיטאַליסט, וועל־כער האָט די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע מאַכט אין זיינע הענט, אָדער אונטער די אינזשענירען און דירעקטאָרען, וועלכע האָבען באַקו־מען זייער מאַכט פון'ם קאַפּיטאַליסט. עהנליכעס צו דעם געפינען מיר אין דער טשינאָווניקשער יעראַרכיע, אין דער אַרמיי, אין פּלאַט, ביי די גייסטליכע. כדי די פאַראָרדנונגען פון דעם דעה־זאָגער, זיינע אָנווייזונגען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען, מוז ער באַזיצען „אויטאָ־ריטעט". דער אויטאָריטעט שטיצט זיך אָדער אויף דעם, וואָס

ער, דער אָרגאַניזאַטאָר, האָט מעהר ערפאַהרונג, ווי דער פּאַטריאַרך אין דער אַמאָליגער קאָמונע, אָדער אויף דעם, וואָס ער איז מאַטע־ריעל און עקאָנאָמיש שטאַרקער, ווי דאָס איז דער פאַל אין דער שקלאַפישער, פעאָדאַלער און קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט. דערויבער רופט זיך אָן אַזא פאָרמע מיטארבייטערשאַפט אויך „אויטאָ־ריטאַרע״.

## וועלכע מיטארבייטערשאַפט גערהט אריין אין באגריף „ספּעציאַליזירונג״?

— דאָס איז דער פאַל, וואו מענשען פיהרען דורך א גאַנצען פּלאַן פון ארבייט, אָבער יעדערער פילט אוים בלויז א טייל פון דער ארבייט, וועלכע איז נויטיג פאַר דער גאַנצער ווירטשאַפט. אין די אַמאָליגע קאָמונעס פלעגען די מענער באַשעפטיגען זיך מיט געיעג, די פרויען פלעגען צוגרייטען עסען. די קינדער פלעגען קלייבען פּרוכט; אין היינטיגער צייט באַזאָרגען אַלעמען די פויערים מיט ברויט, פלייש און מילך, די בעלי מלאכות, די ארבייטער — מיט קליידער, געצייג א. ד. גל. איינע אָהן די צווייטע וואָלטען ניט קענען עקזיסטירען, יעדערער פּראָדוצירט פאַר׳ן געברויך פון דעם אנדערען, און אַלע צוזאַמען שטעלען צונויף די אַלגעמיינע ווירט־שאַפט — דאָס איז די צוטיילונג פון ארבייט אין דער געזעלשאַפט. פאַראַן נאָך אַן אנדער סאָרט ספּעציאַליזירונג: אויף א פאַבריק גרייט מען צו מאַשינען. דאָרטען ארבייטען שמידען, שלעסאַרעס, טאָ־קערס, שלייפער, מענשען וועלכע שטעלען צונויף די מאַשינען, א. א. וו. — דאָס איז די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער פּראָ־דוקציע.

## וואָס מיינט חבר׳שע קאָאָפּעראַציע?

— דאָרטען, וואו מענשען ארבייטען אוים צוזאַמען אַן אַלגע־מיינעם פּלאַן און טאָקע זיי אַליין פיהרען איהם דורך. דער שוואַכער זאָמען פון דער פאָרמע געפינט זיך אין די אַמאָליגע משפחה־קאָמונעס און שבטים־פאַרבאַנדען. ווען עס פלעגט פאָרשטעהן זעהר א וויכטיגע און קאָמפּליצירטע אונטערנעמונג, ווי, למשל, א געיעג אויף געפעהרליכע און שטאַרקע חיות אָדער א מלחמה, פלעגען אַלע דערוואַקסענע מענער צונויפקלייבען זיך און צוזאַמען

אויסארבייטען אן אלגעמיינעם פלאן, דערפאר אבער ביים דורכ־פיהרען דעם אויסגעארבייטען פלאן, פלעגען שוין זיין באשטימטע, שטענדיגע אדער צייטווייליגע פיהרער, נאטשאלניקעס, וועמען אלע האבען געמוזט אומבאדינגט פאלגען. די חבר'שע פארמע פון מיטארבייטערשאפט איז קיינמאל ניט פארשוואונדען, דאך האט זי זיך ביז דער לעצטער צייט זעהר שוואך ענטוויקעלט און האט פארנומען אין דער געזעלשאפט זעהר א קליינעם פלאץ: עס זיינען געווען חברות פון סוחרים אין די שטעדט פון מיטעל־אלטער (גיל־דעס), חברות פון בעלי מלאכות בעלי־בתים (צעכען), פון געזעלען (ברודערשאפטען), א. אז. וו., אבער אויך דארטען פלעגט די אנפיה־רענדע מאכט באלאנגען צו באשטימטע אנפיהרער, וועלכע פלעגען פארוואלטען לויט זייער אייגענעם ווילען. בלויז זינט עס האט זיך ענטוויקעלט דער ארבייטער קלאס איז עס אוועקגעגאנגען שנעלער: אומעטום, וואו עס איז נאר מעגליך פאר די ארבייטער אליין אנפיהרען זייערע געשעפטען, עקאנאמישע אדער אנדערע, באמערקט זיך א שטרעבונג צו ארגאניזירען זיך לויט דער פארמע פון חבר'שאפט; וועג אפילו עס רוקען זיך ארויס פארוואלטער און ארגאניזאטארען, ווי אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען אדער קא־אפעראטיוון, געפינען זיי זיך אבער מעהרסטענטיילס אונטער אזא שטארקען אלגעמיינעם קאנטראל, אז זייער זעלבסטשטענדיגקייט איז כמעט א פול באגרענצטע.

## וועלכע מיטארבייטערשאפט טראגט דעם נאמען אר־גאניזירטע, און וועלכע אומארגאניזירטע?

— ארגאניזירטע — איז אזא ארבייט, וועלכע פיהרט זיך לויט א באשטימטען, אויסגעארבייטען פלאן, און עס מאכט ניט אויס צו זי ווערט דורכגעפיהרט דורך איינעם, דורך עטליכע אדער דורך אלעמען צוזאמען; וואו קיין אויסגעארבייטער פלאן איז ניטא איז עס אן אומארגאניזירטע. פאלגליך, איז אויטאריטארע און חבר'שע מיטארבייטערשאפט טראגען דעם נאמען ארגאניזירטע, און די פארמען פון איינפאכע מיטארבייטערשאפט און ספעציאליזירונג באלאנגען צו אומארגאניזירטע. די היינטיגע קאפיטאליסטישע גע־זעלשאפט רעכענט זיך פאר א עקאנאמיש אומארגאניזירטע, ווייל

יעדע אונטערנעמונג ווערט געפיהרט אויף אייגענעם אחריות, זי איז אין גאַנצען זעלבסטשטענדיג און רעכענט זיך ניט מיט אַלע איבריגע. יעדע פאַבריק איז אַן און פאַר זיך אַן אָרגאַניזירטע אונטערנעמונג: פאַראַן אַן אויסגעאַרבייטער פּלאַן פון אַרבייט מיט איינעם, וועלכער פיהרט איהר אָן, און די אַרבייט פון יעדען איינצעלנעם איז צוגעפּאַסט, צונויפגעבונדען מיט דער אַרבייט פון אַלע איבריגע, אָבער די קאַפּיטאַליסטישע **געזעלשאַפט** אַלס אַ גאַנצע איז ניט קיין אָרגאַניזירטע.

איז מעגליך אַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיין אין גאַנצען עקאָנאָמיש אָרגאַניזירט?

— די געשיכטע צייגט אונז, אַז — יאָ. די פּאַטריאַרכאַלע משפּחה־קאָמונע איז שוין געווען אַן עקאָנאָמיש אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט. נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע קען ניט זיין זעהר קיין ברייטע, ווייל די כוחות און די פעהיגקייטען פון איין מענשען — פון אָרגאַניזאַטאָר — זיינען זעהר באַגרענצטע. אין אַ חבר'שע מיטאַרבייטערשאַפט איז אָבער אַזאַ באַגרענצונג ניטאָ, ווייל דאָרטען אָרגאַניזירט די אַרבייט ניט איין מענש, נאָר אַלע צוזאַמען, דער גאַנצער קאָלעקטיוו. דעריבער איז אַזאַ געזעלשאַפט, אַ קאָלעקטיווע געזעלשאַפט, קען זיך פאַרשפּרייטען אומבאַגרענצט און אין דערזעלבער צייט קען זי זיין אָרגאַניזירט.

## פינפטער קאפיטעל.

# פאראייגענען.

(צונעהמען, פארכאפען, פארנעהמען)

**וואס מיינט פאראייגענען ?**

— דאָס מיינט, אז א זאך ווערט דאָס אייגענטום פון א פערזאָן אָדער פון א גרופע פערזאָנען.

**וועלכע זאכען קענען פאראייגענט ווערען ?**

— ערשטענס, אלערליי פראָדוקטען פון געזעלשאפטליכער ארבייט. צווייטענס, אלערליי פראָדוקציאָנס־מיטלען, אפילו ווען זיי זיינען ניט פראָדוצירט דורך דער ארבייט פון מענשען, ווי די קראפט פון פליסענדען וואסער, קיינמאָל ניט באריהרטער באָדען א. ד. ג.

**קען מען פאראייגענען בלויז מאטעריעלע זאכען, אדער אויך ניט קיין מאטעריעלע ?**

— ביידע־ערליי, סיי מאטעריעלע און סיי ניט קיין מאטעריעלע. דורך דעם וואָס מען דינגט ארבייטער, פארנעהמט דער בעל־הבית א טייל פון דער ארבייטס־קראפט, און ארבייטס־קראפט איז בלויז די פיזישע און גייסטיגע פעהיגקייט צו ארבייטען. ווען דאָס אייגענטום פון א מענשען ווערט א וועקסעל אָדער וועלכע עס איז אקציעס און אָבליגאציעס, מיינט עס ניט דער שטיקעל פאפיר, נאָר דאָס רעכט אויף מענשענ׳ס צוקינפטיגער ארבייט: די פראָצענטען אויף מלוכה־הלוואות ווערען אויסגעצאָהלט פון פאָדאטקעס און נאלאָגען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר א טייל פון פאָלק׳ס פראָדוקט, פון פאָלק׳ס ארבייט.

**אזוי ווי די פאָליטישע עקאָנאָמיע אינטערעסירט זיך מיט די געזעלשאפטליכע באציהונגען צווישען מענשען, דארף זי זיך אינטערעסירען אויך מיט דאס אינדיווידועלע אייגענטום אָדער ניט ?**

— געוויס דארף זי, ווייל אינדיווידועלע אייגענטום איז ניט

קיין פערזענליכע זאַך, נאָר א רעזולטאַט פון געזעלשאַפטליכע באַ־ציהונגען. ערשטענס, דאָס רוב איז פריוואַט אייגענטום א רע־זולטאַט פון פרעמדער ארבייט. אויב א הויז איז מיין פריוואַט־אייגענטום, הייסט דאָס, אז אויף מיר האָבען געארבייט מוליאַ־רעס, סטאָליארעס, טינקעווער, גלעזער, פארבער א. א. און דאָס באלאנגט שוין צו די פראָדוקציאָנס־באַציהונגען צווישען מיר און זיי. צווייטענס מיינט ניט פריוואַט אייגענטום, אז דער מענש זאָל עס רעכענען פאַר זיין פריוואַט אייגענטום: א קליין קינד אָדער א אידיאָט קען באַזיצען פריוואַט־אייגענטום, ווען זיי ווייסען אפילו פון דעם גאָרניט; דריטענס, מיינט אויך ניט פריוואַט אייגענטום, אז דער מענש זאָל זיך באַנוצען מיט דאָס אייגענטום: עס קען טרעפען א מענש זאָל באַזיצען אייגענ־טום, וועלכע ער האָט קיינמאָל אין די אויגען ניט אָנגעזעהן.

פריוואַט אייגענטום מיינט, אז די געזעלשאַפט אנערקענט פאַר דער פערזאָן דאָס רעכט אויף א באַשטימטע זאַך און אנער־קענענדיג באַשיצט זי דאָס אייגענטום און ערלויבט ניט עמיצער זאָל עס מיט גוואַלד צונעהמען: בלויז די פערזאָן אליין האָט דאָס רעכט צו טאָן מיט דאָס אייגענטום וואָס זי וויל.

## וועלכע זיינען די מיטלען פון פאַראייגענען?

— דער אוממיטעלבארער און דער אויסטויש. ווען איינער נעהמט צו א פראָדוקט פון זיין אייגענער אָדער פרעמדער ארבייט און גיט פאַר דעם גאָרנישט, הייסט דאָס אוממיטעלבאַר פאַראייגענען; ווען אָבער ער גיט פאַר דעם פראָדוקט אַן אנ־דער זאַך, הייסט דאָס אויסטויש. ווען דער פויער נעמט צו פאַר זיך די תבואה פון זיין פעלד, וועלכע ער האָט אליין באַארבייט אָדער ווען דער פריץ נעהמט ביי איהם צו א טייל פון די תבואה — איז דאָס א פאַל פון אוממיטעלבארען פאַראייגענען; אָבער ווען דער פויער בייט אוים די תבואה אויף אַן אקער אָדער ער נעהמט פאַר די תבואה געלט און קויפט פאַר די געלט אַן אקער, דאַן איז עס דער פאַל פון אויסטויש.

## וועלכע פאַרשידענע טיפּען פון פאַראייגענען זיינען פאַראַן אין באַצוג צו דער אַרבייט?

— צוויי: פאַרהאַרעוועטע און עקספּלואַטאַציע. ווען דער פּויער נעהמט צו פאַר זיך זיין אייגענע תבואה, איז דאָס פאַרהאַרעוועטע; ווען דער פּריץ נעהמט צו ביים פּויער די תבואה פאַר רענט אָדער פאַר פּראָצענט, איז דאָס עקספּלואַטאַציע. ווען דער פּויער בייט אוים זיין תבואה דירעקט אויף אַן אַקער אָדער ער פאַרקויפט די תבואה און פאַר די געלט קויפט ער אַן אַקער, טראָגט דאָס אַלץ דעם כאַראַקטער פון פאַרהאַרעוועטע; ווען אָבער דער קאַפּיטאַליסט נעהמט צו דעם גאַנצען פּראָדוקט, וואָס די אַרבייטער האָבען געשאַפען, און די שכירות, וועלכע ער צאָהלט זיי, דעקען בלויז אַ טייל פון זייער פּראָדוקט, דאַן טראָגט דאָס דעם כאַראַקטער פון עקספּלואַטאַציע. אין דער וועלט פון האַנדעל, ביים אויסטויש, קויפען און פאַרקויפען איז שווער און מאַנכעס מאָל אוממעגליך אונטערצושיידען דאָס פאַרהאַרעוועטע פאַראייגענען פון עקספּלואַטאַציע, ווייל ניט שטענדיג איז גרינג צו זעהן, צי האַלטען איין די געביטענע פּראָדוקטען אַ גלייכען סכום געזעלשאַפטליכע אַרבייט אָדער ניט. אָבער די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט ניט צו טאָן מיט איינצעלנע פאַלען, זי זוכט אונטער די ערשיינונגען אין אַלגעמיין, און דעם אינהאַלט פון מאַסען-ערשיינונגען איז שוין גרינגער צו געפינען.

## וואָס מיינט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע דאָס וואָרט „פאַרטיילונג"?

— דאָס רוב מיינט מען מיט דעם די שטופע פון רייכקייט און אָרעמקייט פון פאַרשידענע קלאַסען, גרופּען אָדער איינצעלנע מענשען, ד. ה. ווי אַזוי דאָס געזעלשאַפטליכע אייגענטום איז צווישען זיי פאַרטיילט. אַמאָל באַנוצט מען זיך מיט דעם וואָרט אויך כדי צו פאַרצייכענען דעם סדר, דעם וועג, וועלכען דאָס געזעלשאַפטליכע אייגענטום געהט דורך ביז וואַנען עס ווערט סוף כל סוף פאַרטיילט צווישען די קלאַסען, גרופּען אָדער איינצעלנע מענשען. אָבער אין דעם פאַל איז גלייכער צו רופען עס „דער פּ ר אָ צ ע ס פון פאַרטיילונג".

## זעקסטער קאפיטעל.

# דאס אויפהאלטונג און ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

**וואס פאדערט זיך אום אויפצוהאלטען דאס לעבען פון דער געזעלשאפט?**

— מען מוז שטענדיג אנהאלטען און באשיצען די פראדוקציאן. צוליעב דעם איז נויטיג צו באנייען די ארבייטס־קראפט, וועלכע מען האט פארשוועגדט אין פראצעס פון ארבייט, און די ארבייטס־קראפט קען באנייט ווערען דאן, ווען עס וועלען באפרידיגט ווערען די באדערפנישען פון די ארבייטער. אלזא, כדי אויפצוהאלטען די פראדוקציאן, און ממילא די גאנצע געזעלשאפט, מוז מען פארשווענדען א באשטימטע סומע ארבייט אום צו באקומען די אלע מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג צו באפרידיגען די באדערפנישען פון די ארבייטער.

**דארף מען צוליעב דעם אויך באפרידיגען די באדערפנישען פון דעם ארבייטערס פאמיליע — זיין פרוי און קינדער, וועלכע נעמען ניט קיין אנטייל אין דער פראדוקציאן?**

— געוויס, דארף מען, ערשטענס, איז די פאמיליע נויטיג אלס א מיטעל צו באנייען די ארבייטס־קראפט, ווען זי האט זיך שוין אפגעניצט: ווען דער ארבייטער ווערט אלט, ער ווערט א קאליקע אדער ער שטארבט, דארף מען האבען אנדערע מענשען, וועלכע זאלען פארנעמען זיין פלאץ; צווייטענס, אויב דעם ארבייטערס פאמיליע וועט ליידען הונגער און ווערען אויסגעצעהרט, וועט דער ארבייטער, אלס א מאן און א פאטער, ניט קענען קאנצענטרירען זיין אויפמערקזאמקייט אויף דער ארבייט, און דערפון וועט ליידען די פראדוקציאן.

**וואָס פאַר א נאָמען גיט מען דער סומע געזעלשאַפטליכע ארבייט, וועלכע איז נויטיג אום צו באפרידיגען די נאָרמאלע באַדערפעניסען פון די אַרבייטער?**

— דאָס רופט זיך: געזעלשאַפטליכע נויטווענדיגע ארבייט.

**וואָס מיינט די נויטווענדיגע אַרבייט פון יעדען איינצעלנעם אַרבייטער?**

— דער טייל געזעלשאפטליכע נויטוועדיגע ארבייט, וועלכע יעדער איינצעלנער ארבייטער דארף אָפּטאָן.

**לויט וועלכער מאָס קען מען באַשטימען די גרויס פון אָט דעם טייל?**

— לויט די נאָרמאלע באַרערפנישען פון דעם אַרבייטער. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז די פּראָדוקטען, וואָס דער ארבייטער פארנוצט אין א טאָג אין דער פאָרמע פון שפייז, קליידער און אזוי ווייטער, קאָסט דער געזעלשאפט 6 שטונדען איינפאכע ארבייט פון אנדערע ארבייטער (עס האָט דעם ווערטה פון 6 שטונדען איינפאַכע ארבייט). אין אזא פאַל איז דער ארבייטער מחויב אומקערען דער געזעלשאפט 6 שטונדען איינפאכע ארבייטס ענערגיע, פיעל ער האָט פון איהר באַקומען דורך'ן טאָג אין דער פאָרמע פון פארשיעדענערליי פּראָהוקטען, וועלכע ער האָט פארנוצט, און אָט די 6 שטונדען איינפאכע ארבייט וועלען מיט זיך פאָרשטעלען די נויטווענדיגע ארבייט פון אָט דעם איינצעלנעם ארביי־טער. אויב ער זאָל ניט אויסארבייטען אזוי פיעל, וועט עס הייסען, אז ער האָט ביי דער געזעלשאפט גענומען מעהר איידער ער גיט איהר אָפּ; און אויב דאָס זעלבע זאָל זיין אויך מיט אַנדערע ארביי־טער, וועט די הוצאה פון דער געזעלשאפט זיין גרעסער פון איהר הכנסה, און זי וועט מוזען אונטערגעהן — אזא ווירטשאפט קען ניט עקזיסטירען לאנג.

דאָס איז אלץ גערעדט בלויז וועגען אויפהאַלטען די געזעלשאפט, זי זאָל ניט ווערען אויסגעצערט, זי זאָל ניט געהען באַנקראָט. וואָס דארף מען אָבער טאָן, אז די געזעל־

**שאפט זאל זיך קענען ענטוויקלען, זאל פראגרעסירען און וואקסען?**

— צוליעב דעם דארף מען, אז די געזעלשאפט זאל באקומען צוריק פון די ארבייטער ניט בלויז די נויטווענדיגע ארבייט, נאר אויך א הוספה, אדער, ווי מען רופט עס געוועהנליך, מעהר־ארבייט, וועלכע וועט אוועקגעהן אויף פארברייטערען די פראדוקציאן און ממילא אויך אויף פארגרעסערען די באדערפענישען פון דער געזעלשאפט.

**ווי געפינט מען אוים די מעהר־ארבייט פון יעדען איינצעלנעם?**

— אויב די נויטווענדיגע ארבייט איז, ווי לויט אונזער פריהערדיגער השערה, 6 שטונדען איינפאכע ארבייט, וועט די גאנצע צייט, וואס ער ארבייט מעהר פון די 6 שטונדען, זיין מעהר־ארבייט. אויב אנשטאט 6 שטונדען וועט ער ארבייטען 12, וועט עס הייסען, אז די געזעלשאפט האט פון איהם באקומען 6 שטונדען מעהר־ארבייט.

**איז שטענדיג מעגליך פאר דער געזעלשאפט און פאר יעדען איינצעלנעם צו באקומען מעהר־ארבייט?**

— ניין, ניט שטענדיג. אין די אמאליגע, אלטע צייטען איז די פראדוקטיוויטעט פון ארבייט געוועזן זעהר נידעריג, מען האט געמוזט פארשווענדען א מאסע ארבייט, כדי צו באקומען די נויטיגע צאהל געברויכס־מיטלען. דער ווערטה פון די פראדוקטען, וואס דער ארבייטער האט פארנוצט אין א טאג, איז געווען, לאמיר זאגען, 12 שטונדען איינפאכע ארבייט, און ארבייטען מעהר פון 12 שטונדען א טאג איז שווער, דאן, פארשטעהט זיך, איז קיין מעהו־ארבייט ניט געווען. אבער ווי נאר די ארבייט איז געווארען פראדוקטיווער, און 11 מיט א האלבער שטונדע ארבייט איז שוין געווען גענוג צו דעקען דעם ווערטה פון די פראדוקטען, וואס דער ארבייטער האט פארנוצט אין דעם טאג, דאן האט זיך פון א 12 שטונדיגען טאג ארבייט באקומען א האלבע שטונדע מעהר־ארבייט, און א דאנק דעם איז געווארען מעגליך פאר דער געזעלשאפט צו ענטוויקלען זיך.

## ווי זשע קומט פאָר אָט די ענטוויקלונג?

— די איבריגע האַלבע שעה קען אַוועקגעהן אויף פאַרבעסע־רען, פאַרפאָלקאָמענערען די געצייג אָדער אויף אויסאַרבייטען פּלע־נער ווי בעסער אָרגאַניזירען די פּראָדוקציאָן. מעהרסטענטיילס, אַר־בייט מען אָט די האַלבע שטונדע אַלץ איינס ווי די פריהערדיגע עלף מיט אַ האַלב, ד. ה., עס ווערט געשאַפען מעהר פּראָדוקט. אָט דער איבעריגער פּראָדוקט ווערט פאַרנוצט דורך אַנדערע מענשען, וועלכע אַרבייטען שוין ניט פיזיש, נאָר גייסטיש: זיי זאַמלען צונויף די ערפאַהרונג, סיסטעמאַטיזירען איהר, מאַכען פון איהר אַ סך הכל און אַרבייטען אויס נייע מעטאָדען פון אַרבייט, געפינען אויס נייע פּלעצער, וואו צו באַזעצען זיך א. ד. גל.

די וועגען פון ענטוויקלונג זיינען פאַרשידענאַרטיג, אָבער דער יעצם בלייבט דער זעלבער.

ווען די געזעלשאַפט באַזיצט די פולע סומע נויטווענ־דיגע אַרבייט, קענען מיר שוין דאַן זיין זיכער, אַז די געזעל־שאַפט וועט עקזיסטירען, אָדער ניט? און ווען זי האָט נאָך דערצו אויך מעהר־אַרבייט — איז שוין דאָס אַ גענינגענדע גאַראַנטיע, אַז זי וועט זיך ענטוויקלען?

— ניין, עס איז נאָך נויטיג, אַז די פאַרטיילונג פון די פּראָ־דוקטען זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די ווירקליכע באַדערפנישען פון דער פּראָדוקציאָן. אין דער געשיכטע ווייסען מיר אַזעלכע פאַלען, ווען די געזעלשאַפט האָט געהאַט אין איהר באַזיץ די פולע סומע אַרבייט און פּראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג כדי צו באַנייען די פאַרשוואונדעטע אַרבייטס־ענערגיע, זי האָט אפילו געהאַט אויך מעהר־פּראָדוקט, און דאָך האָבען די אַרבייטער ניט געהאַט די מעגליכקייט צו באַפרידיגען אַלע זייערע באַדערפנישען, די אַר־בייטס־ענערגיע איז געוואָרען אָפּגעשוואַכט, און די גאַנצע געזעל־שאַפט איז ביסלעכווייז איינגאַנצען אונטערגעגאַנגען. אַזוי איז גע־ווען אין די אַנטיטשנע (אַמאָליגע, פון אַלטערטום) לענדער פון רוים און גריכענלאַנד, אין די מזרח־אַזיאַטישע שקלאַפען־מלוכות, אין שפּאַניען פון זיבעצענטען און אַכצענטען יאָהרהונדערטע און אין פיעלע אַנדערע.

## ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירען?

— דורך דעם, וואָס די פאַרטיילונג פון דער ארבייט און פון די פּראָדוקטען זיינען געווען אויף א פארשווענדערישען אופן. אין דער אנטיטשנער וועלט פון גריכענלאַנד און רוים, אויך אין די שקלאַפען־מלוכות זיינען די אייגענטימער געווען אַ פּאַראַזיטישער קלאַס פון פריצים, וועלכע האָבען אליין ניט געארבייט, נאָר זיי האָבען געלעבט מיט דער ארבייט פון זייערע קנעכט. די ארבייטער זייערע פלעגען באַקומען פיעל ווינציגער איידער עס איז נויטיג געווען פאַר זיי אָנצוהאַלטען זייער עקזיסטענץ, און דער גאַנצער מעהר־פּראָדוקט, אויך דער טייל, וואָס מען האָט ניט דערגעבען די ארבייטער זיינען אוועקגעגאַנגען ניט אויף פארברייטערען און פארגרעסערען די פּראָדוקציאָן, נאָר אויף צו באַפרידיגען די קאַפּריזען פון די פריצים - בעלי־הבתים, זייער משוגענע יאָגעניש נאָך ראַסקאַש, נאָך וואוילטאָג. דאָס קאָן אָבער פּאַסירען אויך דאָרטען, וואו דער מעהר־פּראָדוקט געהט אוועק אויף דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן. אַזוי זעהען מיר אין היינטיגער געזעלשאַפט, וואו די פּראָדוקציאָן ווערט ניט קאָנטראָלירט, אַלץ איז געבויט אויפ'ן אויסטויש, אויף מקח וממכר (קויפען און פארקויפען) פאַר געלט, ווערט אויסגעארבייט מעהר סחורות איידער די געזעלשאַפט דארף און קען פארנוצען. דער מאַרק איז פארוואָרפען מיט וואַרע, וועלכע קיינער קויפט ניט, עס קומט'אָן אַ קריזיס, די ארבייט ווערט אָפּגעשטעלט, און אין דער צייט ווען די שפּייכלער ברעכען זיך פון די זאַפּאַסען סחורות, וואָס פוילען דאָרטען, האָבען די ארבייטער ניט די מעגליכקייט צו קויפען זיי. עס איז קלאָר, אַז אויך אין דעם פאַל ליגט די הויפּט סבה אין דעם, וואָס די פּראָדוקציאָן איז ניט אין איינקלאַנג מיט די באַדערפענישען, אָדער, ווי מען דריקט זיך געוועהנליך אויס, „זיי געפינען זיך אין אַ ווידערשפּרוך". כל זמן דער ווידערשפּרוך איז ניט זעהר גרויס און טיעף, כל זמן דער ווידערשפּרוך איז בלויז אַ טיילווייזער, קען נאָך די געזעלשאַפט לעבען און ענטוויקלען זיך; אָבער וואָס ווייטער ווערט דער ווידערשפּרוך אַלץ ברייטער און טיעפער און קען ברייגנען די געזעלשאַפט צום צוזאַמענברוך.

זיבעטער קאַפּיטעל.

# די איינטיילונג פון דער פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמישער וויסענשאַפט

## ווי טיילט מען געוועהנליך איין אין די לעהר־ביכער די פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמישע וויסענשאַפט?

— אין דריי טייל: פּאָליטישע עקאָנאָמיע אויסשליסליך, עקאָנאָמישע פּאָליטיק און די געשיכטע פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג. אונטער די ווערטער „אויסשליסליך פּאָליטישע עקאָנאָמיע" ווערט פאַרשטאַנען די לעהרע פון היינטיגען עקאָנאָמישען אָרדנונג (קאַפּיטאַליסטישען); עקאָנאָמישע פּאָליטיק מיינט די פּראַקטישע, געהילף־וויסענשאַפט וועגען די צוועקען און מיטלען פון דער געזעלשאַפט־ליך־עקאָנאָמישע ארבייט פון דער רעגירונג, פּאַרטייען און קלאַסען; די געשיכטע פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג מיינט פּשוט אויסגעפינען דעם וועג, וועלכען די מענשהייט איז דורכגעגאַנגען ביז וואַנען זי איז געקומען צום היינטיגען עקאָנאָמישען אָרדנונג.

## וועלען מיר זיך אויך האַלטען אָן אַזאַ איינטיילונג?

— ניין, ווייל דאָס איז וויסענשאַפטליך ניט אינגאַנצען ריכטיג. מען קען ניט ריכטיג פאַרשטעהן דעם היינטיגען אָרדנונג, ווען מען איז ניט באַקאַנט מיט דער פריהערדיגער געשיכטע פון ענטוויקלונג. ערשטענס, ווייל ער איז א רעזולטאַט פון די פריהערדיגע פאָרמען, און, צווייטענס, ווייל די ענטוויקלונג ווערט פאָרטגעזעצט, דער היינטיגער אָרדנונג איז בלויז א רינג אין א קייט, ער בייט זיך אום און געהט איבער ביסלעכוויז אין א נייעם אָרדנונג. און די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון געזעלשאַפטליכע גרופּען וועט אויך זיין קלאָר און פאַרשטענדליך בלויז דאַן, ווען מען איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די צוזאַמענשטויסונגען און געגענזייטיגע ווירקונג פון אַט די גרופּען.

## וואָס פאר אַן איינטיילונג וועלען מיר אָננעמען?

— מיר וועלען אויף איהר קוקען אלס אויף א לעהרע וועגען דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט. דאַריבער וועלען מיר זיך פריהער באקאַנען מיט די נויטיגע אלגעמיינע באַגריפען; ווייטער וועלען מיר זעהען צו באַקאַנען זיך מיט איהרע מעטאָדען, און דערנאָך וועלען מיר זיך באַקאַנען, טריט ביי טריט, מיט אַלע פאָרמען און סיסטעמען, ווי זיי זיינען ענטשטאַנען, ענטוויקעלט און איבערגעגאנגען אין נייע פאָרמען. זעלבסטפארשטענדליך, אַז אויף דער היינטיגער עקאָנאָמישער פאָרמע וועלען מיר זיך אָפּשטעלען לענגער, ווייל אָט די פאָרמע איז אונז נעהנטער און אין פראקטישען לעבען וויכטיגער.

## אכטער קאַפּיטעל.

# די מעטאָדען און די באַדייטונג פון דער עקאָנאָמי־שער וויסענשאַפט.

### פון וועלכען קוואַל שעפּט די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט איהר מאַטעריאַל?

— אין דער געגענוואַרט — פון לעבען אַליין, באָאָבאַכטענדיג די ווירקליכע פאַקטען פון עקאָנאָמישען לעבען; וועגען דער פאַרגאַנגענהייט — פון היסטאָרישע שריפטען און דאָקומענטען; און אין באַצוג צו די גאָר אַלטע, בעפאָר־היסטאָרישע צייטען באַנוצט מען זיך מיט איבערגעבליבענע פון יענע צייטען מאַטעריעלע זאַכען, ווי געצייג, געשיר און אַלערליי אויסגעאַרבייטע קונסט־ווערק, און ניט — מאַטעריעלע, ווי די פילאָלאָגישע אונטערזוכונג פון די אַמאָליגע שפּראַכען, אידעען, א. ד. גל. כדי צו באַקאַנען זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, באָאָבאַכטעט מען אויך דעם לעבען פון די אָפּגעשטאַנענע פעלקער און שבטים, וועלכע שטעהען נאָך אויף א נידריגע שטופע פון ענטוויקלונג. אין אַלגעמיין, איז דער מאַטעריאַל פאַר דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע זעהר גרויס און קאָמפּליצירט, ווי פאַר דער געגענוואַרט אַזוי אויך פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט.

### מיט וועלכע מעטאָדען באַנוצט זיך די פּאָליטישע עקאָנאָמיע אום צו בעאַרבייטען דעם אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל?

— מיט דיזעלבע צוויי מעטאָדען, וועלכע ווערען באַנוצט אויך אין אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען: מיט דער **אינדוקציע** און מיט דער **דעדוקציע**.

### אין וואָס באַשטעהט דער אינדוקטיווער מעטאָד?

— לויט דעם מעטאָד געהט מען איבער פון איינצעלנעם צום אַלגעמיינעם. מען קלייבט אָן וואָס מעהר איינצעלנע פאַקטען, דערנאָך זוכט מען אויס אַלעס, וואָס אין זיי איז פאַראַן אַלגע־

מיינעם, און אויף דעם אופן באקומט מען די ערשטע גענעראַליזירונג (פאראלגעמיינערונג, דאָס ברייננגען צו אן אלגעמיינעם כלל); דאן גלייכט מען צו צווישען זיך די ערשטע גענעראַליזירונגען און מען געפינט אויס נאָך ברייטערע גענעראַליזירונגען, אָדער, ווי מען דריקט זיך געוועהנליך אויס, גענעראַליזירונגען פון א העכערער רייהע א. א. וו.

למשל, מיר וועלען נעהמען די ווירטשאפט פון איין שוסטער, פון א צווייטען, פון א דריטען, א פערטען, א. א. וו., מיר וועלען זיי צוגלייכען איינע צו דער צווייטער און אויסגעפינען דאָס אלגעמיינע אין זיי, אזוי וועלען מיר פעסטשטעלען די גענעראַליזירונג פון א שוסטערשע ווירטשאַפט. אויף דעם אופן וועלען מיר גענעראַליזירען די ווירטשאפט פון שניידעריי, בעקעריי, פון קצבים, שמידען, סטאָליארעס, א. א. וו., זיי אלע אונטערשיידען זיך איינע פון דער צווייטער, אָבער אין דערזעלבער צייט האָבען זיי פיעלעס עהנליכעס, אלגעמיינעס, און אז מיר וועלען אויסגעפינען צט דאָס עהנליכעס, אלגעמיינעס פון די אלע ווירטשאפטען, וועלען מיר האָבען די גענעראַליזירונג פון דער ווירטשאפט פון א בעל־מלאכה. דאן וועלען מיר צוגלייכען די גענעראַליזירונג פון א בעל־מלאכה'שע ווירטשאפט מיט דער גענעראַליזירונג פון א פויערשע ווירטשאפט און וועלען אויסגעפינען א נאָך־העכערע גענעראַליזירונג — די גענעראַליזירונג פון דער ווירטשאפט פון א קליינעם פראָדוצירער. אָט דער מעטאָד רופט זיך **אינדוקציע**.

## וואָסער מעטאָד רופט זיך דעדוקציע?

— דער פארקערטער וועג: ווען מען געהט פון דאָס אלגעמיינע צום איינצעלנעם. למשל, מיט דער הילף פון דער אינדוקציע האָבען מיר אויסגעפינען, אז די קליינע בעל־מלאכה'ישע ווירטשאפטען ווערען אין קאפיטאליסטישען אָרדנונג אָפּגעשוואכט און שטאַרבען ביסלעכווייז אויס. לאָמיר זיך איצטער פאָרשטעלען, אז אין כינע (קיטאי, טשיינא) באמערקט זיך די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם, דאן שליסען מיר, אויפ'ן סמך פון פריהערדיגען אלגעמיינעם כלל, אז מיט דער צייט וועלען אין כינא די קליינע ווירטשאפטען אָפּשטאַרבען. דאָס איז דעדוקציע — מען נעמט

אַן אַלגעמיינעם כּלל און מען פּאַסט איהם צו צו אַן איינצעל־
נעם פאַל.

## מיט וועלכע מיטלען באַנוצט זיך די אינדוקציע?

— מיט דריי: 1) באַשרייבונג, 2) אונטערזוכונג, 3) פאַר־
איינפאַכונג. מיר נעהמען אַלע אַלגעמיינע שטריכען פון דער בעל־
מלאכה'שע ווירטשאַפט און באַשרייבען זיי, מיר ד ע ר צ ע ה־
ל ע ן אַלעס, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען — דאָס וועט זיין
אַן איינפאַכע באַשרייבונג. זוכען מיר אָבער אונטער, ווי אָפט
באַגעגענען זיך די אָדער יענע שטריכען, אין וועלכער מאָס, זייער
גרויס — דאָס וועט זיין אַ סטאַטיסטישע אונטערזוכונג אָדער
אויסרעכענונג. אַז מיר וועלען אָבער אויסטיילען די הויפּטשטרי־
כען און פאַרשטעלען דעם לעבען פון בעל־מלאכה ניט מיט א ל ע
פּאַסירונגען זיינע, נאָר מיט די ה ו י פּ ט פאַקטען — דאַן וועט
עס זיין אַ פאַראיינפאַכונג. דער מיטעל רופט זיך אויך אַ ב־
ס ט ר אַ ק צ י ע — מיר וואַרפען אַפּ אַלעס, וואָס איז ניט זעהר
וויכטיג, ניט כאַראַקטעריסטיש, און עס בלייבט בלויז איבער דער
עיקר, דער תמצית, וועלכע מען קען שוין ניט אַראָפּוואַרפען, ווייל
דאַן וואָלט זיך דער לעבען פון אַ בעל־מלאכה אונז פאַרגעשטעלט
ניט אין זיין ריכטיגען געשטאַלט — ער וואָלט געווען אַ פיקציע,
אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

## וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבען אָט די דריי מיטלען פאַר דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע?

— אָהן זיי וואָלט געווען אוממעגליך צו וויסען דעם עקאָנאָ־
מישען לעבען. די באַשרייבונג שטעלט אונז פאַר אַ ב י ל ד פון
די עקאָנאָמישע ערשיינונגען. אָבער אין דעם בילד קענען אריין
שטריכען ניט קיין וויכטיגע, וועלכע זיינען ניט קיין נויטווענדיג־
קייט אין לעבען, זייער ווירקונג איז נאָר אַ צופעליגע, מוז מען דע־
ריבער האָבען די סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען, וועלכע טראָגען
אריין פּ י נ ק ט ל י כ ק י י ט , צייגען אָן די שטריכען, וועלכע
מ ו ז ע ן זיין אין דער ווירטשאַפט. דער לעבען איז אָבער קאָמ־
פּליצירט, און עס איז שווער פ אַ ר צ ו ש ט ע ל ע ן זיך, ווי ער
קומט פאָר און ווי ער ענטוויקעלט זיך, דאַן קומט די פאַראיינ־

פאַכונג, מען נעמט ארויס בלויז די הויפּט־פאַקטען, די גרונט־שטרי־כען, און דער פּראָצעס פון לעבען און זיין ענטוויקלונג ווערט אונז ק ל ע ר ע ר

## וואָס איז נויטיג, צו מאַכען זיכערער די באַשלוסען פון דעדוקציע ?

— מען דאַרף זעהען, אַז די אַלגעמיינע כּללים, אויפ׳ן סמך פון וועלכע אונזערע שלוסען ווערען געמאַכט, זאָלען זיין פּינקטליכע און זיכערע. דעריבער איז בלויז די דעדוקציע ריכטיג, וועלכע שטיצט זיך אויף פעסטגעשטעלטע עקאָנאָמישע ג ע ז ע צ ע ן. אָבער אַט די עקאָנאָמישע געזעצען קען מען אויסגעפינען מיט דער הילף פון דער אינדוקציע דורך דעם מיטעל פון פּ אַ ר אַ י י נ פ אַ כ ו נ ג , קען מען דעריבער זאגען, אז די פאַראייִנפאַכונג איז די הויפּט און בעס־טע שטיצע פאַר דער דעדוקציע.

## וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פאַר׳ן לעבען, פאַר דעם מענשען׳ס אַקטיוויטעט ?

— די פּאָליטישע עקאָנאָמיע לערנט דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט און די באַציהונגען צווישען מענשען אין דער געזעל־שאַפט. דעריבער איז אַ דאַנק דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע באַקומען מענשען די מעגליכקייט צו פאַרשטעהן דעם פּלאַץ, וואָס זיי פאַר־נעמען אין דער געזעלשאַפט, די ווירקליכע, ניט שיינבאַרע, פאַר־העלטניסע זייערע צו אַנדערע מענשען. ווייטער. די פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע שטודירט די געזעלשאַפט אין איהר ענטוויקלונג און ברייגנט ארויס די געזעצען פון דער ענטוויקלונג, קען דעריבער אויף דעם סמך יעדערער פאַראויסזעהן, אין וועלכער ריכטונג עס געהט דער עקאָנאָמישער לעבען, וואוהין שטרעבען די פאַרשיעדענע געזעל־שאַפטליכע כּוחות, און ער באַקומט די מעגליכקייט צו באַשטימען ב אַ ו ו אַ ו ס ט ז י נ י ג , וועלכע כּוחות דאַרף ער אונטערשטיצען און וועלכע ער דאַרף באַקעמפען. ניט וויסענדיג די גרעניצען פון געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, ניט פאַרשטעהענדיג דעם אינהאַלט און די באַדייטונג פון די עקאָנאָמישע ערשיינונגען, קען טרעפען איינער זאָל טאָן פאַרקערט איידער זיינע אינטערעסען פאָדערען, ער זאָל פאַרשווענדען זיינע כּוחות אויף אַן ארבייט, וואָס איז שעד־

ליך פאַר דער געזעלשאַפט, אָדער וועלכע איז געגען דעם, וואָס עס מוז קומען. בלויז באַנוצענדיג זיך מיט דער פּראָדוקציאָנס-קראַפט פון דער וויסענשאַפט, באַקומט דער מענש זיין באַוואוסט-זיין, ער ווייס וואס ער טוט און איז זיכער, אז זיין ארבייט וועט ניט אוועקגעהן אין ניוועץ, אז ער וועט דערגרייכען דעם צוועק, וועלכען ער האָט זיך געשטעלט. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויכטיגסטע און נויטווענדיגסטע וויסענשאַפט פאַר יעדען מענ-שען, פאַר יעדען בירגער.

## צווייטע אפטיילונג

# די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג

## ערשטער קאַפּיטעל

# הויז־ווירטשאַפט

### וואָס רופט זיך הויז־ווירטשטפט?

— אזא ווירטשאַפט, וועלכע לעבט איינגאַנצען מיט די פּראָדוקטען פון אייגענער ארבייט, און ניט מיט די פּראָדוקטען, וועלכע מען קריגט אויפ׳ן מארק דורך אויסטויש (חילוף, אויסבייטען). דער געגענזאַץ צו הויז־ווירטשאַפט איז די אויסטויש־ווירטשאַפט, וועלכע קען עקזיסטירען בלויז ווייל מען בייט אויס די אייגענע פּראָדוקטען אויף פרעמדע, קויפענדיג און פארקויפענדיג סחורות אויפ׳ן מארק.

### עקזיסטירט ערגעץ היינט הויז־ווירטשאַפט?

— בלויז אין די גאָר פארוואָרפענע פלעצער אויף דער ערד, אין רוסלאנד — ביי די האלב־ווילדע פון סיביר. אין אלגעמיין איז די אויסטויש־ווירטשאַפט די הערשענדע פאָרמע ניט נאָר אין די פאָרטגעשריטענע לענדער, נאָר אויך אין די אָפּגעשטאַנענע, אָבער אומעטום האָט זי זיך ענטוויקעלט פון דער הויז־ווירטשאַפט, וועלכע איז מיט אייניגע הונדערט יאָהר צוריק געוועזן די הערשענדע פאָרמע אין גאַנץ אייראָפּא.

### וועלכע פאָרמען פון הויז־ווירטשאַפט זיינען אונז באַוואוסט?

— דריי גרונט־פאָרמען, וועלכע זיינען היסטאָריש געקומען איינע נאָך דער צווייטער: 1) די פאַמיליען־קאָמונע, 2) די פאַטריארכאַלע קאָמונע, 3) דער פעאָדאַליזם.

### מיט וואָס אונטערשיידען זיך אָט די פאָרמען איינע פון דער צווייטער?

— ערשטענס מיט דער פאָרמע פון מיטארבייטערשאַפט און צווייטענס מיט דער פאָרמע פון פארטייגענונג. דער הויפּט אונ־

טערשייד, הייסט דאָס, האָט צו טאָן מיט דער גרויס פון אר־ביימס־צוטיילונג און מיט דער ענטוויקלונג פון עקספּלואטאציע.

## א) די פאמיליען־קאָמונע.

### וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די פּרימיטיווע קאָ־מונע?

— איהר כאראקטער־שטריך באַשטעהט אין דעם, וואָס זי ענטהאַלט אין זיך א קליינע גרופּע מענטשן — העכסטענס עט־ליכע צענדליג, וועלכע באַלאַנגען אלע צו איין פאמיליע. דאָרטען איז געווען די איינפאַכע מיטארבייטערשאפט, און עס איז גאָרניט געווען אָדער עס זיינען געווען בלויז די ערשטע שפּראָצ[illegible]ן פון צוטיילונג פון ארבייט. יעדע קאָמונע איז געווען אינגאנצען אָפּ־געזונדערט פון די איבעריגע און קיין זאַך האָט זיי ניט צוזאמענ־געבונדען. קיין עקספּלואטאַציע איז ניט געווען, און עס האָט ניט געקענט זיין, עס איז אפילו ניט געווען קיין פאראייגענונג: אלע צוזאמען האָבען גלייך געארבייט און דערנאָך גלייך עס פאר־נוצט. אַזעלכע באַציהונגען טראָגען דעם נאָמען: פּרימיטיווער קאָמוניזם.

### וועלכע אורזאַכען האָבען געווירקט, עס זאָל באַשאַפען ווערען אַזאַ פאָרמע?

— דאָס איז געווען א רעזולטאַט פון דעם ניט־ענטוויקעלטען, עמבריאָלאָגישען צושטאַנד פון דער טעכניק. זייערע געצייג זיינען געווען די איינפאַכסטע, וועלכע מען קען זיך נאָר פארשטעלען, און דאָס אויך אין זעהר א קליינעם צאָהל: אין אָנהויב האָבען געדיענט אַלס געצייג אַ שטיין און אַ שטעקען, ווי מען האָט זיי געפונען אין דער נאַטור; שפּעטער זיינען שוין געקומען ניט קיין קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציעס, ווי אַ שטיינערנע האַק, א שטיי־נערנער האַמער, א שטעקען מיט אַ שטיקעל אפּגעבראָכענעם שטיין אויפ'ן שפּיץ אָדער מיט א שאַרפען ביין א. ד. גל. אפילו די מעגליכ־קייט מאַכען פייער, וועלכער איז אַזוי נויטיג אין קאַמף מיט דער נאַטור, איז אויסגעפונען געוואָרען ערשט אין סוף פון דיזען פּעריאָד. פון ערד־ארבייט און פיה־ווירטשאַפט איז נאָך דאָן קיין

סימן ניט געווען, דער איינציגער מיטעל פון דערנערען זיך איז געווען וואנדערענדע געיעג, וואס האָט זיך אויסגעדריקט אין הרג'ענען חיות און קלייבען ווילדע פרוכט, קערנער, וואָרצלען און אז. וו.

וווי אזוי זיינען פון אזא טעכניק ארויסגעוואקסען די ערשטע שפּראָצונגען פון מיטארבייטערשאפט?

— די ארבייט איז געווען זעהר איינפאך, יעדערער האָט געקענט טאָן די זעלבע ארבייט, וואָס אלע איבעריגע, עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאר ספּעציאליזירונג און עס זיינען ניט נויטיג געווען קיינע אָרגאניזאטאָרען פון דער ארבייט, אלע האָבען אליין געוואוסט און געזעהען וואָס און ווי מען דארף טאָן. אויף דעם אופן האָבען אלע געארבייט צוזאמען, געטאָן איינע און דיזעלבע ארבייט און עס איז באשאפען געוואָרען די פאָרמע פון איינפאכע מיטארבייטערשאפט.

פאַרוואָס איז די פרימיטיווע פאַמיליען־קאָמונע באשטאנען פון אזא קליינעם צאָהל מיטגלידער?

— דער איינציגער מיטעל צום לעבען איז געווען וואנדערענדע געיעג, און ביי די פרימיטיווע מעטאָדען און געצייג האָט עס געגעבען אזוי ווינציג, אז מען האָט געמוזט האָבען א גרויסען שטח לאנד אום צו געפינען דאָרטען גענוג שפּייז. אין אזא קלימאט, ווי אונזערער צום ביישפּיעל, מוז מען האָבען לערך א קוואדראט־מייל (א רוסישער מייל איז אין 6—7 מאָל גרעסער איידער אן אמעריקאנער), אז א גרופּע פון א מענשען צוואנציג זאָל זיך קענען דערנערען א גאנצען יאָהר מיט די שפּייז, וועלכע מען געפינט דאָרטען פארטיגע. פארגרעסערט זיך אזא גרופּע ביז 100—150 מענשען, האָבען זיי ניט גענוג וואָס צו עסען און דארפען אויסשטארבען פון הונגער. ניט ווילענדיג זיינען זיי געצוואונגען צו פארשפּרייטען זיך אויף א ביעל פארגרעסערטען שטח, אָבער דאן קענען זיי שוין ניט א יפהאלטען די גאנצקייט פון דער קאָמונע — עס איז אונמעגליך צונויפצוקומען זיך, ווען מען איז איינגעמאַטערט און עס קומט אויס געהן צופוס ווייטע שטרעקעס, און אויף דעם אופן ווערען זיי צופאלען אויף באזונדערע קליינע קאָמונעס.

## פארוואס האט אין אזא קאמונע ניט געקענט זיין קיין עקספלואטאציע?

— פשוט, ווייל עס איז ניט געווען קיין מעהר־ארבייט. אלע אנשטרענגונגען פון מענשען זיינען געווען קוים גענוג אום ווי עס איז דורכצולעבען זיך. די גאנצע ארבייט איז געווען נויטווענדיגע אר־בייט. אויב איינער פון די מיטגלידער וואלט זיך גענומען עטוואס מעהר, וואלט פאר די איבעריגע געווען קנאפ, זיי וואלטען דארפען הונגערען און סוף כל סוף אויסשטארבען, און דער פרימיטיווער קאמוניזם איז אלזא געווען א נויטווענדיגקייט.

## אויף וועלכער שטופע איז געשטאנען די אידעאלאגיע פון יענער צייט?

— זי האט דאן ערשט אנגעהויבען געבוירען צו ווערען. עס האט זיך ערשט באוויזען די שפראך. ווען מענשען ארבייטען אנ־געשטרענגט, רייסען זיך ביי זיי ארויס פארשיידענערליי אויסגע־שרייען. ווען מען האקט האלץ, רייסט זיך ניט ווילענדיג ארויס „הא!" נאך יעדען זעץ מיט'ן האק. ביי ארבייטער, וועלכע דאר־פען זיך שטארק אנשטרענגען כדי אויפצוהויבען א גרויסע משא, רייסט זיך ארויס „אוך!" ביי די בורלאקעס, אויך ביי מאטראזען, ווען זיי ציהען דעם קאנאט, רייסט זיך ארויס „הא־הא־הא!" א. א. וו. די אלע אויסגעשרייען פארגרינגערען די ארבייט, פאר־איינינגען און ארגאניזירען איהר. אט די אויסגעשרייען האבען ביי די פרימיטיווע מענשען געדינט אלס ווערטער, וועלכע דריקען אויס א באשטימטע ארבייט. צום ביישפיעל, ווען עמיצער האט געוואלט איינלאדען דעם צווייטען, ער זאל איהם העלפען אויפ־הויבען א משא, האט ער איהם אויסגעשריען „אוך!", און יענער האט שוין פארשטאנען, וואס דאס מיינט. פארשטעהט זיך, אז מיט דעם צאהל ווערטער האט מען קיינע געדאנקען ניט גע־קענט אויסדריקען, אבער פאר זיי, פאר זייערע באגרעניצטע בא־דערפנישען איז דאס געווען גענוג. יעדענפאלס איז דאס געווען דער אנהויב, פון וואנען עס האט זיך ענטוויקעלט די שפראך און דערנאך — דער דענקען, ווארים דענקען איז אין אמת'ן דיזעלבע שפראך, בלויז ניט קיין אויסגערעדטע. שפעטער צו, ווען עס איז

שוין געווען א שפראך, און מענשען האבען אנגעהויבען צו דענ־קען, איז ביי זיי אויך באשאפען געווארען א אידעאלאגיע.

## איז די פרימיטיווע געזעלשאפט געווען פעהיג צו ענט־וויקלען זיך?

— זעהר אין א קליינער מאס. קיין מעהר ארבייט איז נים געווען, עס זיינען נים געווען נים קיין קיין צייט, נים קיין מאטעריעלע מעגליכקייטען צו ענטוויקלען זיך, און דער לעבען איז געשטאנען א פארגליווערטער אין איינעם און דעמזעלבען געשטאלט. מענ־שען האבען זיך געפונען אינגאנצען אינ'ם רשות פון דער נאטור, און זייער ענטוויקלונג איז פארגעקומען אזוי סטיכיש און לאנג־זאם, ווי סטיכיש און לאנגזאם עס קומען פאר ענדערונגען אין דער גאנצער נאטור. אבער מענשען האבען זיך פארמעהרט, גע־ווען ווינציג שפייז פאר אלעמען, עס איז אויסגעקומען צו הונגע־רען, דער הונגער האט געצוואונגען מענשען צו פארלאזען דעם איינגעזעסענעם ארט און איבערגעהן אויף א נייעם פלאץ. אויף דעם נייעם פלאץ זיינען די אומשטענדען, פארשטעהט זיך געווען עטוואס אנדערש, מען האט זיך געמוזט צופאסען צו זיי, זיינען אויסגעארבייט געווארען נייע מעטאדען, נייע מיטלען פון אר־בייט, און די ערפאהרונג איז באררייכערט געווארען. אלזא, די נויט, די ליידען, די נויטווענדיגקייט האבען געשאפען דעם פראג־רעס, לאנגזאם, אבער דאך איז די מענשהייט געגאנגען פאר־ווערטס.

## ב) די פאטריארכאלע קאמונע.

## וואס שטעלט מיט זיך פאר די פאטריארכאלע קאמונע?

— דאס איז אויך א פאמיליען־גרופע, אבער א מעהר קאמ־פליצירטע און, געוועהנליך, א גרעסערע, דורכשניטליך פון עטליכע הונדערט מיטגלידער, ווי מען קען שליסען פון די ביבלישע געשיכ־טען. אן דער שפיץ פון אזא קאמונע שטעהט דער פאטריארך — א מאן וועלכער איז רייכער פון די איבעריגע מיט ערפאהרונג, דאס רוב איז עס גאר דער עלטסטער; ער ארגאניזירט און פיהרט דורך די אלגעמיינע ארבייט, ער איז אויך דער פארוואלטער פון דעם

אַלגעמיינעם פּראָדוקט. די איבעריגע מיטגלידער פון דער קאָמונע דאַרפן אויספילען די פאַראָרדנונגען פון דעם אָרגאַניזאַטאָר. אין דער פאָרמע עקזיסטירט נאָך די פּאַטריאַרכאַלע קאָמונע ביז היינטיגען טאָג ביי פילע אָפּגעשטאַנענע שבטים, וועלכע מיר רופען „ווילדע".

## מיט וואָס קען מען ערקלערען, וואָס די אור־אַלטע קאָמונע האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פּאַטריאַרכאַלע?

— מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק און מיט מעהר אַרבייט. עס זיינען ענטשטאַנען נייע צווייגען פון פּראָדוקציאָן: ערד־אַרבייט אין איינציגע פלעצער און פיה־ווירטשאַפט אין אַנדערע, דאָס האָט געמאַכט זיכערער די עקזיסטענץ פון לעבען. צוזאַמען מיט דעם איז די געצייג אויך פאַרבעסערט און קאָמפּליצירטער געוואָרען (פּאָלירטער שטיין, בראָנז, אייזען). אַלזאָ, פון איין זייט איז די פּראָדוקציאָן געוואָרען ברייטער און קאָמפּליצירטער, עס האָבען זיך אויסגעאַרבייט ספּעציאַליטעטען, און כדי אָנצוהאַלטען די גאַנצקייט, צוזאַמענהאַנגיקייט און אָרדנונג איז געוואָרען נויטיג צו האָבען אַ פאַרוואַלטונגס־אַמט. פון צווייטען זייט האָט שוין די אַרבייט געגעבען אַן עודף, מעהרער איידער מען האָט געדאַרפט פאַרברויכען, אַ באַוואוסטען צאָהל זאַפּאַסען, מעהר פּראָדוקט, וואָס האָט געגעבען די מעגליכקייט אָנצוהאַלטען אַן אָרגאַניזאַטאָר, באַפרייענדיג איהם פון אַרבייט. דער ספּעציעלער אַמט פון אַן אָרגאַניזאַטאָר איז אויף דעם אופן געוואָרען אי אַ נויטווענדיגקייט אי אַ מעגליכקייט.

## וואָס האָט געגעבען דער קאָמונע די מעגליכקייט פאַנאַנדערצוואַקסען זיך ביז עטליכע הונדערט מענשען?

— אַלץ צוליעב דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט.

די ערד אַרבייט, אפילו ניט קיין ענטוויקעלטע און מיט פּראָסטע מעטאָדען, די וואַנדערנדע פיה־ווירטשאַפט און די פאַרבעסערטע מעטאָדען פון פּראָדוקציאָן האָבען געמאַכט, אַז אויפ'ן זעלבען שטח ערד זאָל קענען מאַכען אַ לעבען אַ גרעסערע צאָהל מענשען, איידער פריהער ווען די איינציגע אַרבייט איז געווען יאַגד, פאַלע־

וואַגיע. דאָס באַנוצען זיך מיט פערד און לאַדקעס האָט פאַרגרינ־
גערט די באַוועגונג, דאָס איבערגעהן פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען.
דאָס אַלץ האָט געהאָלפען, אַז די קאָמונע זאָל ניט פאַנאַנדערפאַלען
אויף קליינע קאָמונעלעך, ווי עס איז געווען דער פאַל פריהער.

## האָט אין דער פאַטריאַרכאַלער קאָמונע עקזיסטירט עקספּלואַטאַציע?

— בלויז אין עמבריאָנעלען צושטאַנד. אין אָנהויב איז די מעהר־אַרבייט געווען אַזוי ווינציג, אַז עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר עקספּלואַטאַציע. דער פאַטריאַרך פלעגט טאַקע נעהמען זיך אַ גרעסערען חלק, אָבער זיין אַרבייט איז געווען אַ מעהר קאָמ־פּליצירטע, האָט געפאָדערט אַ גרעסערע פאַרשוועגדונג פון ענערגיע, און איז דעריבער געווען פאַרבונדען מיט העכערע באַדערפעניסען. נאָר שפּעטער ווען דער מעהר־פּראָדוקט איז געוואָרען גרעסער און די מאַכט פונ׳ם פאַטריאַרך שטאַרקער, האָט ער ביסלעכווייז אָנגע־הויבען צו נעהמען פאַר זיך אַ גרעסערען חלק פון זיינע נאָרמאַלע באַדערפעניסען, און עס האָבען זיך באַוויזען די ערשטע שפּראָ־צונגען פון עקספּלואַטאַציע.

## וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט געטראָגען די פאַראייניג־נונג אין דער פאַטריאַרכאַלער קאָמונע?

— אין אַלגעמיין איז עס געווען אַ קאָמוניסטישע. דער אמת׳ער אייגענטימער פון אַלע זאַכען, פון גאַנצען רייכטום איז געווען די גרופּע אַלס אַ גאַנצע. דער פאַטריאַרך איז געווען בלויז איהר באַפאָלמעכטיגטער פאַרוואַלטער, וועלכער האָט געדאַרפט קאָאָרדינירען זיין אַרבייט מיט׳ן קאָלעקטיווען אינטערעס, מיט׳ן אינטערעס פון דער גאַנצער גרופּע. נאָר אין די לעצטע סטאַדיעס, ווען דער מעהר פּראָדוקט איז אויסגעוואַקסען פיעל גרעסער און קיין אַלגעמיינער קאָנטראָל איז ניט געווען, האָט דער פאַטריאַרך אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעטיילט זיינע אייגענע אינטערעסען פון דער געמיינדעס אינטערעסען, ער האָט ביסלעכווייז פאַרכאַפּט פאַר זיך דאָס רייכטום, וואָס אַנדערע האָבען באַשאַפען — דער אַלטער קאָ־מוניזם איז אונטערגעגאַנגען, און די קאָמונע האָט אָנגעהויבען פאַ־נאַנדערצופאַלען.

**איז די פאטריארכאלע קאמונע געבליבען אינגאנצען אפגעזונדערט פון אנדערע עהנליכע קאמונעס, צי ניט?**

— זי איז געבליבען עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג, אבער ניט איינגעשלאסען אין זיך. די באפעלקערונג ווערט געדיכ־טער, מענשען קומען אפטער אין באריהרונג איינער מיט'ן צווייטען, און די שנאה צו אנדערע ווערט שוואכער. שכנ'ישע גרו־פעס פאראייניגען זיך צו פארטיידיגען זיך פון א שונא אדער כדי צו ארגאניזירען א געיעג אויף א גרויסען מאסשטאב, ווי, למשל, די אינדיאנער אין אמעריקא. פון צווייטען זייט הויבט זיך אן צווי־שען די גרופען אן אויסטויש פון פראדוקטען, אין אנהויב צופעלי־געררווייזע און דערנאך אלס א שטענדיגע ערשיינונג. אויף דעם אופן זיינען אויסגעוואקסען שבטים־פארבאנדען.

**וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט די אידעאלאגיע פון פאטריארכאלען לעבען?**

— די פראדוקציאן איז געווארען קאמפליצירטער, די ארבייט, די געצייג און מאטעריאלען ניט אין פארגלייך פארשידענארטיגער, איידער אין דער פריהערדיגער עפאכע — האט זיך צוליעב דעם מעהר ענטוויקעלט די שפראך, וועלכע איז דער איינציגער מיטעל צו ארגאניזירען די פראדוקציאן: די שפראך איז רייכער געווא־רען סיי מיט ווערטער, סיי מיט זייערע קאמבינאציעס. א דור נאך א דור קלייבען מענשען אן ערפאהרונג אין דער ארבייט, פון דעם וואקסט ארויס צום סוף די וויסענשאפט. די עלטסטע, די פאטריארכען, פלעגען עס איבערגעבען פון דור צו דור, אלס א צואה פון די אלטע דורות, און עס איז באשאפען געווארען א היי־ליגע טראדיציע, וועלכע האט אנגענומען די פארמע פון א רעליגיע. און אין די אלטע רעליגיעס איז טאקע די גאנצע וועלט פארגע־שטעלט געווארען אין דעם געשטאלט פון א פאטריארכאלע גע־מיינדע מיט אן עלטסטען אלס פאטריארך, ווי די אידישע רעליגיע, אדער אין דער פארמע פון באזונדערע געמיינדעס, וועלכע זיינען אין פארבאנד אדער אין קריעג צווישען זיך, ווי ביי די געצענ־דיענער. אין די רעליגיעזע טראדיציעס ווערען אויך אנגעצייגט די מעטאדען פון ארבייט און די פארהעלטניסע צווישען מענשען.

די ערפאַהרונג פון הונדערטער און הונדערטער יאָהרען איז צונויפ־געזאַמעלט געוואָרען אין איין גאַנצעס, און דאָס איז געווען זעהר וויכטיג פאַר דער אָרגאַניזירונג פון ארבייט. די אידעאָלאָגיע איז אַלזאָ אין דעם פאַל אויך אַרויסגעוואַקסען פון דער פּראָדוקציאָן און האָט באַפרידיגט די פאָדערונגען פון דער פּראָדוקציאָן.

## אויף וויפיעל איז די פּאַטריאַרכאַלע געזעלשאַפט געווען פעהיג צו ענטוויקלען זיך?

— פיעל מעהרער איידער די פריהערדיגע פאַמיליען־קאָמונע, אָבער זעהר שוואַך אין פאַרגלייך מיט דער היינטיגער געזעלשאַפט. דער פונדאַמענט פאַר ענטוויקלונג איז שוין געלעגט געוואָרען — עס איז געווען מעהר־ארבייט. די פּראָדוקציאָן האָט זיך פאַרברייטערט און איז געוואָרען קאָמפּליצירטער, און עס איז באַשאַפען געוואָרען דער נויטיגער מאַטעריאַל פאַר׳ן פּראָגרעס. און די פרידליכע באַציהונגען צווישען די שכנ׳ישע גרופּען, דער אויסטויש פון פּראָדוקטען צווישען זיי האָט נאָך מעהר פאַרגרעסערט אָט דעם מאַטע־ריאַל, אָבער קיין שטרעבונג צום פּראָגרעס איז ניט געווען. דער גאַנצער לעבען איז געווען געבויט אויף דער טראַדיציע, וועלכע מוז, אַלס אַזעלכע, בלייבען איינע און דיזעלבע אויף שטענדיג, און טאָר ניט אומגעביטען ווערען. דער פּאַטריאַרך האָט פאַרוואַלטעט מיט אַלע געשעפטען פון דער קאָמונע און האָט געהאַט גענוג פעהיגקיי־טען אויף דעם. אָבער אומבייטען די מעטאָדען פון ארבייט מוז ברייגגען צו דער אומבייטונג פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט און פון די פּראָדוקטען, ד. ה. עס מוז איבערגעבויט און איבערגע־אַנדערשט ווערען דער גאַנצער לעבען — אויף דעם איז שוין דער פּאַטריאַרך ניט געווען פעהיג: דאָס פאָדערט אַן אָנגעשטרענגטע קאָפּ־ארבייט, און פאַר אַ שוואַך ענטוויקעלטען מענשען איז דאָס זעהר אַ שווערע אויפגאַבע. דאַריבער איז דער פּאַטריאַרך שטענדיג געווען קאָנסערוואַטיוו און האָט דערלאָזען איינפיהרען וועלכע עס איז נייעסען בלויז דאַן, ווען זיי זיינען געוואָרען אַן אומפאַרמיידליכע נויטווענדיגקייט, אָהן וואָס מען קען בשום אופן ניט אויסקומען, און די ענטוויקלונג איז פאָרגעקומען בלויז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס איז געווען אַ נויטווענדיגקייט און ניט מעהר.

**וואָס זשע איז אַלזאָ געווען די אורזאַכע פון פראַגרעס?**

— דאָס זעלבע וואָס פריהער: מענשען האָבען זיך פאַר־מעהרט, אַלץ שווערער איז געוואָרען צו קריגען די נויטיגע לעבענס־מיטלען אויפ׳ן באַזעסענעם שטח לאַנד, און מען האָט זיך געמוזט פאַרשפּרייטען אויף אַנדערע פּלעצער און לעבען אונטער אַנדערע נאַטירליכע באַדינגונגען, געפינען נייע וועגען און מיטלען אויפ׳ן פּלאַץ. די איבער־באַפעלקערונג האָט געבראַכט מיט זיך הונגער און ליידען, וועלכע מען האָט געמוזט פאַרלייכטערען — דאָס האָט געפיהרט צום פּראָגרעס.

## ג. די פעאָדאַלע געזעלשאַפט.

**וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון דער פעאָדאַלער אָרגאַניזאַציע?**

— די פאַטריאַרכאַלע קאָמונע האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען, זי איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז דער פאַטריאַרך איז ניט געווען בכח צו פאַרוואַלטען איהר. דאַמאָלט איז די קאָמונע פאַנאַנדערגעפאַלען אויף באַזונדערע פאַמיליען־ווירטשאַפטען. די פריהערדיגע קרובה׳שע באַציהונגען צווישען די באַזונדערע פאַמיליעס זיינען פאַרשוואונדען און פאַרגעסען געוואָרען, דאָך זיינען זיי ניט געווען אינגאַנצען אָפּגעזונדערט איינע פון דער צווייטער — אַ באַשטימטער פאַרבאַנד צווישען זיי איז פאַרבליבען; זיי פלעגען זיך בייטען מיט זייערע פּראָדוקטען, פלעגען אויסהעלפען איינער דעם צווייטען אין דער אַרבייט, האָבען געהאַט קהל׳שע פאַשע, פאַפּלעוועס אויף שניידען היי, קהל׳שע פעלדער א. ד. גל. אָט די פויערשע פאַמיליען־ווירטשאַפטען זיינען דאָס געווען דער פונדאַמענט פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.

**וואָס זשע איז געוואָרען מיט די פאַטריאַרכען, ווען די קאָמונע איז פאַנאַנדערגעפאַלען אויף פאַמיליען־ווירטשאַפטען?**

— טיילווייז איז זייער הערשאַפט איבערגעגאַנגען צו די הויז־ווירטען, צום פאָטער פון דער פויערען־פאַמיליע, אָבער די הויפּט מאַכט — די מאַכט צו פאַרוואַלטען די קאָמונע, אַלס אַ

גאַנצע, איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון נייע אָרגאַניזאַטאָ־רען — צו די נאַטשאַלניקעס און פּריסטען, ד. ה. צו ציווילע און גייסטליכע פּעאָדאַלען.

## וואָס פאַר אַ באַדייטונג פאַר דער פּראָדוקציאָן האָבען געהאַט די ציווילע, וועלטליכע פּעאָדאַלען, די נאַטשאַל־ניקעס?

— זיי האָבען פאַרהיט און באַשיצט די פּויערים, וואָס זיי־נען געשטאַנען אונטער זייער רשות, פון אָן אָנפאַל. זיי פלעגען באַקומען פון די פּויערים זייער מעהר־פּראָדוקט — אָדער ווייל די פּויערים זיינען געווען אויף באַרשטשינע, ד. ה. זיי זיינען גע־ווען געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר'ן פּעאָדאַל אַ באַשטימטען צאָהל טעג אין יאָהר, אָדער, ווייל זיי פלעגען דאַרפען צאָהלען אבראָק, ד. ה. אַ באַשטימטע סומע שטייערען (טאַקסע) מיט געלד אָדער פּראָדוקטען, אַ דאַנק דעם איז דעם פּעאָדאַל'ס ווירטשאַפט געווען שטאַרקער פון די פּויערשע ווירט־שאַפטען, ער איז געווען בעסער פאַרזאָרגט עקאָנאָמיש, זיין עקזיס־טענץ איז געווען מעהר געזיכערט, האָט ער געקאָנט אָרגאַניזירען, איינאָרדנען אַזעלכע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געווען איבער די כוחות אפילו פאַר די רייכסטע פּויערים, ווי מיהלען, בריקען, וועגען, באַוואַסערונג, א. ד. גל. ער האָט אַלעם געהאַט ניט נאָר גענוג פאַר זיך — ער האָט געהאַט איבער גענוג, ער האָט געהאַט אָנגעגרייטע זאַפּאַסען, און אין דער צייט פון הונגער, עפּידעמיע אָדער אַן אַנדער געזעלשאַפטליכען אומגליק פלעגט ער העלפען די פּויערים, פלעגט זיי אויסהאַלטען מיט דאָס נויטווענדיגסטע, זיי זאָלע קענען ווי עס איז דורכלעבען די שווערע צייט. אמת, שפּעטער פלעגען עס די פּויערים אומקעהרען כפל כפלים, פלע־גען אַלעם אָפּצאָהלען מיט פּראָצענט, אָבער דערווייל איז עס געווען פאַר זיי אַ גרויסע שטיצע, און דעריבער האָט זיך דער פּעאָדאַל גערעכענט פאַר'ן בעל הבית, פאַר'ן דעה־זאָגער סיי פון די ערד, סיי פון די פּויערים, פאַרהיטענדיג און באַשיצענדיג זיי און געבענדיג זיי די מעגליכקייט צו אַרבייטען און פּראָדוצירען.

## אין וואָס איז באַשטאַנען די געזעלשאַפטליכע ראָל פון די פּריסטער, פון די גייסטליכע פעאָדאַלען?

— זיי האָבען, אַזוי צו זאָגען, קאָנסערווירט די גאַנצע געזעלשאַפטליכע ערפאַהרונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין הונדערטער און הונדערטער יאָהרען און איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון די פּאַטריאַרכען, און אויף דעם אופן זיינען זיי באַזעסען דעם קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציאָן.. פיהרענדיג אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען, האָבען זיי געקענט פּינקטליך אויסרעכענען די צייט, ווען אָנצוהויבען די ערד־אַרבייט און ווען זי דאַרף זיך ענדיגען. אין די פּלעצער, וואו עס זיינען ניטאָ קיין רעגענס, און די פרוכטבארקייט פון דער ערד איז פאַרבונדען מיט דער פאַנאַנדערגיסונג פון די טייכען און מיט קינסטליכער באַוואַסערונג, ווי אין דעם אַמאָליגען עגיפּטען, אין מעסאָפּאָטאַמיען, מיטעל־אַזיע, כינא א. א., פּלעגען די פּריסטער פאַרוואַלטען מיט דער גאַנצער אינזשענערען אַרבייט ביים גראָבען די נויטיגע קאַנאַלען. זיי פּלעגען געוועהנליך אַכטונג געבען אויף דער געזעלשאַפטליכער היגיענע און מעדיצין, ד. ה. זיי האָבען פאַרהיט די אַרבייטער כוחות פון דער געזעלשאַפט. אין זייערע הענט איז געלעגען די ערציהונג, ד. ה. זיי האָבען צוגעגרייט נייע מיטגליעדער און נייע אַרבייטער כוחות פאַר דער געזעלשאַפט. זיי פּלעגען קאָנטראָלירען די טאָג־טעגליכע באַציהונגען צווישען מענשען, אפילו די פאַמיליען־פאַרהעלטניסע, און כדי דער קאָנטראָל זאָל זיין פּינקטליכער און אין א פולער מאָס האָט מען אין פיעלע פּלעצער איינגעפיהרט די סיסטעמע פון מתודה זיין זיך פאַר'ן גייסטליכען.

## אויף וועמעס רעכענונג האָבען געלעבט די פּריסטער?

— ווי די ציווילע, וועלטליכע פעאָדאַלען — אויף דעם רעכענונג פון דעם פּויער'ס מעהר־ווערט, פון דעם מעהר־פּראָדוקט. זיי פּלעגען עס פאַראייגענען, צונעמען, באַקומען טיילווייז אין דער פאָרמע פון באַרטשטינע אָדער אבראַק, איבערהויפּט פון די פּויערים, וועלכע זיינען געזעסען אויף דער ערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו קירכליכע אָרגאַניזאַציעס, ווי קלויסטערס און מאָנאַסטירען;

טיילווייז אין דער פאָרמע פון א באשטימטען טעקס, וואָס איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף די גלויביגע, ווי, למשל, אין מיטעל־אלטער, דער קירכליכער מעשר אין אייראָפּא (ד. ה. יעדערער פלעגט דארפען אָפּגעבען פאר'ן קלויסטער א צעהנט־חלק פון זיינע פארדיענסטען). און טיילווייז פלעגען זיי באקומען נדבות. אויף דעם אופן האָבען די גייסטליכע אָנגעקליבען זעהר גרויסע רייכטימער און זאפאסען, מיט די מיטלען פלעגען זיי טיילווייז העלפען ארימע, קראנקע און קייליקע, און זייער ווירקונג אויף דער געזעלשאפט איז געוואקסען אלץ גרעסער און גרעסער.

## ווי זיינען די פעאָדאלען געווען אָרגאניזירט צווישען זיך אליין? ווי זיינען געווען די באציהונגען פון איין פעאָדאל צום צווייטען?

— די קלענערע פעאָדאלען זיינען געווען אונטערוואָרפען די העכערע פעאָדאלען, פלעגען זיי צאָהלען צינזען, שלאָגען זיך געגען שונא אין זייער מיליציע, און דערפאר פלעגען די העכערע פעאָדאלען פארטיידיגען זיי אין פאל פון א נויט. די אונטערוואָרפענע פעאָדאלען האָבען זיך אין אייראפא גערופען „וואסאַלען", און די העכערע האָבען זיך גערופען „סיוזערענען". די סיוזערענען זיינען געווען וואסאלען פון נאָך העכערע א. א. וו., וואָס העכער עס איז געווען דער ראנג פון א פעאָדאל, אלץ קלענער איז געווען זיין צאָהל אין לאנד, ביז וואנען גאָר די העכסטע זיינען געווען אונטערוואָרפען צו איין איינציגען אלער־העכסטען פעאָדאל אין לאנד, וועלכער האָט זיך גערופען מיט'ן נאָמען „קעניג" אָדער „אימפעראטאָר". אין רוסלאנד איז אין מיטעלאלטער געווען דאָס זעלבע, נאָר זיי האָבען געטראָגען אנדערע נעמען: די קלענערע פעאָדאלען האָבען געטראָגען דעם נאָמען „באָיארע", העכער פון זיי זיינען געווען די „אודעלניע קניאזען", נאָך זיי זיינען געגאנגען „קניאזען", דערנאָך „וועליקי קניאזען" א. אז. וו. דאָס איז געווען א גאנצע קייט פון הערשער און אונטערגעוואָרפענע, וועלכע ציהט זיך פון אונטען ארויף ביז עס קומט צו איין צענטער. די רינגען אין דער קייט זיינען געווען ניט זעהר פעסט: יעדער פעאָדאל איז געווען ביי זיך א פולשטענדיגער בעל־הבית

און געווען אומאפהענגיג פון זיין סיוזערען, מאנכעס מאָל פלעגט ער איהם פאַרראַטען אָדער פלעגט זיך בונטעווען געגען איהם.

## ווי זיינען געווען אָרגאַניזירט די גייסטליכע?

— דאָ איז אויך געווען א קייט פון הערשער און אונטער־וואָרפענע, וועלכע האָט זיך גערופען „יעראַרכיא". אין אייראָפּא האָבען זיך די העכערע גייסטליכע פעאָדאלען גערופען „אבאַטען", „עפּיסקאָפּען", „קארדינאַלען" און העכער פון אַלעמען איז גע־שטאַנען דער פּאבסט. די דיסציפּלין איז דאָ געווען א שטאַר־קערע און די אונטערוואַרפענקייט — א מעהר ווירקזאַמע איידער ביי די ציווילע, וועלטליכע פעאָדאַלען: צווישען זיי זיינען ניט פאָרגעקומען קיין אָפענע מחלוקות, געשלעגען, מלחמות און רויב־בערייען, ווי צווישען די וועלטליכע פעאָדאַלען.

## ווי זיינען געווען די באַציהונגען צווישען די וועלטליכע און גייסטליכע פעאָדאַלען?

— אמאָל פריינדליכע, אמאָל פיינדליכע. אין יענע ליאַ־רעמדיגע, שטורמישע צייטען האָבען זיך די גייסטליכע גאַנץ אָפט גענויטיגט אין דער הילף פון דעם שווערד צו באַשיצען זיך, און די וועלטליכע פעאָדאַלען האָבען געזוכט די פריינדשאַפט פון די גייסטליכע, זיי זאָלען אין נאָמען פון דער רעליגיע האַלטען די פּראָסטע מאַסען אין אונטערטעניגקייט. אָבער אזוי ווי ביידע האָבען דאָך געלעבט אויפ'ן רעכענונג פון דער מעהר־ארבייט פון די פויערשע מאַסען און האָבען זיך געטיילט מיט'ן מעהר־פּראָ־דוקט, פלעגען צווישען זיי פאַרקומען צוזאַמענשטויסונגען פאַר א גרעסערען חלק אין דעם פּראָדוקט. דער קאַמף צווישען אָט די צוויי מינים פעאָדאַלען — אמאָל אָן אָפענער, אמאָל א פאַר־באַהאַלטענער — האָט געדויערט יאָהר־הונדערטע, און דער זיעג איז אמאָל געווען אויפ'ן זייט פון די גייסטליכע אין אמאָל פאַר־קעהרט. אין מערב אייראָפּא האָבען זיך די גייסטליכע ארויסגע־וויזען שטאַרקער, אין רוסלאַנד זיינען די קניאַזען געווען שטאַר־קער, און אין פּאַלעסטינא ביי די אידען, אין אָסט-אינדיען, אין אַמאָליגען עגיפּטען האָט זיך די וואָג־שאָל געבויגען דאָס אויף איין זייט, דאָס אויפ'ן צווייטען.

## וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם איבערגאַנג פון פאַטריאַר־כאַלען אָרדנונג צום פעאָדאַלען?

— דאָס, וואָס די פּראָדוקציאָנס־מיטלען האָבען זיך מעהר ענטוויקעלט. די ערד־אַרבייט אין דער פּאַטריאַרכאַלער עפּאָכע איז געוועזן ניט קיין פאָלקאָמענע און זעהר אַ פּראָסטע סיי לויט די מעטאָדען פון אַרבייט, סיי לויט די געצייג. זי האָט געטראָגען אַ האַלב־וואַנדערענדען כאַראַקטער: מען האָט געזייהט אויף איין פּלאַץ אַזוי לאַנג ביז וואַנען מען האָט אויסגעזויגען דעם גאַנצען זאַפט פון דער ערד, און דאַן איז מען איבערגעגאַנגען אויף אַ נייעם פּלאַץ. די אַרבייט איז געוועזן, נאַטירליך, אַן עקסטענסיווע, ניט קיין אינטענסיווע, ד. ה., אָנשטאָט באַאַרבייטען די ערד מיט בעסערע מעטאָדען אום אַרויסצוקריגען פון איהר אַ באַשטימטע צאָהל פּראָדוקטען, האָט מען דעם זעלבען צאָהל פּראָדוקטען באַקומען דורכדעם, וואָס מען האָט באַאַרבייט אַ גרעסערען שטח לאַנד. די באַפעלקערונג איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ גרעסער, עס איז געוואָרען ענגער צו וואוינען, פאַנאַנדערשפּרייטען זיך איז ניט געוועזן וואוהין, האָט יעדערער געזוכט איינהאַלטען פאַר זיך דעם חלק ערד, וועלכען ער באַזיצט, און די קאָמונע האָט אָנגעהויבען פאַנאַנדערצופאַלען. צוליעב דער זעלבער ענגשאַפט האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמענשטויסונגען און געשלעגען צווישען מענשען, די געוועזענע פיהרער, וועלכע זיינען געוועזן רייכער פון די איבעריגע, האָבען אָרגאַניזירט ספּעציעלע אָטריאַדען, מיליטערישע קאָמאַנדעם צו באַשיצען זיך און זייער אייגענטום פון אַן אָנפאַל. די שוואַכערע פון דער געוועזענער קאָמונע פלעגען זיך ווענדען צו זיי נאָך הילף; אויף דעם אופן זיינען זיי געוואָרען די הערשער איבער דער מאַסע פויערים און האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין פעאָדאַלע סעניאָרען, באָיאַרען און קניאַזען. אָבער צווישען זיי זיינען אויך געוועזן שטאַרקערע און שוואַכערע, די לעצטע פלעגען אין צייט פון נויט זוכען שוץ ביי די ערשטע, און אַזוי איז באַשאַפען געוואָרען די גאַנצע קייט פון וואַסאַלען און סיוזערענען. די מיליטערישע מאַכט אַליין האָט אָבער ניט געקענט איינהאַלטען דעם אָרדנונג שטענדיג, כסדר; מען האָט געמוזט אָנקומען צו אַנדערע, צו פרידליכע מיטלען, ווירקען אויף די פויערים זיי זאָלען אַליין מיט'ן גו־

מען ווילען אונטערוואַרפען זיך אונטער דעם אָרדנונג — די אויפ־גאַבע האָבען ערפילט די גייסטליכע: זיי זיינען געווען די יורשים פון די פּאַטריאַרכען, האָבען איבערגענומען פון זיי זייער גאַנצע וויסענשאַפט און ערפאַהרונג, צו זיי פלעגט מען דאַרפען אָנקומען פרעגען זיך עצות ווי און וואָס צו טאָן; זיי זיינען געוואָרען די אויטאָרימעטען און האָבען עס אויסגענוצט פאַר זיך און האָבען זיך אַליין אויך איינגעאָרדענט לויט דער אויטאָריטעטען־סיסטעם —אין העכע־ע און נידעריגערע.

## האָט עקזיסטירט עקספּלואַטאַציע אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע?

— געוויס איז געווען עקספּלואַטאַציע, אָבער ניט אין אַ גרויסער מאָס. די הערשענדע פאָרמע איז געווען הויז־ווירטשאַפט; דער אויסטויש איז געווען זעהר קליין; דאָס גאַנצע רייכטום פון די פעאָדאַלען איז באַשטאַנען ניט אין געלט, נאָר אין פּראָדוקטען און אין אַרבייטס־קראַפט; לעבען האָבען זיי געלעבט מיט די פּראָדוקטען, וועלכע זייערע פּויערים האָבען אויסגעאַרבייט אויפ'ן פּלאַץ; קיין אויסטויש האָט כמעט ניט עקזיסטירט, זיי האָבען גאָרנישט געקויפט און גאָרנישט פאַרקויפט. טאָ צוליעב וואָס זאָלען זיי צווינגען די פּויערים אויסצואַרבייטען אַ פּ ו ל ע פּראָדוקטען? זיי זאָלען ליגען אין די שפּייכלער און פוילען? פון צווייטען זייט, אַזוי ווי יעדערער האָט געהאַט ז י י נ ע פּויערים, מיט וועמעס פּראָדוקטען און אַרבייט דער פעאָדאַל האָט געלעבט, איז עס געווען אין די אינטערעסען פון פעאָדאַל צו היטען דעם פּויער'ס ווירטשאַפט, זי זאָל זיין אין אַ גוטען צושטאַנד און עס זאָל זיין פון וואָס צו נעמען עפּעס. דאָס אַלעס האָט געמאַכט, אַז די עקספּלואַטאַציע איז ניט געווען צופיעל ענטוויקעלט און האָט זיך געהאַלטען אין באַשטימטע גרענעצען.

## ווי איז געווען די אידעאָלאָגיע פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע?

— אַזוי ווי די אָרגאַניזאַציע פון געזעלשאַפטליכען לעבען איז געווען פיעל קאָמפּליצירטער איידער פריהער, האָט זיך די אידעאָלאָגיע, די געצייג וועלכע העלפט אָרגאַניזירען און איינאָרדנען דאָס

לעבען, אויך געמוזט שטארק ענטוויקלען. די שפראך האט אין
דער עפאכע דערגרייכט אזא רייכקייט אין אויסדריקען און אזא
בויגזאמקייט, אז עס איז געווארען מעגליך איבערצוגעבען כמעט
אלץ, וואס מענשען האבען געפיהלט און איבערגעלעבט. אין יע־
נער צייט האבען זיך פארמירט אלע אמאליגע פארהעלטניסמעסיג
הויך־ענטוויקעלטע שפראכען, ווי די גריכישע, לאטיינישע, סלא־
וויאנישע, דייטשע א. א. וו. די באפעלקערונג איז אונגעהויער
אויסגעוואקסען, האט זיך פארשפרייט אויף גרויסע שטרעקעס
לאנד מיט פארשידענע נאטירליכע אייגענשאפטען. די ערפאה־
רונגען זיינען געווארען זעהר פיעל, געדענקען זיי אלע אויסווענדיג
איז געווען אוממעגליך — דאס האט געצוואונגען מענשען צו ער־
פינדען די קונסט פון שרייבען. די גאנצע ערפאהרונג און טרא־
דיציע זיינען געווען א הייליגטום, און די ביכער, וואוהין זיי זיינען
צונויפגעזאמעלט געווארען, זיינען געווען אמת'ע ענציקלאפעדיעס,
הייליגע, רעליגיעזע ביכער. אויף דעם אופן האט זיך די רעליגיע
אויך ענטוויקעלט און איז געווארען מעהר קאמפליצירט, אבער אין
איהר האבען זיך אפגעשטעמפעלט די שטריכען פון דער פעאדאלער
ארגאניזאציע: אזוי האבען ביי די אינדוסען און די אמאליגע גרי־
כען די געטער און די נאציאנאלע העלדען פארגעשטעלט מיט זיך
א קייט פון העכערע און נידעריגערע, פון וואסאלען און סיוזערענען;
דאס זעלבע איז געווען מיט'ן קאטאליציזם אין מיטעל־אלטער,
נאר דעם ארט פון די נידעריגע געטער האבען פארנומען די היי־
ליגע.

**אויף וויפיעל איז די פעאדאלע געזעלשאפט געווען פע־
היג צו ענטוויקלען זיך, און וועלכע כחות האבען איהר גע־
טריבען פארווערטס?**

— קיין שטרעבונג צו ענטוויקלונג איז ניט געווען:
דער גאנצער לעבען איז געווען געבויט פון איין זייט אויף טרא־
דיציע, פון צווייטען — אויף אויטאריטעט, און טראדיציעס זיינען
שטענדיג קאנסערוואטיוו, און די ארגאניזאטארען, די אויטאריטע־
טען האבען יעדע ענדערונג אין לעבען, ווייל דאס גיט זיי צו מעהר
ארבייט און שוואכט אפ זייער אויטאריטעט, וועלכע האלט זיך צו־

ליעב דער טראַדיציע, צוליעב דער סומע ערפאַהרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע זיי באַזיצען. דאָך איז אין דער ווירקליכ־קייט פאָרגעקומען אַן ענטוויקלונג און פיעל שנעלער איידער אין דער פריהערדיגער פּאַטריאַרכאַלער עפּאָכע, אָבוואָהל זעהר לאַנגזאַם אין פאַרגלייך מיט אונזער צייט און כמעט אומבאַמערקבאַר פאַר יעדען דור באַזונדער. די באַפעלקערונג איז אויסגעוואַקסען פיעל שנעלער. צוזאַמען מיט דעם איז די ענגשאַפט אויך גיך געוואַק־סען. דאַן זיינען אָנגעקומען הונגער, קראַנקהייטען און אין אַל־געמיין אַ געזעלשאַפטליכע אומרוהיגקייט. די אַלטע וועגען אין מיטלען האָבען ניט געטויגט, און מענשען זיינען געווען געצוואונגען ביסלעכווייז אריינצופיהרען אין לעבען מעהר נייעסען. און מאַ־טעריאַל פאַר דאָס נייע איז געווען אַ היבש ביסעל: מענשען האָ־בען געוואוינט נעהנטער איינער צום צווייטען, זיי זיינען זיך אָפטער צונויפגעקומען צוזאַמען און פיעלעס איבערגענומען איי־נער פון צווייטען; דער אויסטויש איז ניט געווען ענטוויקעלט, דאָך איז ער געווען אין אַ וועלכער עס איז מאָס; מען איז זיך צונויפגעקומען מיט מענשען פון ווייטערע געגענדען, מען האָט זיך באַקאַנט מיט נייע פּראָדוקטען, עס זיינען אויסגעוואַקסען נייע פאָ־דערונגען, מען האָט איינער ביים צווייטען איבערגענומען די טעכ־ניק, און מענשען זיינען רייכער געוואָרען מיט ערפאַהרונג. די פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג, וואָס האָט אַמאָל גענומען צעהנדליגע טויזענדע יאָהרען און אין דער פּאַטריאַרכאַלער עפּאָכע — טויזענטער, האָט אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע גענומען בלויז הונ־דערטע יאָהרען.

## צווייטער קאַפּיטעל.

# די ענטוויקלונג פון אויסטויש.

## א) סחורה אין אַלגעמיין.

### וואָס רופט זיך אַן סחורה?

— דער פּראָדוקט פון מענשליכער ארבייט, וועלכער ווערט אויסגעטוישט.

### וועלכע געזעלשאַפטליכע אייגענשאַפטען באַזיצט סחורה?

— ערשטענס, דאַרף זי, ווי יעדער אנדער פּראָדוקט, איינהאַלטען אין זיך **אַרבייטס-ווערט** און **געברויכס-ווערט**, (געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט), און צווייטענס, דאַרף זי אויסער דעם ענטהאַלטען אין זיך נאָך אַ ספּעציעלע אייגענשאַפט — זי זאָל קענען אויסגעביטען ווערען אויף אנדערע פּראָדוקטען. אָט די אייגענשאַפט רופט זיך **אויסטויש-ווערדע**, **אויסטויש-ווערט**, אָדער פּראָסט ווערדע*) צי ווערט.

---

*) אין דער רוסישער שפּראַך זיינען פאַראַן צוויי ווערטער סטאָאימאסט און צעננאסט, וועלכע פאַרבייטען זיך איינער אויפ'ן צווייטען ניט נאָר אין דער געוועהנליכער שפּראַך, נאָר אפילו אין דער וויסענשאַ.. געגנוג איז צנצוציוגען, אַז אין די צוויי גרעסטע רוסישע ענציקלאָפּעדיעס: „באַלשאַיאַ ענציקלאָפּעדיא" אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון יוזשאַקאָוו און אין דער „ענציקלאָפּעדיא בראקהאאוזא אי עפראָנא" גיט זיך ניט קיין שום ערקלערונג אויף דעם וואָרט סטאָאימאסט, נאָר זיי שיקען אָפּ צום וואָרט צעננאסט. באַגדאַנאָוו אין זיין פּאָליטישער עקאָנאָמיע פאַרבייט זיי אויך פיעלע מאָל, אָבער אין איניגע פלעצער באַנוצט ער זיי באַזונדער, ווילענדיג, וואַרשיינליך, אינדירעקט אונטערצושטרייכען זייער אונטערשייד, און אַן אונטערשייד איז געוויס פאַראַן, עס מוז זיין, ווי צווישען אַלע סינאָנימען — אין וואָס־זשע באַשטעהט ער, דער אונטערשייד? איך דענק, אַז דער אונטערשייד איז פאָלגענדער: סטאָאימאָסט דריקט הויפּטזעכליך אויס דעם ווערט, וואָס ליגט

## פון וואנען האט זיך גענומען ביי סחורות די פעהיגקייט צום אויסטויש?

— זי האט זיך גענומען פון דער צוטיילונג פון ארבייט אין דער געזעלשאפט, א דאנק דעם וואס באזונדערע, ווירטשאפטען האבען זיך ספעציאליזירט און ארבייטען אויס באזונדערע פראדוקטען. אויב אלע ווירטשאפטען וואלטען פראדוצירט אלץ איינעם און דעם זעלביגען פראדוקט, וואלט קיין אויסטויש ניט געווען. זאלען אלע פראדוצירען בלויז שיך, וואלט קיין אויסטויש ניט געווען, ווייל עס האט דאך קיין זינען ניט אויסצובייטען שיך אויף שיך, און דאן וואלטען די פראדוקטען אויך ניט געהאט קיין אויסטויש־ווערט. בלויז ווען, צוליעב די אדער אנדערע אורזאכען, האבען די באזונדערע ווירטשאפטען אין דער געזעלשאפט אנגעהויבען אויסצוארבייטען באזונדערע פראדוקטען, איז געווארען מעגליך דער אויסטויש פון פראדוקטען, און מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער ספעציאליזירונג איז דער אויסטויש געווארען א נויטווענדיג־

אין דער זאך גופא. „סטאאימאסט עטאווא דאמא פיאט טיסיאטש רובלעי" מיינט, אז אין דער הויז ליגט טאקע דער ווערט פון פינף טויזענט רובעל, ד. ה. אזוי פיעל געלט האט מען טאקע אויסגעגעבען, ווען מען האט אויפגעבויט די הויז. צעננאסט אבער דריקט מעהרסטענטיילס אויס דעם ווערט פון א זאך אין דעם סוביעקטיווען באוואוסטזיין פון דעם מענשען. „צעננאסט אקציאנערניך בומאג פאוויסילים" מיינט ניט, אז אט די אקציעס אליין אן און פיר זיך האלטען אין זיך איין א גרעסערען ווערט — דאס איז פשוט אוממעגליך, ווייל זיי האבען זיך דאך ניט אומגעביטען, זיי זיינען די זעלבע וואס פריהער, אהן א שום שנוי; דאס מיינט נור, אז דער ווערט פון די אקציעס איז געווארען העכער אין דעם באוואוסטזיין פון די, וועלכע קויפען זיי, און באמערקט, אז דערביי באנוצט מען דעם ווארט צעננאסט, און פאר קיין פאל ניט סטאאימאסט. אזוי ווי אין איניגע פלעצער פון דיזען בוך, וויל באגדאנאוו, ווי עס שיינט, אונטערשטרייכען דעם אונטערשייד צווישען די צוויי ווערטער, האב איך אין אזעלכע פאלען איבערגעבען אין אידיש דעם ווארט סטאאימאסט מיט „ווערטה" (לויט דער נייער אויסלייגאכץ — ווערט), און דעם ווארט צעננאסט מיט'ן אידישען „ווערדע". קיין בעסערע ווערטער האב איך ניט געקענט געפינען. אוב אונזערע אידישע שרייבער וועלען געפינען בעסערע ווערטער, טא זאלען זיי זיין אזוי גוט און מעלדען עס אין דער רעדאקציע פון דער „נייע וועלט", איך וועל זיי זיין זעהר און זעהר דאנקבאר דערפאר. — דער איבערזעצער.

קיום, ווייל קיין ווירטשאפט האָט ניט געקענט עקזיסטירען, ניט אויסבייטענדיג איהרע פּראָדוקטען אויף אנדערע. אזוי האָבען די פּראָדוקטען באַקומען די פעהיגקייט אויסגעביטען ווערען איינע אויף די צווייטע, זיי האָבען באַקומען אַן אויסטויש־ווערט און זיינען געוואָרען סחורות.

## אַלזאָ, אין וואָס באַשטעהט דער עצם פון סחורה־אויס־טויש?

— אין דעם, וואָס די פּראָדוצירער ארבייטען איינער אויפ'ן צווייטען, פילען אויס באזונדערע סאָרטען ארבייט, און דערנאָך בייטען זיי זיך מיט דער ארבייט.

## ב) שטופען אָדער פאָרמען פון אויסטויש.

## וועלכע שטופען איז די ענטוויקלונג פון אויסטויש דורכ־געגאַנגען אין דער מענשליכער געשיכטע.

— דריי הויפּט שטופען, וועלכע רופען זיך אין דער וויסענ־שאפט „די פאָרמען פון אויסטויש": 1) די פּראָסטע, איינפאַכע, אָדער צופעליגע פאָרמע; 2) די פאַנאַנדערגעוויקעלטע, אויסגע־צויגענע פאָרמע; 3) די ענטוויקעלטע אָדער אלגעמיינע פאָרמע.

## וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער איינפאַכער פאָרמע?

— ער באַשטעהט אין דעם, וואָס פאַר'ן אויסטויש זיינען פאַראַן בלויז צוויי פּראָדוקטען. צופעליגערווייזע זיינען זיך צו־נויפגעקומען צוויי פּראָדוצירער מיט באזונדערע פּראָדוקטען און האָבען אויסגעפונען, אַז עס איז אין זייער אינטערעס צו בייטען זיך מיט זיי. למשל, איין קאָמונע האָט בהמות מעהר איידער זי דאַרף, אָבער דערפאַר פעהלט איהר אויס געצייג, און ביי דער אנדער קאָמונע איז פאַרקערט, דאַן בייטען זיי זיך. דאָס קען מען פאַר־שטעלען אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

1 שעפּס קאָסט 2 העק,

אָדער, 1 שעפּס איז (אין אויסטויש) גלייך צו 2 העק.

דאָס איז די ערשטע, איינפאַכע אָדער צופעליגע פאָרמע פון אויס־טויש.

### אויף וועלכער עפּאָכע אין דער מענשליכער געשיכטע באַציהט זיך די פאָרמע?

— געוויס, צו די ערשטע סטאַדיען פון פּאַטריארכאַלען צו־שטאנד, אין אָנהויב איז דאָס גיבער געווען אַן אויסטויש פון מתנות. שכנ'ישע קאָמונעס קומען זיך צונויף צוזאַמען, כדי צו געהן אויף געיעג אָדער פיהרען צוזאַמען א מלחמה, אָדער שליסען שלום צווי־שען זיך, אויב זיי זיינען פריהער געווען אין קריעג, און אום צו פארשטאַרקען די פריינדשאַפט גיבען זיי איינע די אנדערע מתנות. יעדער צד דריקט אויס זיין פאַרלאַנג, זאָגט וואָס איהם איז גע־פעלען, וואָס ער וואָלט וועלען האָבען — דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אויסטויש.

### וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אויסגעצויגענע פאָרמע פון אויסטויש?

— די פאָרמע צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס אויפ'ן פּלאַץ זיינען פאַראַן עטליכע סאָרטען סחורות, עס איז שוין פאַראַן דאָס, וואָס מען רופט אַן א מאַרק. עס זיינען, למשל, צונויפגעקומען עט־ליכע קאָמונעס, וואָס לעבען אונטער פארשידענע נאַטירליכע באדינ־גונגען און האָבען דעריבער פארשידענע פּראָדוקטען, וועלכע זיי ווילען אויסבייטען אויף אנדערע. מען קען עס אויסדריקען אזוי:

1 שעפּס איז גלייך צו 2 זעקלאָך תבואה — אָדער
צו 3 וועלפּעשע פעל — אָדער
צו 2 העק, א. אז. וו.

וואָס מעהר סחורות עס איז פאַראַן אַלץ מעהר ציהט זיך אויס די פאָרמולע.

### אין וועלכען פעריאָד פון דער געשיכטע האָט עקזיס־טירט די פאָרמע?

— זעלבסטפאַרשטענדליך, זי באלאנגט צו א שפּעטערדיגען אָבער ניט צום לעצטען פעריאָד פון דער פּאַטריארכאַלער עפּאָכע, ווי מען קען עס זעהן ביי איינעגע ווילדע שבטים, וועלכע עקזיסטי־רען נאָך ביז היינט.

### וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די דריטע די אַלגעמיינע פאָרמע פון אויסטויש ?

— ערשטענס, איז פאַראַן אַ ג ר ו י ס ע ר צאָהל סחורות, און צווייטענס, — און דאָס איז די הויפּטזאַך — איין סאָרט סחורה האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע איבריגע, יעדערער נעמט איהר אָן ניט דערפאַר, וואָס ער וויל איהר פאַרנוצען, נאָר ווייל פאַר איהר קען ער קריגען אַלע אנדערע זאכען, אין וועלכע ער נויטיגט זיך. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַזאַ סחורה איז פיה (אַזוי איז עס טאַקע געווען אין פיעלע פלעצער). לאָמיר זיך איצטער פאָרשטעלען, אַז אויפ'ן מאַרק איז געקומען אַ פישער מיט פיש און וויל פאַר זיי קריגען אַ האַק. אָבער גראַד זיינען אויפ'ן מאַרק קיין העק ניטאָ, אָדער אויב אַפילו עס זיינען פאַראַן העק, דאַרפען אָבער יענע קיין פיש ניט. וואָס זשע זאָל דער פישער טאָן? בייט ער אויס זיינע פיש אויף אַ שעפּס — ניט ווייל ער וועט איהר קוילענען און אויפעסען, נאָר ווייל אַ שעפּס איז גרינגער צו האַלטען אַ לענגערע צייט איידער פיש און ווייל פאַר אַ שעפּס וועט ער שטענדיג קענען קריגען אַ האַק — פון נעמען אַ שעפּס וועט זיך קיינער ניט אָפּזאָגען — צי מען דאַרף איהר פאַר'ן געברויך אָדער ניט. ביסלעכווייז געוואוינען זיך מענשען איין צו שאַצען זייערע סחורות אויף שעפּסען און אַלעם ווערט געביטען פריהער פון אַלץ אויף שעפּסען. שעפּסען ווערען אויף דעם אופן די מאָס פון אויסטויש־ווערט, און מען קען עס אויסדריקען אַזוי :

2 העק,
אָדער — 3 וועלפעשע פעל
אָדער — 10 פיש
אָדער — 2 זעקלעך תבואה.
} זיינען גלייך צו 1 שעפּס.

די שעפּס ווערט אַן אַלגעמיינע סחורה, ד. ה. געלט.

### צו וועלכע עפּאָכען באַלאַנגט אָט די אַלגעמיינע פאָרמע פון אויסטויש ?

— צו די לעצטע עפּאָכען פון פּאַטריאַרכאַלען צושטאַנד און צו דער פעאָדאַלער עפּאָכע. דער אויסטויש איז דאַן געווען אַ געוועהנליכע ערשיינונג, אָבער ניט די הערשענדע — די הערשענדע

פארמע אין לעבען איז נאך אלץ געווען די הויז־ווירטשאפט, וואו יעדערער ארבייט פאר זיך אויס אלץ וואס ער דארף האבען.

### וועלכע סארטען געלט זיינען געווען אין פארשיידענע לענדער?

— אינ'ם אמאליגען גריכענלאנד, אין רוים און אין פיעלע אנדערע איז געווען פיה; אין דער אמאליגער רוסלאנד — פוטער־ווארג; אין אנדערע פלעצער — זאלץ, באב, קאקאא, אייזען, קופער, א. ד. גל. נאך מיט דער עקאנאמישער ענטוויקלונג האבען גאלד און זילבער צוליעב זייערע נאטירליכע איינענשאפטען ארויסגע־שטויסען אלע אנדערע געלט סחורות, און זיי אליין רופען זיך — געלט.

## ג) געלט.

### ווארום איז דאס גאלד און זילבער געווארען געלט?

— אלס א צירונג זיינען זיי שטענדיג געווען א גאנגבארע סחורה: די ווילדע שעצען צירונג זעהר הויך. די מעטאלען ווערען ניט קאליע, ניצען זיך ניט אפ אזוי שנעל ווי אנדערע. זיי איז גרינג צוטיילען אויף קלייניגקע חלקים, איז גרינגער פאנאנדערצו־צאלען זיך ווי פאר אביסעל אזוי אויך פאר א פולע סחורה. זיי זיי־נען איינארטיג, ד. ה., איין שטיקעל גאלד אדער זילבער איז פול־שטענדיג גלייך צו אן אנדער שטיקעל פון דער זעלבער פארמע און וואג. זיי פארנעמען פארהעלטניסמעסיג ווינציג פלאץ. אט די אלע איינענשאפטען האבען געמאכט, אז גאלד און זילבער זיינען געווארען די איינציגע צייכענס פון געלט. אין היינטיגער צייט רע־כענט זיך גאלד אליין פאר געלט, ווייל דער ווערט פון זילבער איז ניט קיין שטענדיגער, און אויב עס איז פאראן געלט אויך פון אנדע־רע מעטאלען, שאצט מען זיי אבער אלץ לויט זייער פרייז אין גאלד.

### וואס איז א מטבע?

—א שטיקעל מעטאל פון א באשטימטער פארמע און וואג. צום אנהויב פלעגט מען ביי יעדער האנדעלס־אפעראציע דארפען וועגען די גאלד און די זילבער. דאס איז געווען ניט קיין לייכטע ארבייט, פלעגט נעמען צופיעל צייט און דערביי פלעגען פארקר־

מען טעות'ן און נארעריי. אייניגע פעאדאלען האבען זיך מישב געווען און אנגעגרייט א פולע שטיקלאך גאלד און זילבער, אנצייכענענדיג אויף זיי זייער ווערט, און אויב דער פעאדאל האט געהאט א נאמען פאר אן עהרליכען מאן און מען האט צו איהם געהאט צוטרוי, פלעגט מען אננעמען זיינע צוגעגרייטע שטיקלאך גאלד און זילבער ניט איבערוועגענדיג זיי. בלויז ווען עס זיינען געווען זעהר גרויסע סומעס, פלעגט מען זיי נאך אמאל איבערוועגען, און דאס טוט זיך אפילו היינט אין אינטערנאציאנאלע באציהונגען. אזוי האט, למשל, רוסלאנד אמאל אריינגעשיקט אין פראנקרייך עטליכע וואגאנעס גאלדענע מטבעות איינצוצאהלען דעם פראצענט, וואס זי האט געקומט פראנקרייך פאר די הלואות, וואס זי האט דארטען געמאכט. די גאלד איז אבער געווען פון א נידעריגע פראבע, איז אין רוסלאנד גופא האט מען עס געמוזט אננעמען לויט דעם נאמינאלען אנגעצייכענטען פרייז, אבער פראנקרייך האט זיך אפגעזאגט און האט ניט געוואלט אננעמען לויט דעם נאמינאלען ווערט, ווי עס איז געווען אנגעצייכענט אויף די געלט, נאר לויט דער אמת'ער וואג גאלד, וואס דארטען האט זיך געפונען.

## וועלכע נייע באדערפעניש באשאפט די געלט אין דעם מענשען?

— זיי דערוועקען אין דעם מענשען געלט־גייציגקייט. פאר געלט קען מען אלעס קריגען, דאס איז א געזעלשאפטליכע מאכט. אבער ביי יעדען מאל קויפען, מוז דער מענש אפגעבען א טייל פון זיינע געלט, און דער קוואל פון מאכט ווערט קלענער. שטרעבען דאריבער מענשען אנצוזאמלען וואס מעהר געלט, כדי די מאכט זאל זיך קיינמאל ניט ארויסגליטשען פון זייערע הענט, זי זאל זיין אומאויסשעפבאר. אט דער שטרעבען נאך געלט ענטוויקעלט זיך מאנכעס מאל אין א תאוה צו געלט אן און פאר זיך — די געלט ווערט אליין דער צוועק, און עס זיינען באוואוסט פאלען, ווען מענשען זיינען געשטארבען פון הונגער, זיצענדיג אויף קאסטענס מיט גאלד.

## ווי ווירקט די געלט אויף אנדערע באדערפענישען פון מענשען?

— די געלט, ווי דער אויסטויש, מאכען דעם מענשענס פאָדערונגען קאָמפּליצירטער און ברייטער. ווען עס איז ניט געווען קיין געלט און קיין ענטוויקעלטע מערק, האָבען זיך מענשען ניט־ווילענדיג באַנוגענט מיט די אייגענע פּראָדוקטען און מיט די פּראָדוקטען פון זייערע נאָהענטע שכנים. היינט אָבער האָט יעדער פאר זיך די פּראָדוקטען פון דער גאנצער וועלט, ער קען אויסקלייבען וואָס ער וויל, און זיינע באדערפענישען ענטוויקלען זיך און וואקסען.

## ווי ווירקט די געלט אויפ'ן באַוואוסטזיין פון מענשען?

— מענשען הערען אויף צו פארשטעהן דעם ארבייטס־פאַרבאנד צווישען די מיטגליעדער אין דער געזעלשאפט. ווען יעדע געמיינדע האָט געלעבט מיט די פּראָדוקטען פון איהר אייגענער ארבייט אָדער מיט די פּראָדוקטען, וועלכע מען האָט געקראָגען ביים שכן, האָט יעדערער געזעהן און פארשטאַנען, אז די הויפּט־זאך, וואָס בינדט צונויף מענשען אין דער געזעלשאפט, איז די ארבייט. היינט אָבער, ווען אַלע פּראָדוקטען ווערען געקויפט פאר געלט, און די פּראָדוקטען קומען פון אומבאשטימטע פּלעצער און פון אומבאַקאַנטע מענשען, וועלכע זיינען, מעגליך, אַליין ניט קיין פּראָדוצירער, דוכט זיך מענשען אויס, אז דער איינציגער פארבאנד אין דער געזעלשאפט איז געלט, און די ראָלע פון ארבייט און מיטארבייטערשאפט ווערט פארטושירט, פארטונקעלט, — מענשען זעהען עס ניט.

## דריטער קאַפּיטעל.

# די טויש-ווירטשאַפט.

### א) פון הויז-ווירטשאַפט צו טויש-ווירטשאַפט.

**ווע‍לכע ווירטשאַפט רופט זיך אַן טויש-ווירטשאַפט ?**

— די, וואו די הערשענדע פאָרמע איז סחורה-פּראָדוקציאָן, ד. ה., יעדע איינצעלנע ווירטשאַפט פּראָדוצירט פאר'ן מארק, און דורך'ן מארק באַקומט זי אלע נויטיגע מאַטעריאַלען, מיט אנדערע ווערטער, זי פארקויפט אויפ'ן מארק איהרע סחורה און קויפט דאָרטען איין פּרעמדע.

**ווי איז פאָרגעקומען דער איבערגאַנג פון הויז-ווירטשאַפט צו טויש-ווירטשאַפט ?**

— אלץ איז געגאַנגען בהדרגה. פריהער האָבען איינצעלנע קאָמונעס אָדער פאַמיליען-ווירטשאַפטען אויסגעביטען מיט אנדערע בלויז דעם נשאר, וואָס ביי זיי איז פארבליבען; דאָס האָט ביי זיי ערוועקט דעם פארלאַנג צו פארגרעסערען דעם נשאר, האָבען זיי זיך ספּעציאַליזירט אין דער פּראָדוצירונג פון די פּראָדוקטען, וועלכע זיינען פאר זיי געווען גרינגער, באַקוועמער. אזוי האָבען זיי ביסלעכווייז פארוואָרפען די פּראָדוצירונג פון אנדערע פּראָדוקטען, אפילו די סאַמע נויטווענדיגסטע, פאָרציהענדיג צו געפינען זיי בעסער אויפ'ן מארק און קויפען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די ארבייטס-צוטיילונג אין דער געזעלשאַפט, ביז וואנען פאר אלע ווירטשאַפטען איז געוואָרען אונמעגליך צו עקזיסטירען אָהן דעם מארק, אָהן מקח-וממכר.

**וועלכע גרונד־ענדערונגען זיינען פארגעקומען אין דער פעאָדאַלער אָרגאַניזאַציע, ווען דער אויסטויש פון פּראָדוקטען איז געוואָרען די הערשענדע פאָרמע אין לעבען?**

— עס האָט זיך פארגרעסערט די עקספּלואַטאַציע, און דער פעאָדאַליזם האָט אָנגענומען נייע פארמען: אמאָל די פאָרמע פון לייב־אייגענשאַפט (קרעפּאָסטניטשעסטוואָ, פּאַנשטשינע), און אמאָל די פאָרמע פון שקלאַפעריי.

**ווי אַזוי האָט דאָס די ענטוויקלונג פון פּראָדוקטען־אויסטויש פארגרעסערט די עקספּלואַטאַציע?**

— דער פעאָדאַל האָט שטענדיג געלעבט בעסער פון זיינע וואסאַלען און פּויערים, דאָך האָט ער געלעבט איינפאך — שוין דערפאר אליין וואָס קיין לוקסוס זאכען זיינען ניט געווען בנמצא. און טאָמער פלעגט ביי איהם אמאָל איבערבלייבען אפולע פּראָדוקטען, פלעגט ער מיט דעם גאַנץ אָפט אויסהעלפען און אונטערשטיצען די פּויערים־ווירטשאַפטען. ווען אָבער עס איז באַשאַפען געוואָרען א ברייטער מארק מיט אלערליי סחורות, וועלכע מען קען קריגען פאר געלט, האָט דער פעאָדאַל אָנגעהויבען איינקויפען זיי, ער האָט אוועקגעוואָרפען דעם איינפאכען ארט לעבען און אָנגעהויבען לעבען אין וואוילטאָג, זיינע באַדערפנישען האָבען זיך פארגרעסערט און זיינע פּאָדערונגען זיינען געוואַקסען. כדי צו באַפרידיגען זיי האָט ער געמוזט האָבען געלט, און געלט האָט ער געקענט קריגען בלויז פארקויפענדיג זיינע פּראָדוקטען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געצוואונגען די פּויערים אויסצואַרבייטען וואָס מעהר פּראָדוקטען, און די עקספּלואַטאַציע איז געוואַקסען, זי איז געוואָרען באַרבאַריש, אומ׳ברחמנות׳דיג.

**וואָס שטעלט מיט זיך פאר די פּאַנשטשינע־ווירטשאַפט?**

— אויסערליך איז זי דאָס זעלבע וואָס די פריהערדיגע פעאָדאַלע ווירטשאַפט, פון וועלכער זי איז אַרויסגעקומען. דער פונדאַמענט איהרער איז די געמיינדע מיט געמיינשאַפטליכע ערד־פאַרוואַלטונג און געגענזייטיגע שטיצע פון די פּויערשע ווירטשאַפטען, און די פּויערשע ווירטשאַפט אליין איז נאָך אלץ געווען כמעט איינגאַנצען א הויז־ווירטשאַפט. דער פעאָדאַל האָט

נעקראָגען אַן אַנדער נאָמען — ער רופט זיך שוין אָן פּריץ, ער באַקומט אָבער פון די פּויערים די זעלבע באַרשטינע און אַבראַק ווי פריהער. אין עצם אָבער איז פארגעקומען א טיפע איבער־קעהרעניש. דער פעאָדאַל פלעגט ברייננען דעם פּויער א געוויסען נוצען: ער פלעגט אָרגאַניזירען די פּויערשע ווירטשאַפט, פלעגט איהם באַשיצען פון א שכנ'ישען אָנפאַל און פלעגט איהם שטיצען אין פאַל פון נויט. איצטער אָבער איז די אויפגאַבע צו באַשיצען פון אַן אָנפאַל איבערגעגאַנגען צו דער רעגירונג; די אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפט איז איבערגעגאַנגען צו דער אָבשטשינע (צו דער געמיינדע), די געמיינדע פלעגט שוין אויך אָננעמען מיטלען ווי צו פארשטאַרקען די אפגעשוואַכטע, אָפּגע־לאָזענע ווירטשאַפטען, און דאָס איז זי געווען געצוואונ־גען צו טאָן, ווייל זי איז געווען געבונדען מיט א „קרוגאָוואיא פּארוקא״, ד. ה. אלע זיינען ערב געווען איינער פאַר'ן צווייטען, און ווען איינער האָט ניט געקענט צאָהלען זיינע טעקסעס, פלעגען די איבעריגע מוזען באַצאָהלען פאַר איהם, איז עס דעריבער געווען אין די אינטערעסען פון אַלעמען, פון דער גאַנצער געמיינדע, צו זעהן, אז קיין ווירטשאַפט זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערען, כדי זי זאָל אליין קענען צאָהלען איהרע שטייערען. וואָס זשע איז געבליבען פאַר'ן פּריץ צו טאָן? בלויז איין ארבייט — וואָס מעהרער ארויסזויגען פון די פּויערים מעהר — ארבייט, מעהר — ווערט, צו־ליעב דעם האָט נאָך דער פּריץ געהאַט זיינע אייגענע מיהלען, בעקע־רייען א. ד. גל., און די פּויערים זיינען געווען געצוואונגען צו באַ־נוצען זיך דוקא מיט די מיהלען, ניט מיט קיין אַנדערע, און צאָהלען דעם פּרייז, וועלכען דער פּריץ האָט באַשטימט. פאַר'ן געוועזענעם פעאָדאַל איז געבליבען נאָר איין זאַך — זיין א פּאַראַזיט און א עקספּלואַטאַטאָר. פריהער האָבען די פּויערים געמעגט איבערגעהן פון איין פעאָדאַל צו א צווייטען, פלעגען זיך טאַקע דעריבער די פעאָדאַלען סטאַרען מעהר־ווייניגער צו לעבען גוט מיט די פּויערים, איצטער אָבער האָט דער פּויער אזא רעכט ניט געהאַט, האָט טאַקע דער פּריץ פון איהם געשונדען די פעל, פיעל נאָר ער האָט געקענט.

## אין וואָס באַשטעהט דער אונטערשייד צווישען פאַנש־טשינע און שקלאַפעריי?

— דער אונטערשייד צווישען שקלאַפעריי און פאַנשטשינע באַשטעהט אין דעם, וואָס דער שקלאַף האָט ניט קיין אייגענע ווירטשאַפט, און דער פויער, וואָס איז אויף פאַנשטשינע, האָט עס יע. דער פאַנשטשיזניק ארבייט פיעל און גאַנץ שווער אויפ'ן פריץ, אָבער דאָך ארבייט ער אויך פיעל - ווינציג אויף זיך אליין, אויף זיין אייגענער ווירטשאַפט; דער שקלאַף ארבייט די גאַנצע צייט אויף זיין בעל־הבית, אויפ'ן שקלאַפען־האַלטער. בשעת עס האָט עקזיסטירט פאַנשטשינע, זיינען ביי די פריצים אויך געווען מענשען, וועלכע האָבען ניט געהאַט זייער אייגענע ווירטשאַפט און פלעגען אָפּגעבען זייער גאַנצע צייט פאַר'ן פריץ — די מענ־שען האָבען זיך גערופען „דוואָראָוויע", הויפּישע, ד. ה. אזעלכע, וועלכע ארבייטען ביים פריץ אין הויף אלס הויז־באַדיענער, זיי זיינען טאַקע געווען אמת'ע שקלאַפען, ווי פאַקטיש אזוי אויך יורידיש (אייגענטליך, זיינען יורידיש אלע פויערים געווען שקלא־פען), אָבער דעם פריצ'ס ווירטשאַפט איז ניט געווען געבויט אויף דער ארבייט פון די „דוואָראָוויע", זי האָט זיך געהאַלטען הויפּטזעכליך אויף דער ארבייט פון די קרעפּאָסטנע פויערים, די שקלאַפען־ווירטשאַפט ווי די פאַנשטשינע־ווירטשאַפט איז גע־ווען פון אויבען א טויש־ווירטשאַפט און פון אונטען א הויז־ווירט־שאַפט: סיי דער שקלאַפען־האַלטער סיי דער פריץ פלעגען אויסביי־טען זייערע פּראָדוקטען אויפ'ן מארק, די שקלאַפען אָבער און די פויערים פלעגען לעבען מיט די פּראָדוקטען פון זייער אייגענער ארבייט.

## וועלכע אורזאַכען האָבען געווירקט, עס זאָל באַשאַפען ווערען א שקלאַפען־ווירטשאַפט?

— אין אַמאָליגען גריכענלאַנד און רוים זיינען די שקלאַפען געווען קריעגס געפאַנגענע. די גריכען און די רוימער זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט באַרבאַרען, וועלכע פלעגען מיט זיי שטענדיג פיהרען מלחמות. די גריכען און די רוימער זיינען געווען מעהר געבילדעט, האָבען זיי געהאַט בע־

סערע געוועהר און פלעגען דאס רוב זיין די זיעגער און פלעגען אריינכאפען פיעלע קריעגס־געפאנגענע. די ערשטע צייט פלעגט מען די קריעגס־געפינגענע אויס׳הרג׳ענען, אבער דערנאך האבען זיי אנגעהויבען צו פארשטעהן, אז עס איז פיעל ניצליכער פארוואנדלען זיי אין שקלאפען און צווינגען זיי צו ארבייטען. דאס זעלבע איז אויך געוועזען מיט דער נעגער־שקלאפעריי. אין אנדערע פאלען איז די שקלאפעריי ארויסגעוואקסען פון פאנש־טשינע: דער פריץ פלעגט זוכען ארויסצוקריגען פון די פויערים וואס מעהר, פלעגט ער זיי צווינגען צו ארבייטען מעהר צייט אויף איהם, אזוי זיינען זיי ביסלעכווייז צוגעוואוינט געווארען צו ארבייטען אויפ׳ן פריץ די גאנצע צייט, האבען זיך אלע פאר־וואנדעלט אין „דוואראוויע“, איין פריץ פלעגט זיי פארקויפען צום צווייטען, און זיי זיינען געווארען שקלאפען.

### מיט וואס פאר א רעכט פלעגט מען פארקויפען די פויערים און די שקלאפען?

— די ארבייטס־קראפט איז א מיטעל, דורך וועלכען עס ווערען באשאפען אלע פראדוקטען, קוקען די עקספלואטאטארען אויף דער ארבייטס־קראפט ווי אויף א סארט געצייג, וועלכע העלפט אויסצוארבייטען אלערליי פראדוקטען. און אזוי ווי די געצייג באלאנגט צום בעל־הבית, און ניט צום ארבייטער, וועלכער ארבייט מיט די געצייג, אזוי, האבען זיי גערעכענט, איז די ארבייטס־קראפט באלאנגט אויך צו זיי, און דעריבער האבען זיי געהאט דאס רעכט צו פארקויפען איהר. אבער די ארבייטס־קראפט איז אזא געצייג, וועלכע איז ניט אפגעטיילט פון דעם אר־בייטער, זי איז א טייל פון זיין קערפער, איז שוין ממילא אויסגע־קומען, אז פארקויפענדיג די ארבייטס־קראפט, פלעגט מען פאר־קויפען דעם גאנצען מענשען.

### זיינען די פאנשטשינע און שקלאפען ווירטשאפטען גע־ווען פעהיג צו ענטוויקלען זיך אדער ניט?

— אויף וויפיעל די בעלי־הבתים האבען געזוכט צו פארבע־סערען די פראדוקציאנס מיטלען און צו ארגאניזירען איהר אויף א בעסערען אופן, האבען זיי געהאלפען די עקאנאמישע ענטוויק־

לונג. אָבער וואָס ווייטער האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען א פאר־גרעסערטען צאָהל פראָדוקטען ניט אויפ'ן רעכענונג פון בעסערע פראָדוקציאָנס־מיטלען, נאָר אויפ'ן רעכענונג פון א שטארקערע עקספּלואַטאַציע, מיט דעם וואָס זיי פלעגען צווינגען די פּויערים און די שקלאַפען צו ארבייטען וואָס מעהר צייט און פלעגען צונע־מען פאר זיך אזא גרויסען טייל פון די פראָדוקטען, אז אפילו די נויטווענדיגסטע באדערפנישען פלעגט אויך זיין שווער פאר די ארבייטער צו באפרידיגען אין א פולער מאָס, דאן זיינען זיי גע־וואָרען פּשוט'ע פּאראזיטען, וועלכע האָבען ניט נאָר ניט געהאָל־פען די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, נאָר, פארקעהרט, זיי האָבען איהר געשטערט. אליין האָבען זיי געקוקט אויף ארבייט ווי אויף א נידעריגע זאך, און האָבען איהר ניט געוואָלט שענקען קיין שום אויפמערקזאמקייט; די ארבייטער — די פּויערים און די שקלאַפען — זיינען געווען שרעקליך אָרים, האָבען גאָרנישט ניט געהאט אָפּגעשפּאָרט און האָבען ניט געקאָנט ענטוויקלען דעם עקאָנאָמישען לעבען. די געזעלשאפט האָט דעגענערירט: אין די אויבערשטע שיכטען פון פּאראזיטיזם, אין די אונטערשטע — ווייל די כחות זיינען געווען אויסגעצערט. אזוי האָט פּאסירט אין גריכענלאנד און אין רוים, וועלכע זיינען אזוי אָפּגעשוואַכט גע־וואָרען, אז ווען די בארבארען זיינען אויף זיי אָנגעפאלען, האָבען זיי ניט געקענט ארויסווייזען קיין שום ווידערשטאנד. אין איי־ראָפּע איז צו אזא צושטאנד ניט געקומען, ווייל דאָרטען זיינען ענטשטאנען און האָבען זיך ענטוויקעלט די שטעדט מיט די צעכען פון בעלי־מלאכות.

## ב) די טויש־ווירטשאפט אין די שטעדט פון מיטעל־אלטער.

### וואָס איז געווען דער עקאָנאָמישער פונדאמענט פון די שטעדט אין מיטעל־אלטער?

— דער טויש. די שטעדט זיינען געווען די מערק, די צענטרען פון אויסטויש, און דאָס האָט געהאָלפען זייער ענטוויק־לונג. איינציגע פּויערשע דערפער, צוליעב זייער געאָגראפישער לאגע אָדער צוליעב אנדערע אורזאכען, זיינען געוואָרען דער

מיטעל־פונקט פון האנדעל. אהינצו פלעגען זיך צוזאמענקלייבען די ארומיגע פויערים, די פארוואלטער פון די פעאדאלע מאיאנטקעס — אלע. נאטירליך, האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האבען איינגעזעהן, אז אנשטאט ארבייטען קוינט זיי בעסער איינקויפען די אלע סחורות, וואס מען פיהרט אהין אריין, און דערנאך פארקויפען זיי צו אנדערע, ד. ה. עס איז ענטשטאנען א סוחר׳ישער קלאס. די בעלי־מלאכות האבען אויך אויסגעפונען, אז אנשטאט ברייננען צו פיהרען זייער ארבייט אין שטאדט, קוינט זיי בעסער צו באזעצען זיך אויף שטענדיג אין שטאדט. די באפעלקערונג פון שטאדט איז געוואקסען, און דער פונדאמענט פון עקאנאמישען לעבען איז שוין געווען ניט ערד־ארבייט, ווי פריהער, נאר מלאכה און האנדעל.

**זיינען די שטעדט געווען אפהענגיג פון די פעאדאלען צי ניט?**

— געוויס זיינען זיי געווען אפהענגיג און טאקע פאר א גאנץ לאנגער צייט, אבער די פעאדאלען האבען געוואוינט אין זייערע מאיאנטקעס, און ניט אין די שטעדט, איז זיי געווען כמעט אוממעגליך אריינצומישען זיך אין דעם עקאנאמישען לעבען פון די שטעדט, פלעגען זיי זיך בלויז באנוגענען מיט׳ן נעמען פון זיי אבראק, א באשטימטע אפצאהלונג. קיינער האט די שטעדט ניט געשטערט אין זייער ענטוויקלונג, זיינען זיי געווארען אלץ רייכער און האבען זיך מיט א גרויסער סומע געלט איינגאנצען אויסגעקויפט פון די פעאדאלען: אין דער צייט וואס דער דארף איז געווארען אלץ מעהר פארשקלאפט, איז די שטאדט געווארען אלץ פרייער. צום סוף זיינען די שטעדט געווארען אזוי שטארק, אז זיי זיינען געווארען איינגאנצען פרייע, אומאפהענגיגע.

**ווי זיינען די שטעדט געווען איינגעארדענט, ווי זיינען זיי געווען ארגאניזירט?**

— צום אנהויב איז עס געווען אלץ איינס ווי אין די דערפער, פון וואנען זיי זיינען ארויסגעוואקסען: די איינוואוינער פלעגען זיך צונויפקלייבען און באשליסען וועגען אלע שטאדטישע געשעפטען. שפעטער־צו האבען די עלטסטע סוחרישע פאמיליעס,

שטיצענדיג זיך אויף זייער רייכקייט, זיך פאראייניגט אין „גילדעס" און זיינען געוואָרען די הויפט בעל־דעות. דערנאָך, ווען דער צאָהל פון בעלי־מלאכות איז געוואָרען גרויס, האָבען זיי זיך פאראייניגט אין „צעכען", ארויסגעריסען פון די סוחרישע גילדעס די מאכט און איינגעפיהרט פארהעלטניסמעסיג א דעמאָקראטישע פארוואלטונג. יעדענפאלס, האָט דאָרטען שטענדיג עקזיסטירט א רעפובליקאנישע אָרדנונג, אפילו ווען די מאכט איז געלעגען אין די הענט פון דער סוחרישער אריסטאָקראטיע — פון די גילדעס.

## ווי איז געווען אָרגאניזירט די בעל־מלאכה'שע ווירטשאפט?

— צום אָנהויב איז דאָס געווען א פאמיליען ווירטשאפט, ווי די פויערשע. העכער פון אַלעמען איז געשטאַנען דער מאַסטער, דער בעל־הבית, וועלכער האָט געארבייט אין אן אייגענעם ווערקשטאַט צוזאַמען מיט זיינע זיהן. דערנאָך זיינען צוגעקומען לערן־בחורים און געזעלען (פאָדמאַסטעריעס). זיי פלעגען וואוינען ביים בעל־הבית אין הויז, דאָרטען עסען, טרינקען און שלאָפען, און ביסלעכווייז פלעגט דער געזעל קלייבען געלט, כדי ער זאָל ווען עס איז אליין קענען עפענען א ווערקשטאַט און ווערען א בעל־הבית. די צעכען פלעגען באַשטימען אַלע רעגלען, וואָס האָבען געהאַט א וועלכע עס איז שיכות צום ווערקשטאַט און צו דער ארבייט. עס איז געווען באַשטימט פיעל יאָהר דאַרף מען זיין א לערן־בחור און פיעל יאָהר — א געזעל; וויפיעל לערן־בחורים און געזעלען מען מעג האַלטען אין א ווערקשטאַט; פיעל שטונדען דאַרף מען ארבייטען, וועלכען מאַטעריאַל זאָל מען נוצען, וועלכע פאַסאָנען יעדער ווערקשטאַט מעג אויסארבייטען, וואָס פאַר א פרייז זאָל מען נעמען פאַר די אויסגעארבייטע זאכען א. אז. וו. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען מיט'ן צוועק צו פאַרמיידען קאָנקורענציע צווישען די בעלי מלאכות, איינער זאָל ניט קענען פארכאַפּען פאַר זיך דעם גאַנצען אָדער א גרויסען טייל פון דעם מארק, אז אנדערע זאָלען ניט האָבען וואו צו פארקויפען זייערע פראָדוקטען.

## האָט עקזיסטירט עקספּלואַטאַציע אין יענער צייט?

— געוויס האָט עקזיסטירט. די געזעלען און די לערן־בחורים זיינען געווען ווי די געדונגענע ארבייטער אין היינטיגער צייט: זיי פלעגען, פארשטעהט זיך, אויסארבייטען מעהר איידער זיי פלעגען פון איהם באקומען, דער בעל הבית אָבער פלעגט עס פארקויפען און צונעהמען אין גאנצען פאר זיך, אויף דעם אופן פלעגט ער פון זיי ארויסקריגען מעהר־ווערט. אָבער די עקספּלואַטאַציע איז געווען אַ מעסיגע, האָט געטראָגען מעהרסטענס־טייל, אזוי צו זאָגען, אַ פאמיליען־כאראקטער. דער בעל־הבית און די ארבייטער האָבען געלעבט צוזאמען — געגעסען צוזאמען און געארבייט צוזאמען, און וואָלט דער בעל־הבית וועלען צווינגען דעם געזעל צו ארבייטען לענגערע שטונדען, וואָלט ער דאָך אליין אויך זיין געצוואונגען צו ארבייטען לענגער, מיט אנדערע ווער־טער, דער גאנצער ווערקשטאַט וואָלט דארפען ארבייטען לענגער, און דאָס האָבען די צעכען ניט דערלאָזען. בלויז אין די לעצטע פעריאָדען פון דער דאָזיגער עפּאָכע, ווען די צעכען האָבען שוין פארלאָרען זייער מאכט, און אויף וויפיעל זיי האָבען נאָך יע געקענט עפּעס איינזאָגען איז די דעה געווען ביי די שטארקערע, ביי די רייכערע בעלי־בתים; בלויז ווען דער האנדעל און די אינדוסטריע האָבען זיך ענטוויקעלט אזוי שטארק, אז די צעכען האָבען זיי שוין ניט געקענט רעגולירען, דאן האָט זיך דאָס אַלעס אומגעבי־טען — די עקספּלואַטאַציע איז געוואָרען גרעסער, און די צעכען האָבען אָנגעהויבען אונטערצוגעהן, ביז וואנען זיי זיינען סוף כל סוף אינגאנצען פארשוואונדען.

## איז אָט די טויש־ווירטשאַפט פון די שטעדט געווען פעהיג צו ענטוויקלען זיך?

— פיעל מעהר איידער אין פעאָדאַלען פעריאָד, און נאָך מעהר איידער אין דעם פעריאָד פון פאנשטשינע. די פרייהייט וועלכע די שטעדט האָבען גענאָסען אין אַ גרויסער מאָס, האָט געהאָלפען, אז דאָרטען זאָלען זיך ענטוויקלען די ארבייט און דער האנדעל. די מעהר־ארבייט פלעגט ניט אַוועק אויף לוקסוס, נאָר אויף פארגרעסערען די פּראָדוקציאָן. די מעהר־ארבייט פון דאָרף איז דורך די הענט פון די פעאָדאַלען אריבערגעגאנגען אין

שטאַרט, וואו די פעאָדאַלען פלעגען איינקויפען אלץ וואָס זיי האָבען געדארפט האָבען צום לעבען. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אין עטליכע הונדערט יאָהר האָבען זיך די שטעדט אזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעבליהט.

## ג) אלגעמיינע געזעצען פון טוישען.

**וואָס איז דער אמת׳ער אינהאַלט פון טויש, און ווי שטעלט ער זיך פאַר אין דעם באַוואוסטזיין פון די מענשען, צווישען וועמען דער פראָצעס פון טוישען קומט פאָר?**

— דער פונדאמענט פון טוישען ליגט אין דער מיטארביי־טערשאפט פון מענשען, אין דעם וואָס עס איז פאַראַן א צוטיי־לונג פון ארבייט אין דער געזעלשאפט, איינינגע ארבייטען אויף איין סאָרט פראָדוקטען, און די צווייטע — אן אנדער סאָרט, אר־בייטען זיי איינער אויפ׳ן צווייטען, יעדערער באַנוצט זיך מיט די פראָדוקטען פון צווייטענס ארבייט. אָבער פאַר די מענשען, וועלכע נעמען אן אנטייל אין אָט דעם פראָצעס, איז עס בלויז א קאַמף: דער קויפער וויל צאָהלען וואָס ווייניגער און באַקומען וואָס מעהר — דאָס איז זיין אינטערעס; דעם פאַרקויפער׳ס אינטע־רעס איז אַקוראַט א פאַרקערטער, אוןביידע ווילען אויספיהרען דאָס זייערינגע. דער קאַמף פיהרט זיך אויף א פרידליכען אופן — מען דינגט זיך, דאָך איז עס א קאַמף, דאָך זיינען די אינטערעסען געגענגעזעצטע, די באַציהונגען פול מיט מיסטרוי, און עס טרעפט זיך אפילו אז די באַציהונגען ווערען אזוי פאַרשאַרפט אז עס קומט צו געוואַלד, איבערהויפט קומט עס פאָר, ווען עס הויבען זיך שטאַרק די פרייזען אויף ברויט און אנדערע נויטווענדיגסטע לעבענס מיטלען — דאַן באַגלייטען זיי זיך אפילו מיט באַראַבע־ווען די מאַגאַזינען און אויפשטאַנדען.

ווייטער. ביים טוישען־סיסטעם ענטוויקעלט זיך קאָנקור־רענציע. יעדער פאַרקויפער וויל ארויס׳פטר׳ן זיין גאַנצע סחורה, און אַזוי ווי דער מאַרק איז ניט קיין באַשטימטער, קיינער ווייס ניט, וויפיעל סחורה מען וועט קענען פאַרקויפען און וויפיעל עס

וועט אויסגעגליכן, קאָנקורירן די פאַרקויפער צווישן זיך און זוכן אָפּצונעמען איינער ביים צווייטן די קאָסטומערס. צווישן די קויפער קומט אויך פאָר א קאָנקורענציע, ווייל קיינער ווייס ניט, צי עס וועט זיין גענוג וואַרע פאַר אַלעמען. אַזוי קומט פאָר א שטענדיגער קאַמף צווישן מענשן אויפ׳ן גרונט פון מיטאַרבייטערשאַפט, און אַט דער קאַמף פאַרדונקעלט, פאַרשטעלט דעם אַרבייטס־פאַרבאַנד.

## ווער בלייבט דער זיגער אין קאַמף צווישן קויפער און פאַרקויפער?

— דאָס ווענדט זיך אָן דער נ אָ כ פ ר א ג ע און אָ נ ב אָ ט פון סחורה. נאָכפראַגע מיינט דער צאָהל סחורה, וואָס דער קויפער זוכט; אָנבאָט מיינט דער צאָהל סחורה, וואָס געפינט זיך אויפ׳ן מאַרק צו פאַרקויפען. אויב דער אָנבאָט איז גרעסער פון דער נאָכפראַגע, ד. ה. אויב אויפ׳ן מאַרק געפינט זיך צופיעל סחורה, פאַר וועלכע עס זיינען ניטאָ גענוג קויפער, קומט פאָר א קאָנקורענציע צווישן די פאַרקויפער, יעדערער פון זיי איז גרייט אראָפּצולאָזען פונ׳ם געוועהנליכען פרייז אבי ארויסשטופען די גאַנצע סחורה זיינע, וואָס ער האָט אָנגעגרייט: די קויפער באַנוצען זיך דערמיט און קריגען די סחורה ביליג. ווען די נאָכפראַגע איז גרעסער פון דעם אָנבאָט, ד. ה. אויפ׳ן מאַרק איז ניטאָ גענוג סחורה פאַר אַלעמען, קומט פאָר א קאָנקורענציע צווישען די קויפער, און די פרייזען הויבען זיך.

## ווי אָבער קומט פאָר דער טויש אין פאַל ווען די נאָכפראַגע און דער אָנבאָט זיינען ביידע גלייך??

— דאַן איז דער פרייז ניט הויך און ניט נידעריג, און דער טויש קומט פאָר לויט׳ן נ אָ ר מ א ל ע ן ־ ו ו ע ר ט פון די סחורה.

## וואָס מיינט דאָס דער „נאָרמאלער ווערט״?

— דער נאָרמאלער ווערט איז אַזאַ, וועלכער ענטשפּרעכט דעם א ר ב י ט ס ־ ו ו ע ר ט. דער גאַנצער אינהאַלט פון טויש, דער עצם זיינער ליגט אין דעם, וואָס מענשען גיבען איבער

איינער דעם צווייטען זייער ארבייט, וואס איז אריינגעלעגט געווארען אין די פּראָדוקטען. דעריבער איז נאַטירליך, אז בייטען איינס אויף דאָס צווייטע קען מען בלויז די סחורות, אין וועלכע עס געפינט זיך א גלייכער צאָהל ארבייט, למשל, צו 10 שטונדען איינפאַכע ארבייט אין יעדערער.

## עס טרעפט דאָך אָבער, אז די זעלבע סחורה פארקויפט זיך אמאָל טייערער און אמאָל ביליגער, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס עס ענטהאַלט אין זיך די זעלביגע מאָס ארבייט?

— דאָס איז דערפאַר, וואָס די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער געזעלשאַפט איז ניט אָרגאַניזירט, און דער אָנבאָט ענטשפּרעכט ניט די נאָכפראַגע. קען דעריבער פארקומען אזא פאַל, אז א סחורה, וועלכע קאָסט צעהן שעה ארבייט זאָל זיך אויסבייטען אויף אן אנדער סחורה, וועלכע ענטהאַלט אין זיך 6 שטונדען אָדער, פארקערט, 15 שטונדען ארבייט. אין אזא פאַל איז דער מארק אליין גלייכט זיי אויס. למשל, א בגד, וואס קאָסט 20 שטונדען ארבייט, פארקויפט זיך פאר אזוי פיעל געלט, ווי שטיוועל, וועלכע קאָסטען בלויז 10 שטונדען ארבייט. די קליידערגעשעפטען וועלען פארקלענערען די פּראָדוקציאָן פון בגדים, ווייל דאָס באצאָהלט זיך ניט, און די שוך־געשעפטען וועלען, פארקעהרט, פארגרעסערן די פּראָדוקציאָן פון שטיוועל, ווייל דאָס לוינט זיך בעסער. דער סוף וועט זיין, אז דער אָנבאָט פון בגדים וועט זיך פארקלענערען און זייער פּרייז וועט זיך העכערען; פארקעהרט, דער אָנבאָט פון שטיוועל וועט זיך פארגרעסערען, וועט זייער פּרייז פאַלען. עס קען מעגליך קומען אפילו צו אזא מדרגה, אז שטיוועל וועלען זיך פארקויפען נידריגער פון זייער ארבייטס־ווערט, און בגדים — העכער פון זייער ארבייטס־ווערט. דאַן וועט זיך דערזעלבער פּראָצעס איבער'חזר'ען אין א פארקערטען וועג: די געזעלשאַפטליכע ארבייט וועט זיך, אזוי צו זאָגען, טרענספערירען, איבערגעהן פון שוסטעריי צו שניידעריי, און עס וועלען זיך ווידער אומבייטען די פּרייזען, נאָר אויף אן אנדער זייט. מיט אנדערע ווערטער, דאָס וואַקלעניש פון אָנבאָט און נאָכפראַגע שטרעבט צו ברייינגען סוף כל

סוף די פרייזען פון סחורות צו א צושטאנד, וועלכער זאל מעהר ענטשפּרעכען דעם ארבייטס־ווערט פון די פּראָדוקטען.

**עס טרעפט דאָך אָבער גאַנץ אָפט, אז אין איין און זעלבען פּראָדוקט ליגט ניט קיין גלייכע מאָס ארבייט?**

— געוויס, פּאַסירט עס, אויב מען זאל נעמען אין אנבאטראכט די ארבייט פון יעדען איינצעלנעם ארבייטער, איבערהויפּט ווען זיי ארבייטען ניט מיט די זעלבע געצייג. צום ביישפּיעל, א שנײַדער שניידער וועט אויפנעהען א בגד אין קנאפּער שטונדען איידער א לאַנגזאַמער ארבייטער; א שניידער מיט א נייה־מאַשין וועט אויפנייהען שנעלער איידער דער וואָס נייהט מיט די הענט, אָהן א מאַשין. אָבער דער מארק רעכענט זיך ניט מיט איינצעלנע ארבייטער, ער רעכענט זיך בלויז מיט דער געזעלשאפטליכער ארבייט, מיט'ן געזעלשאפטליך־ארבייטס־ווערט. אויב א נייה־מאַשין איז שוין אריין אין דער מאָדע, אויב געוועהנליך באנוצט מען זיך מיט איהר אין די ווערקשטאַטען, נאָר איין ארבייטער נייהט נאָך אַלץ מיט'ן האנט און ניט אויף א מאַשין, לעגט ער טאַקע אריין אין בגד מעהרער ארבייט, אבער ער קריגט ניט דערפאר קיין געצאָהלט, ווייל דער מאַרק רעכענט זיך בלויז מיט דער **געזעלשאַפטליך נויטווענדיגער ארבייט**, און בלויז אָן איהר ווענדעט זיך דער טויש־ווערט. און אנדערש קאָן עס ניט זיין, ווייל אויב ניט וואָלט אויסקומען, אז וואָס מעהר שלים־מזל, וואָס א גרעסערער פּאַרטאַטש דער שניידער איז, אַלץ מעהר דאַרף ער פאַרדינען.

**אַלזאָ, ווי קען מען אין קורצען אויסדריקען דעם גרונט־געזעץ פון טויש?**

— דער ווירקליכער טויש־ווערט פון סחורות ווענדעט זיך אָן זייער ארבייטס־ווערט, ד. ה. אָן דער מאָס געזעלשאַפטליך נויטווענדיגע ארבייט, וועלכע איז אריינגעלעגט געווארען אין דעם פּראָדוקט. די וואַקלעניש פון אַנבאָט און נאָכפראַגע רעגולירט די פּרייזען, לאָזט זיי ניט פאַלען פיעל נידעריגער אָדער אויפהויבען זיך צופיעל העכער פון דער מאָס.

## פערטער קאַפּיטעל

# דער האַנדעלס-קאַפּיטאַל.

### א) קאַפּיטאַל אין אַלגעמיין.

#### וואָס רופט זיך אַן קאַפּיטאַל?

— אין דער געוועהנליכער שפּראַך רופט זיך אַן „קאַפּיטאַל” יעדע אייגענטום, וואָס ברענגט אריין אַ וועלכע עס איז איינ־נאַהמע. אָבער אָט דער געוועהנליכער באַגריף איז אַ פאַלשער, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ אייגענטום, וואָס זאָל אַליין, אָן און פאַר זיך, ברענגען אַ וועלכע עס איז הכנסה. צום ביישפּיעל, אַ פאַב־ריק ברענגט אריין דעם בעל־הבית אַ הכנסה, אָבוואָהל ער האָט אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ געטאָן. טראַכטען מיר זיך אָבער אריין אַביסעל בעסער, וועלען מיר אויסגעפינען, אַז ווען אויף דער פאַבריק וואָלטען ניט געווען קיין ארבייטער, וואָלט זי קיין שום הכנסה ניט אריינגעבראַכט: די ארבייטער ארביי־טען אויס די נויטוועגדיגסטע ארבייט, מיט וועלכער זיי צאָהלען אָפּ דעם ווערט פון זייערע לעבענס־מיטלען, און גיבען נאָך צו אַ הוספה פון מעהר־ארבייט, און אָט די מעהר־ארבייט געהט איבער אין די הענט פון בעל־הבית און דאָס איז זיין פאַרדינסט. אָדער אַן אַנדער פאַל: מען האָט די געלט אריינגעלעגט אין באַנק, טראָ־גען זיי פּראָצענטען — וואָרום? די באַנק פאַרלייהט געלט צו פאַבריקאַנטען און אַלערליי אַנדערע אונטערנעהמער, וועלכע קריי־גען ארויס פון דעם ארבייטער זיין מעהר־ארבייט, אַ טייל פון אָט דער מעהר־ארבייט גיבען זיי אָפּ צוריק דער באַנק אין דער פאָרמע פון פּראָצענט, און דער באַנק טיילט זיך מיט די, וועלכע האָבען אריינגעלעגט אַהין זייערע געלט. און אין יעדען פאַל, ווען עס איז פאַראַן קאַפּיטאַל, וואָס ברענגט אריין אַ וועלכע עס איז הכנסה, חזר'ט זיך איבער די זעלביגע זאַך: דער אייגענטימער

פון קאַפּיטאַל נעהמט צו, דירעקט אָדער אינדירעקט, עמיצענס מעהר־ארבייט.

**אויף וואָס באַגרינדעט דער פאַבריקאַנט זיין רעכט צו נעהמען פאַר זיך עמיצענס מעהר־ארבייט?**

— אויף דעם, וואָס די נויטיגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען זיין פּריוואַט־אייגענטום. א פאַבריק איז א זאַמלונג פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען: געלט, אין טויש־ווירטשאַפט, זיינען אויך א פּראָדוקציאָנס־מיטעל, ווייל אָהן זיי קען מען ניט קריגען ניט קיין געצייג, ניט קיין מאַטעריאַל און ניט קיין ארבייטס־קראַפט. אלס דער אייגענטימער פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, נעהמט צו דער קאַפּיטאַליסט דעם גאַנצען פּראָדוקט, ד. ה. אויך די מעהר־ארבייט וואָס אין איהם איז אריינגעלעגט. בלויז אויף דעם תנאי שטימט ער איין צו געבען דעם ארבייטער זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

**אַלזאָ, וואָס זשע רופט זיך אין דער אמת'ען אַן קאַפּיטאַל?**

— די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע טראָגען אריין א הכנסה, וועלכע דיענען אלס א מיטעל פון עקספּלואַטאַציע, ווייל זיי געפינען זיך אין פּריוואַטען באַזיץ.

**זיינען אַלע איינשטימיג מיט דיעזער דעפיניציע פון קאַפּיטאַל?**

— ניין, ניט אַלע. אין פיעלע ביכער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע פאַרטיידיגט זיך אַן אנדער שטאַנדפּונקט. זיי זאָגען, אז „קאַפּיטאַל איז דער פּראָדוקט פון פריהערדיגער ארבייט, וועלכער דינט פאַר דער וויטערדיגער פּראָדוקציאָן". מיט אַנדערע ווערטע מיינט דאָס, אַ ל ע פּראָדוקציאָנס מיטלען, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען דורך ארבייט. אויף דעם אופן קומט אויס, אז אויב דער פאַר־היסטאָרישער מענש האָט אויסגעבראָכען א פלאַקען און אָנגעקליבען שטיינער, וועלכע ער באַנוצט געהענדיג אויף געיעג, איז אָט דער פלאַקען מיט די שטיינער זיין קאַפּיטאַל, און אָט דער ווילדער מענש פון אָדם־הראשון'ס דורות איז געוועזן

אַ קאַפּיטאַליסט; פאַר אַזאַ קאַפּיטאַליסט דאַרפען מיר אויך רעכענען דעם פּויער און דעם בעל־מלאָכה, וועלכע אַרבייטען אַליין מיט זייערע אייגענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען.*) דעם שטאַנד־פּונקט פאַרטיידיגען די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען, וועלכע זיילען אויפצייגען, אַז קאַפּיטאַל איז געווען שטענדיג און ער איז שטענ־דיג נויטיג אין דער פּראָדוקציאָן. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג: פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען טאַקע שטענדיג נויטיג, אָהן זיי קען מען קיין זאַך ניט שאַפען, אָבער ניט שטענדיג זיינען זיי קאַפּי־טאַל, ווייל ניט שטענדיג דיענען זיי אַלס אַ מיטעל פון עקס־פּלואַטאַציע, אַלס אַ מיטעל אוועקצונעהמען וועמעס עס איז מעהר־אַרבייט.

## ב) האַנדעלס־קאַפּיטאַל און רויב־קאַפּיטאַל.

### וואָס רופט זיך האַנדעלס־קאַפּיטאַל?

— דער קאַפּיטאַל, וועלכער נעהמט זיך צו דעם מעהר־ווערט מיט דער הילף פון האַנדעלס־אָפּעראַציעס, דורך קויפען און פאַר־

---

*) דער שטאַנדפּונקט, אַז אַלע פּראָדוקצידנס־מיטלען, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען דורך אַרבייט, געהען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון קאַפּיטאַל, איז ריכטיג בלויז ווען מיר באַטראַכטען דעם קאַפּיטאַל אַלס אַ היסטאָרישע ערשיינונג, ווען מיר ווילען אויסגעפינען די געשיכטע פון זיין ענטוויקלונג, אַלע שטופען וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען. באַ־טראַכטען מיר אָבער דעם קאַפּיטאַל אין היינטיגער צייט, איז דיזער שטאַנדפּונקט פאַלש. אַ פרוי האָט אַ נאָדעל, פאָדעם און אַנדערע כלי מכשירים, מיט וועלכע זי נעהמט העמדער פאַר זיך און פאַר איהר הויז־געזינט — דאָס איז ביי איהר ניט קיין קאַפּיטאַל, אָבוואָהל זיי זיינען „פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען דורך אַרבייט". ווען אָבער זי נעהמט מיט זיי העמדער פאַר אַנדערע, צו פאַרקויפען, דאַן זיינען זיי איהר קאַפּיטאַל. די נאָדעל און פאָדעם זיינען אויך קאַפּי־טאַל פאַר'ן קרעמער, ביי וועמען זי האָט זיי געקויפט. די הויז, אין וועלכער איינער וואוינט אַליין, איז ניט קאַפּיטאַל, אַלץ איינס ווי מען קען ניט רעכענען פאַר קאַפּיטאַל דעם בגד, וואָס אַ מענש טראָגט, און די שפּייז, וועלכע ער עסט. פאַרדינגט ער אָבער די הויז צו אַנדערע און באַקומט דערפאַר דירה געלט, ווערט שוין די הויז דאַן זיין קאַפּיטאַל. איינער האָט גרויסע געלט, האָט ער זיי פאַרגראָבען אין דער ערד און

קויפען, כדי צו באַקומען פּראָפיט. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז 1 רובל אָדער 1 דאָלער אין געלט האַלט אין זיך איין 10 שטונדען איינפאַכע אַרבייט, אַלזאָ האָט איינער געקויפט סחורה פאַר 80 קאָפּיקעס אָדער 80 סענט און פאַרקויפט פאַר אַ רובל אָדער אַ דאָלער: ער האָט באַצאָהלט מיט געלט, וועלכע האָבען דעם ווערט פון 8 שטונדען איינפאַכע אַרבייט און האָט געקראָגען דערפאַר אַ סומע געלט אין דעם ווערט פון 10 שטונדען איינפאַכע אַרבייט, הייסט דאָס, ער האָט באַקומען איבעריגע 2 שטונדען איינפאַכע אַרבייט אַלס פּרנסה, אַלס האַנדעלס־פאַרדינסט. ער פאַרקויפט די סחורה לויט איהר אמת'ען ווערט, האָט ער זי אַלזאָ געקויפט ביליגער פון איהר אמת'ען ווערט. דער פּראָדוצירער האָט אין דער סחורה אַריינגעלעגט 10 שטונדען איינפאַכע אַרבייט און האָט באַקומען געלט אין דעם ווערט פון 8 שטונדען אַרבייט — דאָס איז האַנדעלס־עקספּלואַטאַציע.

## וואָס צווינגט דעם פּראָדוצירער צו מאַכען אַ ראַבאַט, אַרונטערלאָזען פון פּרייז?

— דאָס קומט אַרויס פון פיעלע אורזאַכען, אָבער די געוועהנליכע אורזאַכע איז, וואָס דער פּראָדוצירער האָט ניט דעם

באַנוצט זיך קיינמאָל ניט מיט זיי: מען קען זיי אַרויס'גנב'ענען, איבערטראָגען אָהן זיין וויסען אויף אַנאַנדער פּלאַץ — מיט איהם האָט עס אַלץ ניט צו טאָן. אַזעלכע געלט איז פאַר איהם ניט קיין קאַפּיטאַל, פאַר איהם איז אַלץ איינס, ווי ער וואָלט זיי קיינמאָל ניט געהאַט. לעגט ער אָבער אַריין די געלט אין באַנק אויף פּראָצענט אָדער ער טוט זיי אַריין אין געשעפט, דאַן רעכענען זיי זיך ביי איהם אַלס קאַפּיטאַל. די שפּייז, וואָס דער אַרבייטער עסט, זיינען ביי איהם ניט קיין קאַפּיטאַל, אָבער דיזעלבע שפּייז רעכענט זיך יע פאַר קאַפּיטאַל ביי דעם בעל־הבית, אויב ער צאָהלט דעם אַרבייטער ניט מיט געלט, נאָר מיט אָט די שפּייז, וועלכע דער אַרבייטער דאַרף האָבען צום עסען. פון די אַלע ביישפּילען איז קלאָר, אַז זאַכען רופען זיך אָן קאַפּיטאַל דאַן ווען זיי ברענגען אַריין אַ הכנסה, און אַזוי ווי זאַכען ווערען באַשאַפען דורך מענשענס אַרבייט, איז די אמת'ע דעפיניציע פון קאַפּיטאַל די, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דאָ: „די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע טראָגען אַריין אַ הכנסה, וועלכע דיענען אַלס אַ מיטעל פון עקספּלואַטאַציע, ווייל זיי געפינען זיך אין פּריוואַט־אייגענטום, רופט זיך אָן קאַפּיטאַל". דער איבערזעצער.

מארק אונטער'ן האנט. די פויערים פון א דארף האָבען לייוועגט צו פארקויפען, אָבער קיינעם פון זיי לוינט ניט פאָהרען אין שטאָדט און פארקויפען זיינע לייוועגט. און ווען דער האנדעל פיהרט זיך מיט אויסלאנד, קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגען פיהרען אָדער אפילו שיקען אהין די לייוועגט אליין, אָהן קיינעמס פארמיטלונג. דער סוחר אָבער קויפט אָפּ די לייוועגט ביי אַלע פויערים פון אַלע דערפער, לוינט זיך עס איהם צו פטר'ן צייט און ברענגען אויפ'ן מארק, נאָר דערפאר צאָהלט ער דעם פויער ביליגער, קנאַפּער איידער עס איז דער ווירקליכער ווערט פון די לייוועגט, און דער פויער איז געצוואונגען צו נעהמען פיעל מען גיט איהם, אויב ניט וועט ער עס גאָר ניט זיין אימשטאנדע צו פארקויפען.

### וואָס רופט זיך רויב-קאפּיטאַל?

— דאָס איז דער קאפּיטאַל, וועלכער באקומט מעהר-ווערט פון האנדעל מיט געלט. איינער גיט דעם אנדערען געלט, און דערפאר דארף דער לוה אומקעהרען דעם מלוה אין א באשטימ־טער צייט די געלט, וואָס ער האָט גענומען, מיט א הוספה דערצו, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פּראָצענט. עס טרעפט אמאָל וואָס דאָס זעלבע קומט פאָר אויך מיט סחורה: צום ביישפּיעל, מען לייהט ביי איינעם צוויי פוד תבואה און מען דארף איהם אָפּגעבען דריי פוד, אָבער אזא פאַל האָט ניט קיין באזונדערע עקאָנאָמישע באדייטונג.

## ג) די מאַכט פון האנדעלס-קאפּיטאל.

### וואָס מיינט די מאַכט פון האנדעלס-קאפּיטאַל?

— דאָס מיינט, אז די עקאָנאָמישע באציהונגען זיינען אזוי איינגעאָרדענט, אז דער האנדעלס-קאפּיטאַל הערשט איבער דער גאנצער פּראָדוקציאָן.

### האָט דער האנדעלס-קאפּיטאַל פון אנהויב אָן אנגע־פיהרט די פּראָדוקציאָן?

— ניין. אין אָנהויב האָט ער זיך באנוגענט בלויז מיט

האַנדעל. די סוחרים האָבען דאַן עקספּלואַטירט הויפּטזעכליך די פּריצים, די פעאָדאַלען און די שקלאַפען־איינענטימער, וועלכע האָבען אליין עקספּלואַטירט זייערע פּויערים און שקלאַפען. אין דער אַלטער וועלט איז דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל געוועזען גאַנץ גרויס, דאָך האָט ער ניט באַהערשט די פּראָדוקציאָן. אין דעם מיטעל־אַלטער (פון 12טען ביז 16טען יאָהרהונדערטע) זיינען אונטער זיין הערשאַפט אונטערגעפאַלען די קליינע פּראָדוצירער — די פּויערים און בעלי־מלאָכות, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די אַזוי גערופענע הויז־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן.

## אין וואָס באַשטעהט די הויז־קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציאָן?

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין אַ דאָרף באַשעפטיגען זיך די פּויערים מיט וועבעריי יעדערער פאַר זיך ביי זיך צו הויז. זיי דאַרפען אָבער קויפען מאַטעריאַל און דורכלעבען זיך ביז דער צייט, ווען זיי וועלען פאַרקויפען די לייוועגט. קומט דער סוחר און גיט זיי געלט אין פאָראויס, פאַרשטעהט זיך, אויף פּראָצענט, און דערפאַר דאַרפען זיי פאַרקויפען די לייוועגט בלויז צו איהם, און ניט צו קיין אַנדערען. אַלזאָ, די וואַרע, וואָס זיי וועלען אויסאַרבייטען, באַלאַנגט צו איהם פון פריהער אָן, איז ער דער בעל־הבית פון די וואַרע, און זיי מוזען אָנפיהרען די אַרבייט לויט זיינע אָנווייזונגען: וועלכע קוואַנטיטעט, וועלכע קוואַליטעט און צו וועלכער צייט די וואַרע דאַרף ווערען פאַרטיג. זיי זיינען אויך געצוואונגען צו נעהמען דעם פּרייז, וועלכען ער באַשטימט. שפּעטער־צו האָט ער אָנגעהויבען פאַרקויפען זיי אויך דעם מאַ־טעריאַל, און דערנאָך — שוין ניט פאַרקויפען, נאָר געבען זיי דעם מאַטעריאַל. דאָס איז אַ קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, ווייל דאָ געפינט זיך דער הויפּט־סימן פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן: אויסאַרבייטען מאַסען־פּראָדוקטען פאַר'ן מאַרק. אין דער זעל־בער צייט איז דאָס אָבער אויך אַ הויז־פּראָדוקציאָן, ווייל די אַרבייטער זיינען ניט צונויפגעקליבען אַלע אין איין פּלאַץ — אין פאַבריק אָדער אין ווערקשטאַט, נאָר זיי אַרבייטען יעדערער פאַר זיך ביי זיך אין דער היים.

### ווי גרויס איז געווען די עקספּלואַטאַציע פון דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל איבער די קליינע האַנדווערקער?

— זי איז געווען זעהר גרויס, דאָס איז געווען אַן אמת'ע שקלאַפעריי. פריהער פון אַלץ האָט דער קאַפּיטאַליסט געצאָהלט זעהר נידעריגע פּרייזען פאַר די אויסגעארבייטע וואארע, אזוי אַז פאַר דעם ארבייטער איז געבליבען קוים־קוים אויף דורכצולעבען זיך. וואָס ווייטער איז דער דרוק געוואָרען שטאַרקער: ער האָט געהעכערט די פּראָצענטען פאַר די געלט, וואָס ער האָט זיי געליהען, און נאָך מעהר ארונטערגעזעצט די פּרייזען פאַר די וואארע, וואָס ער האָט ביי זיי צוגענומען. דער בעל־מלאָכה האָט שוין ניט געהאַט פון וואנען צו לעבען, און ער האָט געמוזט אנידערזעצען צו דער ארבייט זיין פרוי מיט די קינדער. עס זיינען באַוואוסט פאַלען, ווען 5—6 יאָהריגע קינדער פלעגען ארבייטען 12—14 שטונדען אַ טאָג. אָבער וואָס מעהר דער ארבייטער האָט אָנגעשטרענגט זיינע כחות, אַלץ מעהר מעגליכקייט איז געווען פאַר'ן קאַפּיטאַליסט צו ציהען פון איהם אַ גרעסערען מעהר־ווערט, ער פלעגט צונעהמען ניט בלויז די מעהר־ארבייט, נאָר אויך אַ גרויסען טייל פון די נויטווענדיגע ארבייט, אזוי אַז די ארבייטער־פאַמיליעס האָבען אָנגעהויבען צו דעגענערירען.

### קען מען ביי אַזאַ צושטאַנד רעכענען די ווירטשאַפט פון קליינעם פּראָדוצירער פאַר אַ זעלבסטשטענדיגע?

— ניין. דער פּראָדוצירער האָט טאַקע אַ ווערקשטאַט מיט געצייג. דאָס איז אָבער ניט זיינע, עס איז נאָר אַ טייל פון'ם קאַפּיטאַליסט'ס ווירטשאַפט, פאַר וועמען ער ארבייט. ניט בלויז דער פּראָדוקט, פאַר וועלכען ער האָט שוין פון פריהער אַן באַקומען געלט, איז ניט זיינער, נאָר אפילו דער ווערקשטאַט מיט די געצייג זיינען בלויז בלומרשט זיינע. דער אמת'ער בעל־הבית איבער זיי איז דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער קען עס צו יעדען מאָמענט צונעהמען פאַר'ן חוב, וואָס אים קומט. און אויב ער נעהמט עס ניט צו איז עס בלויז דערפאַר וואָס איהם באַצאָהלט זיך בעסער צו לאָזען עס אין דעם רשות פון בעל־מלאָכה און האָבען די מעגליכקייט צו עקספּלואַטירען איהם. דער „זעלבסט־

שטענדיגער" בעל־מלאָכה איז אַ פּשוט׳ער ארבייטער און באַקומט געצאָהלט פון שטיק, נאָר עס טראָגט ניט דעם נאָמען שכירות, עס איז כלומרשט באַצאָהלט פאַר סחורה.

**פאַרשטעהט לכל הפחות דער פּראָדוצירער, אַז ער איז ניט קיין זעלבסטשטענדיגער בעל־הבית?**

— ניין. ער פאַרשטעהט עס ניט. ער קוקט נאָך אויף זיך אַלס ווי אויף אַ זעלבסטשטענדיגען בעל־הבית, ביי וועמען די צייט איז צופעליגערווייזע ניט אַם בעסטען. סטאַרעט ער זיך, שטרענגט אָן אַלע כחות ארויסצוקריכען ווי עס איז פון זיין שלעכטער לאַגע, און ער פאַרשטעהט ניט, אַז דאָס וועט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעבען, ווייל אַ קאַמף פון צוויי ניט קיין גלייכע עקאָנאָמישע כחות איז אַ האָפנונגסלאָזער קאַמף. ער קען ניט פאַרשטעהן זיין ווירקליכע לאַגע, ווייל א ו י ס ע ר ל י ך איז ער דער אייגענטימער סיי פון ווערקשטאַט סיי פון די געצייג, און איהם דוכט זיך, אַז ער ארבייט פאַר זיך אַליין זעלבסטשטענדיג.

**ווי האָט געווירקט די ענטוויקלונג פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל אין דאָרף, וואו עס האָט עקזיסטירט די פאַנשטשיגע־ווירטשאַפט?**

— ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער האַנדעל, האָט זיך פאַר׳ן פּריץ בעסער געלוינט צו באַקומען פון די פּויערים באַרעםגעלט איידער זיי זאָלען אַליין אויסארבייטען און צושטעלען איהם זייערע פּראָדוקטען. אויפ׳ן מארק קען ער קריגען פאַר געלט פאַרשידענערליי זאכען צו קויפען, אַזעלכע וואָס די פּויערים זיינען גאָר ניט פעהיג אויסצוארבייטען. דער פּויער איז אויף דעם אופן געוועזן געצוואונגען צו פאַרקויפען זיינע פּראָדוקטען און אויסצאָהלען דעם פּריץ דעם „אבראַק". די רעגירונג האָט געפאָדערט די טעקסעס אויך אין געלט, און דאָס האָט נאָך מעהר געטריבען דעם פּויער אין די הענט פון דעם סוחר אָדער ראַסטאָוושטיק (פּראָצענטניק). די לאַגע פון די פּויערים איז געוואָרען אומערטרעגליך: פון דריי זייטען האָט מען זיי געשונדען די פעל — די רעגירונג, דער פּריץ און דער פּראָצענטניק, פלעגען זיך די פּויע־

רים גאנץ אָפט בונטעווען און מאכען אויפשטאַנדען (אין רוסלאנד זיינען באוואוסט די אלגעמיינע בונטען פון סטענקא ראזין און פוגאטשעוו און פיעלע אנדערע קלענערע לאָקאלע בונטען פריי־הער און שפעטער). די רעגירונג פלעגט שטענדיג שטעהן אויפ'ן זייט פון די פריצים, אָבער מיט דער צייט האָבען זיך די קאפּי־טאַליסטען ארומגעזעהן, אז די פאנשטשינע שטערט זייערע אינ־טערעסען. דער פריץ נעמט אראָפּ פאר זיך א צו־גרויסען חלק, בלייבט פאר זיי איבער ווינציג — די פויערים זיינען אָרים, און עס איז אוממעגליך כמעט צו רייסען פון זיי נאָך; פיעלע פון אַט די קאפּיטאַליסטען־פּראָצענטניקעס זיינען אליין געווען דאָרפישע פויערים און אונטערוואָרפען דעם פריץ, ווען זיי פלעגען דאר־פען צאָהלען גרויסע סומען געלט; אין דאָרף איז דער פריץ גע־ווען דער איינציגער בעל הבית, און פאר יעדען נייעם געשעפט אָדער אונטערנעמונג אין דאָרף פלעגט מען מוזען האָבען פון פריץ אן ערלויבניש. דאָס אלץ האָט געשטערט די ארבייט פון האנ־דעלס־קאפּיטאל אין דאָרף, און די קאפּיטאַליסטען האָבען אָנגע־הויבען אונטערצושטיצען די פויערים'שע אויפשטאַנדען. שפּע־טער־צו איז די רעגירונג אויך געקומען צום שכל און האָט פאר־שטאַנען, אז פון א פרייען פויער איז גרינגער איינצומאָנען געלט איידער פון א פאנשטשיזנעם. די פריצים זיינען געבליבען אליין, קיינער האָט זיי ניט געשטיצט, און די פויערים זיינען באפרייט געוואָרען. אזוי איז געווען אין מערב אייראָפּא, אזוי איז געווען אין רוסלאנד — מיט דעם איינציגען אונטערשייד, וואָס אין איי־ראָפּא האָט מען באפרייט די פויערים אליין אָהן ערד — די ערד איז געבליבען דאָס אייגענטום פון די פריצים, און אין רוסלאנד האָבען די פויערים באקומען ערד אויך, פאר וועלכער זיי האָבען אבער געדארפט באצאָהלען, און א גאנץ הויכען פרייז. דערביי האָט מען אָבער געשטעלט דעם פאָלגענדען תנאי: אויב דער פריץ טיילט אוים דעם פויער ערד אליין מיט זיין אייגענעם ווי־לען, דארף דער פויער נעמען פיעל דער פריץ גיט; אין פאל אָבער דער פריץ גיט ניט אליין קיין ערד דעם פויער, דאן צווינגט איהם די רעגירונג צו געבען דעם פויער א באשטימטע צאָהל דע־סיאטין ערד (1 דעסיאטינע איז 2 מיט זיבען צעהנטעל אקער אמע־

ריקאנער). זיינען די פּריצים געפאַלען אויף אַזאַ המצאה: דאַרטען, וואו עס איז געווען גוטע, פּרוכטבאַרע ערד, האָבען זיי נעגעבען אליין א קליינעם חלק ערד, און די פּויערים האָבען זיך געמוזט באנוגענען מיט דעם; וואו אָבער די ערד איז געווען שלעכטע, האָבען זיך די פּריצים אָפּגעזאָגט צו געבען אליין מיט'ן אייגענעם ווילען, און זיינען געווען געצוואונגען דורך דער רעגי־רונג צו געבען דעם מאַקסימום צאָהל דעסיאַטין, וואָס איז געווען באַשטימט. די פּויערים האָבען אָבער קיין געלט ניט געהאַט צו באַצאָהלען פאַר זייערע חלקים ערד (נאַדיעלי), האָט די רעגירונג אָפּגעצאָהלט די פּריצים, און די פּויערים האָבען געדאַרפט אויס־צאָהלען דער רעגירונג אין 49 יאָהר (וויקופּניע פּלאַטעזשי). ביז 1907 האָבען די פּויערים אויסגעצאָהלט דער רעגירונג העכער פון צוויי מיליאַרדען — איבער צוויי טויזענד מיליאָן רובעל, און די לעצטע דריי יאָהר צאָהלען האָט זיי די רעגירונג „געשענקט". נאָכ'ן באפרייאונג פון די פּויערים האָט דער האַנדעל'ס קאַפּיטאַל געקראָגען א פרייע האַנט אין דאָרף און איז געוואָרען דער גאַנ־צער בעל הבית פון דער דאָרפישער ווירטשאַפט.

## ווי האָט געווירקט דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל אויף די בעלי־מלאָכה'שע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָדט, אויף די צעכען?

— אונטער דער ווירקונג פון קאַפּיטאַל האָבען די צעכען אָנ־געהויבען פאַנאַנדערצופאַלען ביז וואנען זיי זיינען אם ענדע אינ־גאַנצען אונטערגעגאַנגען. די שטאָדטישע בעל־מלאכות האָבען געקענט לענגער אויסהאַלטען די אַטאַקע פון קאַפּיטאַל, אָבער סוף כל סוף האָבען זיי זיך אויך געמוזט אונטערגעבען. די צעכען האָ־בען אָנגעווענדעט כל'ערליי מיטלען, ווי צו פאַרריכטען זייער לאַ־גע, מען פלעגט אהן רחמנות איבערטרעטען די רעגלען וועגען דער לענג פון ארבייטס־טאָג, וועגען צאָהל פון געזעלען, וועגען דער קוואַליטעט פון די וואַארע א. אז. וו.; מען האָט אָנגעהויבען מעהרער עקספּלואַטירען די געזעלען און לערן־בחורים; מען האָט זיי אָפּגעטיילט פון'ם בעל־הבית'ס הויז־געזינד, זיי האָבען באַ־קומען ערגערע עסען, ערגערע קליידער און זיינען געצוואונגען גע־

װען צו ארבייטען מעהרער. די צעכען האָבען געמאַכט שװערער פאר די געזעלען צו װערען זעלבסטשטענדיגע בעלי־הבתים. די געזעלען האָבען געקעמפּט געגען דעם, פלעגען זיך פאראייניגען אין באזונדערע פארבאנדען, פלעגען ערקלערען סטרייקס און באָיקאָטען, אָבער דאָס אלץ האָט זיי װיניג געהאָלפען, װייל די הויפּט־צרה איז געלעגען ניט אין די בעלי־הבתים, נאָר אין דעם קאפּיטאָל. די צעכען האָבען נאָך עקזיסטירט, אָבער זייער גאנצקייט און זייער מאכט איז שוין געװען געבראָכען. די בעלי־הבתים זיינען געװען אין דער װירקליכקייט געדונגענע ארבייטער, אָבער זיי האָבען עס ניט געפיהלט, זיי האָבען זיך נאָך אלץ גערעכענט פאר זעלבסטשטענדיגע און אומאפּהענגיגע. מען קען דאָס נאָך טרעפען אפילו אין היינטיגער צייט, דאָרטען װאו מענשען ארבייטען פאר די מאגאזינען אָדער פאר די סוחרים. אין היינטיגער צייט איז זייער לאגע נאָך ערגער, װייל עס איז צוגעקומען די קאָנקורענציע פון די אינדוסטריעלע־קאפּיטאליסטישע אונטערנעהמונגען.

## װעלכע כחות האָבען ביי דעם צושטאנד געהאָלפען די ענטװיקלונג פון דער פּראָדוקציאָן?

— די יאָגעניש נאָך געלט און די קאָנקורענציע. די יאָגעניש נאָך געלט האָט געטריבען צו פארגרעסערען די פּראדוקציאָן, און די קאָנקורענציע האָט געצװאונגען צו פארקויפען ביליגער, אָבער כדי מען זאָל קאָנען פארקויפען ביליגער, דארף עס קאָסטען ביליגער, האָט מען געמוזט איינפיהרען נייע מאשינען, א. אז. וו. אזוי האָט זיך די פּראָדוקציאָן ענטװיקעלט און מען איז איבערגעגאנגען צום אינדוסטריעלען־קאפּיטאליזם.

## פינפטער קאַפּיטעל.

# אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם.

### א) אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונג.

**אין וואָס באַשטעהט דער איבערגאַנג פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל צום אינדוסטריעלען?**

— דאָס מיינט, אַז דער קאַפּיטאַל האָט פריהער אוועקגערויבט פון די קליינע פּראָדוצירער זייער אייגענע ווירטשאַפט, האָט זיי דערנאָך צונויפגעזאַמעלט אין זיין ווערקשטאַט, פאַבריק, זאַוואָד — אין אַלגעמיין אין אַ גרויסער אונטערנעהמונג און מיט זייער ארבייטס־קראַפט פיהרט ער איצט אָן די פּראָדוקציאָן, צונעמענדיג פאַר זיך דעם מעהר־ווערט.

**ווי ווערט אָרגאַניזירט אַ אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונג?**

— דער קאַפּיטאַליסט דינגט אַרבייטער, ד. ה. ער קויפט ביי זיי אָפּ זייער ארבייטס־קראַפט אויף אַ באַשטימטער צייט. דערנאָך נעמט ער זיי אריין אין זיין ווערקשטאַט, פאַבריק. אַ. ד. גל. גיט זיי געצייג און מאַטעריאַל און זעצט זיי אוועק ארבייטען פאַר דער גאַנצער צייט, אויף וועלכער ער האָט זיי געדונגען. דער פּראָדוקט, וועלכען זיי ארבייטען אויס, איז ווערט מעהר, איידער דער קאַפּיטאַליסט האָט אויף דעם אויסגעגעבען, ער באַלאַנגט אָבער אין גאַנצען צו דעם אונטערנעהמער, וועלכער תּארקויפט איהם און באַקומט פּראָפיט — דעם מעהר־ווערט.

**וואָס זיינען די נויטווענדיגסטע פאַרבאַדינגונגען פאַר'ן אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם?**

— ערשטענס, איז נויטיג דער אונטערנעהמער זאָל האָבען גענוג קאַפּיטאַל, ער זאָל קאָנען צושטעלען די ארבייטער אַלע נויטיגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און צאָלען זיי זייערע שכירות ביז

וואנען ער וועט פארקויפען דעם פראדוקט, מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס, עס מוז זיין אן אנגעזאמעלטער קאפיטאל. צווייטענס, איז נויטיג אויפ'ן מארק זאל זיין פאר'ן פארקויף פרייע ארבייטס־קראפט, מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס, עס דארף זיין אנגעזאמעלטע פרייע ארבייטס־קראפט.

## ווי איז פארגעקומען די ערשטע אנזאמלונג פון קאפיטאל?

— דורך דער פריהערדיגער עקספלואטאציע — האנדעלס־עקספלואטאציע, רויב־עקספלואטאציע (פראצענטען, וואכער א. א. וו.), פאנשטשינע, שקלאפעריי, מלחמה־רוב א. ד. ג. די פאנשטשינע ווירטשאפט האט אין אייראפא קאנצענטרירט אין די הענט פון די פריצים גרויסע רייכטימער, די רייכטימער זיינען געווארען נאך גרעסער דורכדעם, וואס מען פלעגט פשוט באשווינדלען די איינוואוינער פון די קאלאניעס ביים בייטען סחורות, מען פלעגט אוועקנעהמען פון זיי זייער אייגענטום און צום סוף האט מען אנגעהויבען פארקויפען זיי פאר שקלאפען. די אלע רייכטימער פלעגען דורך האנדעל, פראצענטען, וואכער, א. ד. ג. איבערגעהן אין די הענט פון די קאפיטאליסטען, וועלכע האבען באזעסען א גרעסערען אונטערנעהמונגס־גייסט און וועלכע האבען אין דער זעלבער צייט עקספלואטירט ביי זיך אין דער היים די פויערים און בעלי־מלאכות — שטאדטישע ווי דארפישע. אזוי זיינען אנגעזאמעלט געווארען קאפיטאלען.

## איז ניט מעגליך געווען, די קאפיטאלען זאלען זיך אנזאמלען דורכדעם, וואס די קליינע פראדוצירער האבען אפגעשפארט געלט פון זייער אייגענער ארבייט?

— ניין, דאס איז אוממעגליך. פאראן טאקע עקאנאמיסטען, וועלכע גיבען אזא ערקלעהרונג, אבער די דאזיגע עקאנאמיסטען זיינען פארטייאיש, זיי שטעהען אויפ'ן זייט פון גרויס־קאפיטאל. דאס, וואס א בעל־מלאכה אדער א פויער קען איינשפארען, אפּסייפען, איז זעהר ווינציג אין פארגלייך מיט די קאפיטאלען, וועלכע זיינען נויטיג פאר גרויסע אונטערנעהמונגען. און אויסער דעם,

געהען דאָס רוב אָט די אלע „סייווינגס" אוועק אין די הענט פון די הענדלער און ראָסטאָווטשיקעס.

## ווי איז פאָרגעקומען די אָנזאַמלונג פון פרייע אַרבייטס־קראַפט?

— ערשטענס, דורכדעם וואָס מען האָט באפרייט די פויערים אָהן ערד, און צווייטענס, דורכדעם וואָס מען האָט רואינירט די בעלי־מלאכות און עס איז אויסגעוואקסען דער צאָהל געזעלען. דער קאפיטאל דארף האָבען, דער ארבייטער זאָל זיין פריי ניט בלויז אין דעם זינען, ער זאָל ניט זיין פארשקלאפט ביי קיינעם און זאָל אַליין קענען פריי פארקויפען זיין ארבייטס־קראפט, ער דארף אויך זיין פריי פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ד ה. ער זאָל ניט האָבען ניט קיין ערד, ניט קיין ווערקשטאט, ניט קיין געצייג, אזוי אז ער זאָל זיין געצוואונגען צו פארקויפען זיין ארבייטס־קראפט, ווייל אויב ניט, וועט ער דאַך ליעבערשט ארבייטען פאר זיך אליין. אין איינינע אייראָפּעאישע לענדער האָט מען ביי די פויערים אינגאנצען צוגענו־מען די ערד ווען מען האָט זיי באפרייט, און די וועלכע האָבען ניט געקאנט קריגען ערד אין ארענדע אָדער האָבען פארלאָרען די ארענדע, זיינען געוואָרען פרייע פּראָלעטאריער. אין רוסלאנד האָט מען די באפרייטע פויערים געצוואונגען אויסקויפען זייערע חלקים ערד, מען האָט אָבער שטיקער ערד אָפּגעשניטען. דאָס האָט געבראכט די פויערים צו א צושטאנד פון שרעקליכע נויט און אָרעמקייט — ערד איז געווען ווינציג און ניט גענוג אויף לעבען פון איהר. אויסער די אָפּצאָהלונגען פאר דער ערד, האָבען נאָך די פויערים געדארפט צאָהלען גרויסע שטייערען צו דער רעגירונג. קיין געלט איז ניט געווען, האָט מען געמוזט אָנקומען צו די קולאקעס לייען ביי זיי געלט. די פּראָצענטען זיינען געווען הויכע, דער פויער האָט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו צאָהלען, איז די פאר׳משכנ׳טע ערד געבליבען דעם קולאַק׳ס אייגענטום, און דער ערדלאָזער פויער איז גע־ווארען א באטראק, ד. ה. ער האָט זיך פארדונגען צו ארבייטען אויף א פרעמדער ווירטשאפט. די הויז־דיענער פון די פּריצים זיינען באלד נאָכ׳ן באפרייאונג געוואָרען פּראָלעטאריער. די פאראָרעמטע בעלי־מלאכות אין שטאָדט זיינען אויך סוף כל סוף געוואָרען פּראָ־

לעטאַריעַר. אזוי האָט זיך אָנגעזאַמעלט פאַר'ן קאַפּיטאַל די אַר־בייטס־קראַפט.

## ב) די טעכניק און מיטאַרבייטערשאַפט אין אַ קאַפּיטאַ־ליסטישער אונטערנעהמונג.

**וואָס האָט געצוואונגען די קאַפּיטאַליסטען זיי זאָלען, אַנשטאָט צו עקספּלואַטירען די קליינע אונטערנעהמונגען, אויפבילדען אייגענע גרויסע אונטערנעהמונגען?**

— די יאָגעניש נאָך געלט: זיי האָבען געזוכט צו פאַרגרע־סערען די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבייט, כדי, פון איין זייט וועט די פּראָדוקציאָן קאָסטען ביליגער, און פון צווייטען זייט, וועט זיך פאַרגרעסערען דער צאָהל פּראָדוקטען.

**ווי ווערט דערגרייכט די פאַרגרעסערטע פּראָדוקטיווי־טעט פון דער אַרבייט?**

— שוין דאָס אליין, וואָס אַ פולע מענשען אַרבייטען אין איין פּלאַץ, שפּאָרט איין אַ מאַסע אַרבייט. אויסבויען, באַהייצען, באַ־לייכטען און רעמאָנטירען איין ווערקשטאַט פאַר 100 מענשען, קאָסט פיעל ביליגער איידער 50 ווערקשטאַטען, יעדערער פאַר 2 מענשען. ברייננגען דעם נויטיגען רויהען מאַטעריאַל און אַרויס־פיהרען די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען איז ביליגער ווען עס איז פאַראַן בלויז איין פּלאַץ איידער ווען עס זיינען דאָ אַפולע פּלע־צער. עס איז אויך גרינגער צו פיהרען די רעכענונגען אין איין פּלאַץ איידער אין אַפולע פּלעצער. אָבער נאָך וויכטיגער איז די צוטיילונג פון דער אַרבייט, די ספּעציאַליזירונג. אַ בעל־מלאכה טוט אליין אָפּ די גאַנצע אַרבייט פון אָנהויב ביז'ן סוף, ער מאַכט דעם ג אַ נ צ ע ן פּראָדוקט. אין אַ מאַנופעקטורע, וואו די אַרבייט ווערט נאָך געמאַכט מיט די הענט, ניט מיט מאַשינען, נאָר עס אַרבייטען אַפולע אַרבייטער צוזאַמען, ווערט די אַרבייט ספּע־ציאַליזירט, יעדער טוט נאָר אַ טייל פון דער אַרבייט. צום ביישפּיעל, אין דער פּראָדוקציאָן פון שפּילקעס איז איינער ציהט אויס דעם דראָט, דער צווייטער שניידט איהם, דער דריטער פאַרשאַרפט, דער פערטער מאַכט די קעפּעלאַך, דער פינפטער זעצט זיי אַרויף, דער

זעקסטער פאליטורט, א. א. וו. די מעלה פון דעם איז וואס, ער־שטענס, קומט ניט אויס צו פטור'ן צייט ביים איבערגעהן פון איין ארבייט צו דער צווייטער, און צווייטענס, ווען יעדערער טוט בלויז איין סארט ארבייט, ספעציאליזירט ער זיך אין איהר, ער ווערט געשיקטער, ער טוט זי שנעלער — אזוי ווערט פארגרעסערט די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. ווייטער ענטוויקעלט זיך די פראדוקטיוויטעט אויף אן אנדער וועג. אזוי ווי יעדערער טוט מעהר ניט ווי איין ארבייט, קומט איהם אויס צו מאכען שטענדיג איינע און די זעלבע איינפאכע באוועגונגען, און פאר איינפאכע באוועגונגען קען אויך דיענען א מאשין. דאס האט טאקע געטאן דער אינדוסטריעלער קאפיטאל, און די אינדוסטריע איז איבער־געגאנגען צו א העכערער פארמע — צו דער מאשינען־פראדוקציע.

## אין וואס פאר א מאס איז דורך די אויבענדערמאנטע אורזאכען פארגרעסערט געווארען די פראדוקטיוויטעט?

— שוין די צוטיילונג פון ארבייט אויף דער מאנופעקטורע האט אין צעהנדליגע מאל פארגרעסערט די פראדוקטיוויטעט פון ארבייט, און די מאשין האט עס נאך מעהר פארגרעסערט און בא־שאפען אומבאגרענצטע מעגליכקייטען. א בעל־מלאכה, ארבייטענ־דיג אליין, וואלט קאנען אויסמאכען אין א טאג ניט מעהר ווי עט־ליכע צעהנדליג שפילקעס. אויף די מאנופעקטורעס פלעגען אין 18־טען יאהרהונדערט 10 ארבייטער אויסמאכען 48 טויזענט שפיל־קעס א טאג, וואס מאכט אויס 4 טויזענד 8 הונדערט אויף יעדערן. און אין אונזער צייט, ווען די ארבייט ווערט געטאן דורך מאשינען, איז געווארען מעגליך, אז אין אמעריקע גיבען 5 ארבייטער אכטונג אויף 70 מאשינען, וועלכע ווארפען ארויס 7 מיט א האלבען מיליאן שפילקעס א טאג, וואס מאכט אויס דורכשניטליך אנדערהאלבען מיליאן שפילקעס אויף יעדען ארבייטער. מען דארף פארשטעהט זיך, האבען אין זינען, אז מאשינען פאלען ניט אראפ פון הימעל פארטיגערהייד — מען מוז זיי מאכען, און די ארבייט דארף צוגע־רעכענט ווערען צו די שפילקעס, דאך שפארט מען פארט איין א פולע ארבייט. נאך מעהר: די מאשינען אליין ווערען דאך אויך געמאכט מיט מאשינען און ניט מיט די הענט.

## ווי איז אין אלגעמיין אָרגאניזירט די מיטארבייטערשאפט אין אַ קאפיטאליסטישער אונטערנעהמונג?

— אין אָנהויב זיינען געווען דער קאפיטאליסט מיט די ארבייטער: ער פלעגט הייסען, און זיי פלעגען דארפען אויספיהרען זיינע פאראָרדנונגען. אָבער וואָס ווייטער האָט זיך די אונטערנעהמונג פאנאנדערגעוואָקסען, און עס איז געוואָרען אוממעגליך פאר איין מענשען אכטונג צו געבען אויף אַלץ, דאַן איז דער אונטערנעהמער געווען געצוואונגען צו דינגען אויפזעהער, טעכניקער, אינזשענערען, א. ד. ג., וועלכע פלעגען דורכפיהרען די גאנצע ארבייט, און פאר'ן קאפיטאליסט איז געבליבען בלויז די ארגאניזאַטאָרישע זייט פון דער אונטערנעהמונג: דינגען ארבייטער, איינקויפען די רויהע מאַטעריאַל, פארקויפען די אויסגעארבייטע פראָדוקטען, פיהרען אלע חשבונות א. א. וו. דערנאָך אָבער איז דאָס אויך איבערגעגעבען געוואָרען צו געדונגענע מענשען — דירעקטאָרען, בוכהאַלטערס, האַנדעלס-אַגענטען, א. א. וו., פאר'ן קאפיטאליסט איז געבליבען בלויז צו נעהמען די פּראָפּיטען — די גאנצע ארבייט ווערט געפיהרט דורך דער געדונגענער אינטעליגענץ.

די מאַנופעקטורע האָט ענטוויקעלט ביי די ארבייטער די ספּעציאַליזירונג, יעדערער האָט געטאָן בלויז זיין טייל ארבייט, דער צווייטער האָט איהם ניט געקאַנט העלפען, ווייל ער איז מיט דעם ניט באַקאַנט, דער פאַך ארבייט איז איהם פרעמד; און אזוי ווי די ארבייט איז געווען פארשיעדען, איז די שכירות אויך ניט געווען דיזעלבע, און די ארבייטער האָבען ניט געפיהלט, אז צווישען זיי זאָלען זיין אַלגעמיינע אינטערעסען. זינט אָבער עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען מאשינען, איז די ארבייט, ערשטענס, געוואָרען איינאַרטיגער, און צווייטענס, באַוואוסטזיניגער. די ספּעציאַליזירונג פון די ארבייטער איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף די מאשינען, ד. ה., פאר יעדען טייל ארבייט איז פאראַן אַ באַזונדער מאשין, און פאר'ן ארבייטער איז געבליבען בלויז אכטונג צו געבען און קאָנטראָלירען די מאשין, און אזוי ווי דער מעכאַניזם פון אלע מאשינען איז כמעט איינער און דער זעלבער, זיינען די ארבייטער געוואָרען מעהר איינאַרטיג, דער אונטערשיעד צווישען

זיי איז פארשוואונדען. ווייטער. א מאשין האט א מעכאניזם, דער ארבייטער מוז מעהר־ווינציגער פארשטעהן דעם שכל פון דעם מע־כאניזם, וויסען ווי ער איז געמאכט געווארען, ווי ער ארבייט, ווי צו געהן ארום איהם, מיט אנדערע ווערטער, עס פאדערט זיך פון אר־בייטער א העכערע שטופע פון אינטעליגענץ. אט די איינארטיג־קייט און אינטעליגענץ פארשטארקען דעם פארבאנד צווישען די ארבייטער, זיי הויבען אן צו פיהלען, אז זיי האבען אלגעמיינע אינטערעסען, העלפען זיי און שטיצען איינער דעם צווייטען, און די מיטארבייטערשאפט ווערט פארוואנדעלט אין חבר'שאפט. אלזא, היינטיגע צייטען באשטעהט די ארבייט אין א קאפיטאליס־טישער אונטערנעהמונג פון צוויי טיילען: פון אויבען — אויטא־ריטעט, פון אונטען — חבר'שאפט.

**ווי גרויס איז די מיטארבייטערשאפט אין א קאפיטא־ליסטישער אונטערנעהמונג?**

— זעהר גרויס, און וואס ווייטער ווערען זיי אלץ גרעסער און גרעסער. אין די מאנופעקטורעס פלעגען ארבייטען געוועהנליך עטליכע צעהנדליג, ווען פיעל — איז עטליכע הונדערט ארבייטער. אין היינטיגער צייט אבער קען מען אפילו אין אזא אפגעשטאנענע לאנד ווי רוסלאנד געפינען פאבריקען און זאוואדען מיט טוי־זענטער און צעהנדליגע טויזענטער ארבייטער. אין דייטשלאנד ארבייטען ביי קרופ'ען אויפ'ן זאוואד ארום 70 טויזענט ארביי־טער.

## ג) דער ווערט פון דער ארבייטס־קראפט.

**ווי גרויס איז דער ווערט פון דער ארבייטס־קראפט?**

— דער ווערט פון יעדער זאך רעכענט זיך לויט דעם, וואס עס קאסט אויסארבייטען די זאך. די ארבייטס־קראפט ווערט באַ־נייט אינ'ם ארבייטער'ס ארגאניזם דורך דעם פארברויכען פון אלערליי לעבענס־מיטלען — שפייז, קליידער, וואוינונג, א. א. וו. דעריבער רעכענט זיך דער ווערט פון דער ארבייטס־קראפט לויט דעם, וואס עס קאסטען זיינע לעבענס־מיטלען. דאס איז די נ א ר מ א ל ע א ר ב י י ט ע ר ש כ י ר ו ת.

### געהט אריין אין די נארמאלע שכירות אויך דער באַטרעף פון די לעבענס־מיטלען, וועלכע דעם ארבייטער'ס געזינד פארברויכט?

— געוויס, אויב נאר ער איז דער איינציגער ארבייטער אין דער פאמיליע. אבער וואס מעהר עס ווערען איינגעפיהרט מאַשינען, אלץ מעהר הויבט מען זיך אן צו באנוצען מיט קינדער און פרויען ארבייט. אין דעם פאל דארף אלעמענס שכירות צוזאַמענגענומען דעקען דעם באטרעף פון די לעבענס־מיטלען, וואס די געזינד פארברויכט, און דעריבער פאלט אויף אזא אופן דעם ארבייטער'ס שכירות אין פראפארציע מיט'ן פרייז פון די לעבענס־מיטלען, וואס מעהר מען באנוצט זיך מיט מאשינען און וואס מעהר עס ווערט איינגעפיהרט אויף די פאבריקען ארבייט פון קינדער און פון פארהייראטע פרויען.

### ד) דער פארענדערטער און שטענדיגער קאפיטאל און דער מעהר־ווערט.

### באקומט דער אונטערנעהמער מעהר־ווערט פון גאנצען קאפיטאל?

— ניין, נים פון גאנצען. דער מעהר־ווערט ווערט באשאפען דורך דער ארבייט, דורך דעם, וואס מענשען פארשווענדען א באַוואוסטען סכום ארבייטס־קראפט, דעריבער איז בלויז דער טייל קאפיטאל, וואס געהט אוועק אויף קויפען די ארבייטס־קראפט, גיט דעם קאפיטאליסט מעהר־ווערט. אזוי ווי דער טייל קאפיטאל ווערט אומגעביטען: בשעת מען גיט אוים די געלט אויף קויפען די ארבייטס־קראפט, איז ער קלענער, און ווען מען באקומט דורך דער ארבייט דעם פארטיגען פראדוקט, ווערט ער גרעסער, רופט זיך דעריבער אט דער טייל **פארענדערטער קאפיטאל**. דער טייל אבער, וואס געהט אוועק אויף די פראדוקציאנס־מיטלען — געצייג, ווערקשטאט, מאטעריאל, א. ד. ג. — ווערט נים פארענדערט דורך דער צייט פון ארבייט, רופט ער זיך דעריבער אן **שטענדיגער קאפיטאל**. דער מאטעריאל געהט אוועק, די געצייג ווערען אפגעניצט, דער ווערקשטאט ווערט בישלעכווייז

אַלט און נויטיגט זיך אין רעמאָנט, רעכענט זיך טאַקע אריין זייער ווערט אינ׳ם ווערט פון פּראָדוקט, אָבער בלויז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי האָבען זיך אָפּגעניצט, ניט מעהר.

## ווי זשע דאַרף מען זיך פאָרשטעלען דעם גאַנצען ווערט פון די סחורה?

— דער גאַנצער ווערט פון דעם פּראָדוקט ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פאַרנוצטען שטענדיגען קאַפּיטאַל, פון דעם פאַרענדערטען קאַפּיטאַל און פון דעם מעהר-ווערט. למשל, אַ וועבעריי באַשעפטיגט 200 אַרבייטער. יעדערער קריגט געצאָהלט 50 סענט, ד. ה. דער פאַרענדערטער קאַפּיטאַל איז 100 דאָלאַר. יעדערער פון זיי וועבט אויס אין אַ טאָג פאַר 3 דאָלאַר פּאָדים, איינגאַנצען אויף 600 דאָלאַר. די געצייג, דער ווערקשטאַט א. א. וו., לאָמיר זאָגען ניצט זיך אָפּ אויף 300 דאָלאַר יעדען טאָג. לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלען, אַז די אַרבייטער אַרבייטען צו 10 שטונדען אַ טאָג יעדערער, און 1 דאָלאַר האַלט אין זיך איין 10 שטונדען איינפאַכע אַרבייט.

אַלזאָ, אין דעם אויסגעאַרבייטען פּראָדוקט ליגט אַרבייט:

| | |
|---|---|
| פון 200 מענשען, צו 10 שטונדען אַ טאָג — — — — — | 200 דאָל. |
| מאַטעריאַל, די אויסגעאַרבייטע פּאָדים, האָט געקאָסט | 600 ″ |
| די געצייג האָבען זיך אָפּגעניצט אויף — — — — — | 300 ″ |
| סך הכל ליגט אין דעם אויסגעאַרבייטען פּראָדוקט דער ווערט פון — — — — — — — — — — — — | 1100 דאָל. |

אויסגעגעבען אויף דעם האָט מען ווי פאָלגט:

| | |
|---|---|
| 200 אַרבייטער, צו 50 סענט אַ טאָג — — — — — | 100 דאָל. |
| פּאָדים אין דעם ווערט פון — — — — — — — — — — | 600 ″ |
| געצייג — — — — — — — — — — — — — — | 300 ″ |
| צוזאַמען אַלזאָ — — — — — — — | 1000 דאָל. |

קאָסטען האָט עס געקאָסט 1000 דאָלאַר, די אויסגעאַרבייטע וואַרע האָט דעם ווערט פון 1100 דאָלאַר, די איבעריגע 100 דאָ־

לאר איז דעם פאבריקאנט'ס פרנסה, צוליעב וועלכער ער פיהרט אן די גאנצע אונטערנעהמונג.

### ווי מעסט מען אוים די מדרגה פון עקספלואטאציע אין א קאפיטאליסטישער אונטערנעהמונג?

— אין אונזער ביישפיעל איז די צייט, וואס דער ארבייטער דארף אפארבייטען זיינע שכירות 5 שטונדען, און די צייט וואס ער ארבייט אויפ'ן בעל־הבית איז אויך 5 שטונדען, אדער אין געלט — איז דער פארענדערטער קאפיטאל 50 סענט, און דער מעהר־ווערט איז אויך 50 סענט; דאס איז די נארמע פון מעהר־ווערט, וועלכע רעכענט זיך אוים אין פראצענטען — אין אונזער ביישפיעל איז עס 100 פראצענט. אויב דעם קאפיטאליסט זאל זיך איינגעבען צו פארלענגערען דעם ארבייטס־טאג ביי די זעלביגע אומשטענדען אויף 12 שטונדען, וואלט די איבעריגע צייט געווען 7 שטונדען, דער מעהר־ווערט 70 סענט, און די עקספלואטאציע וואלט דערגרייכען 140 פראצענט. אין היינטיגער צייט, נאך די סטאטיסטישע אויסרעכענונגען, איז די נארמע פון מעהר־ווערט פון 100 ביז 150 פראצענט.

### הייסט דאס, אז די קאפיטאליסטען באקומען פון 100 ביז 150 פראצענט ריוח אויף זייער קאפיטאל?

— ניין. די נארמע פון מעהר־ווערט צייגט בלויז אויף וויפיעל דעם קאפיטאליסט'ס חלק איז גרעסער אדער קלענער פון דעם ארבייטער'ס חלק אין דעם פון דאס ניי־באשאפענעם ווערט, און דעריבער גלייכט מען צו דעם מעהר־ווערט מיט'ן פארענדערטען קאפיטאל און ניט מיט'ן שטענדיגען קאפיטאל. אבער דעם קאפיטאליסט אינטערעסירט ניט פון וועלכען טייל עס באקומען זיך די פראפיטען, איהם אינטערעסירען פריהער פון אלץ די פראפיטען אן און פאר זיך, ער האט אן אונטערנעהמונג און וויל וויסען וויפיעל טראגט איהם אריין זיין אונטערנעהמונג, דעריבער רעכענט ער דעם פראפיט אויפ'ן גאנצען קאפיטאל — דעם שטענדיגען און דעם פארענדערטען. אין אונזער ביישפיעל רעכענט ער אזוי: אינגאנצען האט ער אויסגעגעבען 900 דאלאר שטענדיגען קאפיטאל און 100 דאלאר פארענדערטען קאפיטאל,

צוזאמען 1000 דאלאר ; אויף דעם באקומט ער 100 דאלאר מעהר־ווערט, וואס מאכט אויס 10 פראצענט פון איינגאנצען. אט די 10 פראצענט איז די נארמע פון פראפיט, וועלכע צייגט, צי עס לוינט זיך פאר'ן קאפיטאליסט אנהאלטען די אונטערנעהמונג צי ניט. אין אונזער ביישפיעל איז די נארמע פון פראפיט איין צעהנטעל־חלק פון דער נארמע פון מעהר־ווערט, ווייל דער פאר־ענדערטער קאפיטאל איז איין צעהנטעל־חלק פון גאנצען קאפיטאל. די פאליטישע עקאנאמיע האט צו טאן מיט דער עקאנאמישער ענט־וויקלונג פון דער געזעלשאפט, מיט די באציהונגען פון די מענ־שען צווישען זיך אין דער געזעלשאפט, אינטערעסירט זי זיך דער־ריבער בלויז מיט דער נארמע פון מעהר־ווערט, וועלכע צייגט די באציהונגען פון קאפיטאליסט צום ארבייטער, און וועלכע פאר־הענטניסע עס געפינען זיך די חלקים פון דעם קאפיטאליסט און פון דעם ארבייטער ; דער קאפיטאליסט אבער אינטערעסירט זיך בלויז מיט זיך אליין, מיט זיינע אינדיווידועלע אינטערעסען, ווייל ער בלויז וויסען אין וועלכער פראפארציע עס געפינט זיך דער פראפיט צו דער גאנצער אונטערנעהמונג, אינטערעסירט איהם בלויז די נארמע פון ריוח.

**נעהמט דער קאפיטאליסט אין אנבאטראכט דעם אונ־טערשיעד צווישען דעם שטענדיגען קאפיטאל און פארענ־דערטען ?**

— ניין. דער קאפיטאליסט וויל בלויז וויסען, וויפיעל ריוח ער באקומט אויף דעם גאנצען קאפיטאל, וועלכען ער האט איינ־געלעגט אין דער אונטערנעהמונג, און דעריבער איז פאר איהם ניטא קיין אונטערשיעד צי דאס איז שטענדיגער קאפיטאל אדער פארענדערטער. איהם אינטערעסירט אן אנדער אונטערשיעד : וועל־כער טייל פון קאפיטאל קעהרט זיך אום צו איהם שנעלער און וועלכער לאנגזאמער. דאס וואס ער האט אויסגעגעבען אויף די אר־בייטער און אויפ'ן מאטעריאל קעהרט זיך אום צו איהם אזוי שנעל ווי ער פארקויפט דעם אויסגעארבייטען פראדוקט, און דאס וואס ער האט אויסגעגעבען אויף די געצייג, אויף דער געביידע און ווארשטאטען, קעהרט זיך אום צו איהם ניט באלד, נאר ביסלעכ־

ווייז אין א רייהע פון יאָהרען. דער ערשטער טייל רופט זיך א ו מ ז א ץ (אָבאָראָטנער) קאפּיטאל, דער צווייטער טייל רופט זיך ג ר ו נ ד קאפּיטאל. מען דאַרף ניט צונויפמישען די באַגריפען פון שטענדיגען קאפּיטאל און פארענדערטען מיט די באגריפען פון גרונט קאפּיטאל און אומזאץ קאפּיטאל. דאָס זיינען צוויי באזונדערע שטאַנדפּונקטען אויף קאפּיטאל: דער ערשטער — די צוטיילונג אויף שטענדיגען און פארענדערטען קאפּיטאל — באַלאַנגט צום ארבייטער, דער צווייטער — די צוטיילונג אויף גרונט קאפּיטאל און אומזאץ קאפּיטאל — באלאנגט צום קאפּיטאליסט.

## ה) מיטלען ווי צו פארגרעסערען דעם מעהר-ווערט.

### מיט וועלכע מיטלען קען דער קאפּיטאַליסט פארגרעסערען דעם מעהר-ווערט?

— דאָס קען געטאָן ווערען מיט צווייערליי מיטלען: אָדער עס ווערט פארגרעסערט דער גאנצער סכום ארבייט, דאן איז דער נויטווענדיגער טייל ארבייט, ד. ה. דער טייל ארבייט וואָס געהט אוועק אויף דעקען די הוצאות פון דעם ארבייטער אויף די נויטווענדיגסטע לעבענס-מיטלען, בלייבט דער זעלבער, און עס וואקסט די מעהר־ארבייט; אָדער עס ווערט פארקלענערט די נויטווענדיגע ארבייט, און אזוי ווי דער גאנצער סכום ארבייט בלייבט דער זעלבער, איז במילא ווערט דער טייל פון דער מעהר־ארבייט גרעסער.

### ווי אזוי קען פארגרעסערט ווערען דער גאנצער סכום ארבייט?

— מיט צווייערליי מיטלען: אָדער דער ארבייטס-טאָג ווערט לענגער, אָדער עס פארגרעסערט זיך די אינטענסיוויטעט, די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. אויב אין אונזער ביישפּיעל וואָלט זיך דעם פאבריקאנט איינגעגעבען צו פארגרעסערען די שנעלקייט פון די מאַשינען אָדער די אינטענסיוויטעט, די אָנשטרענגונג פון דער ארבייט אין אַנדערהאַלבען מאָל, וואָלטען יעצט די ארבייטער אין צעהן שעה אויסגעארבייט אזוי פיעל, ווי פריהער אין 15 שעה און די מעהר-ארבייט וואָלט שוין ניט געווען קיין 5 שעה, נאָר 10

שעה, ד. ה. די גרויס פון דער עקספּלואַטאַציע וואָלט שוין געווען 200 פּראָצענט.

## ווי לאַנג קען מען אויסציהען דעם אַרבייטס-טאָג?

— צוויי־ערליי כחות באַגרענעצען די פאַרלענגערונג פון אַר־בייטס-טאָג: 1) די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען; 2) דער ווידערשטאַנד פון די אַרבייטער. אויב מען זאָל פאַרלענגערען דעם אַרבייטס־טאָג ביז 17—18 שעה, ווי עס איז אַמאָל געווען אומע־טום און ווי עס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג אין אַפּגעשטאַנענע פּראָדוקציעס, וועט דעם אַרבייטער׳ס אָרגאַניזם אָפּגעשוואַכט ווערען און די פּראָדוקטיוויטעט פון זיין אַרבייט וועט זיך פאַרקלענערען. געוועהנליך, קלעהרט ניט דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט וועגען דעם, אָבער די רעגיערונג, וועלכע פאַרהיט די אינטערעסען פון דער גאַנצער פּראָדוקציאָן, פון דעם גאַנצען קלאַס קאַפּיטאַליסטען, זעהט ווי די אַרבייטער מאַסען ווערען דעגענערירט, דאָס לאַנד ווערט אָפּ-געשוואַכט, און, כדי צו פאַרהיטען דאָס לאַנד פון געפאַהר פון אונטערגאַנג, פאַרקירצט זי דורכ׳ן געזעץ דעם אַרבייטס־טאָג. דאָך וויים נאָך די געשיכטע ניט פון קיין ביישפּיעל, אַז אַ רעגיערונג זאָל אַליין, מיט איהר אייגענעם גוטען ווילען, פאַרקירצען דעם אַרבייטס־טאָג: שטענדיג טוען דאָס די רעגירונגען אונטער׳ן דרוק פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער מאַסען. דאַן דערגרייכט די רע־גירונג צוויי צוועקען: ערשטענס, פאַרהיט זי די כוחות פון לאַנד, און צווייטענס, שטילט זי איין די אַרבייטער און שאַפט רוה אין לאַנד.

דער קלאַסען־ווידערשטאַנד אַליין קען אויך מעהר אָדער ווינ־ציגער פאַרקירצען דעם אַרבייטסטאָג. דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווי שטאַרק און אָרגאַניזירט דער אַרבייטער קלאַס איז. אין ענג־לאַנד און אין אַמעריקע, וואו די פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדען זיי־נען שטאַרק, איז דער אַרבייטס־טאָג פיעל קירצער איידער ער איז געווען אין רוסלאַנד. אין רוסלאַנד, ווען די אַרבייטער־באַוועגונג איז אין 1905—1906 געווען אַם שטאַרקסטען, איז דער אַרבייטס-טאָג פאַרקלענערט געוואָרען; ווען די אַרבייטער-באַוועגונג איז דערנאָך געוואָרען שוואַכער, איז דער אַרבייטס־טאָג געוואָרען לענ־

נער, און ווען שפּעטער אָט זיך די ארבייטער-באַוועגונג ווידער אויפ־געהויבען, איז דער ארבייטס־טאָג איבער־אַ־גיים געוואָרען קירצער.

**פארקלענערט זיך די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט ווען דער אַרבייטס-טאָג ווערט קלענער?**

— ניין. ביי אַ קלענערען ארבייטס־טאָג ווערט דעם ארביי־טער'ס אָרגאַניזם ניט אויסגעצערט, און ער ארבייט מעהר אינ־טענסיוו. אזוי איז געווען אין ענגלאַנד ווען דער ארבייטס־טאָג איז פארקירצט געוואָרען ביז 12 שעה, דערנאָך ביז 11 און ביז 10 און אין אייניגע פּראָדוקציעס ביז 9. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען פונ'ם ארבייטער'ס לעבען און ענטוויקלונג וועט אַן 8־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג ניט פארקלענערען, נאָר פארגרעסערען די פּראָדוקטי־וויטעט פון ארבייט.

**מיט וועלכע מיטלען קען מען פארקלענערען די נויט־ווענדיגע ארבייטס-צייט?**

— ערשטענס, קען דער קאַפּיטאַליסט מאַכען נידעריגער די שכירות, אזוי אז זי דעקט ניט אַלע נאָרמאַלע באַדערפנישען פון דעם ארבייטער. אָבער דאָס מיינט בלויז, אז די עקספּלואַטאַציע ווערט גרעסער: אָנשטאַט די מעהר־ארבייט נעהמט דער קאַפּי־טאַליסט צו אויך אַ טייל פון דער נויטווענדיגער ארבייט. אָבער דער סכום נויטווענדיגע ארבייט, וועלכע ד א ר ף דעקען די נ אָ ר־מ א ל ע באַדערפנישען, ווערט ניט קלענער. אַן אמת'ע פאר־קלענערונג פון דער נויטווענדיגער ארבייט קען פּאַרקומען בלויז ווען די נויטווענדיגע באַדערפנישען ווערען ביליגער, און דאָס קען געשעהן, ווען עס פארגרעסערט זיך די פּראָדוקטיוויטעט אין די צווייגען פון דער אינדוסטריע, וועלכע שאַפען די נויטיגע לעבענס־מיטלען פאַר דעם אַרבייטער. אין אונזער ביישפּיעל איז 10 סענט 1 שטונדע ארבייט. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז דער ארבייטער דאַרף פארברויכען אין אַ טאָג פאַר 10 סענט ברויט, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, ער דאַרף ארבייטען 1 שטונדע כדי אָפּצוצאָהלען דעם ווערט פון זיין טעגליכער פּאָרציע ברויט, און די ברויט קאָסט 10 סענט, ווייל אויף פּראָדוצירען אזוי פיעל ברויט נעהט אוועק אַ שטונדע ארבייט. זיינען אין דער אַגריקולטור פּאָרגעקומען איי־

ניגע טעכנישע אויסבעסערונגען און אום צו פּראָדוצירען די זעל־ביגע פּאַרציע ברויט געהט שוין אוועק ניט קיין שטונדע, נאָר בלויז א האַלבע שטונדע ארבייט, הייסט דאָס אז די זעלבע פּאַרציע ברויט וועט קאָסטען ניט קיין צעהן סענט, נאָר פינף, און דער ארבייטער דאַרף ארבייטען בלויז א האַלבע שטונדע, כדי צו דעקען די הוצאה פון זיין ברויט. די גאַנצע סומע נויטווענדיגע ארבייט וועט שוין זיין ניט קיין 5 שטונדען, נאָר 4½, און אזוי ווי דער ארבייטס־טאָג בלייבט דער זעלבער — 10 שטונדען, קומט שוין אויס, אז די מעהר־ארבייט איז ניט קיין 5 שטונדען, ווי פריהער, נאָר 5½. זעלבסטפאַרשטענדליך פאַרקלענערען די ארבייטס־צייט מיט דעם אופן קען ניט קיין איין איינציגער קאַפּיטאַליסט אליין — דאָס קען זיין דער רעזולטאַט פון ענטוויקלונג אין פיעלע צווייגען פון דער אינדוסטריע, איבערהויפּט אין די צווייגען, וועלכע פּראָדוצירען די נויטיגע לעבענס־מיטלען פאַר דעם ארבייטער.

**האָט שוין דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט גאָר קיין מעג־ליכקייט ניט צו פאַרקלענערען די נויטווענדיגע ארבייטס־צייט אין זיין אונטערנעהמונג?**

— געוויס זיינען פאַראַן אזעלכע מעגליכקייטען, און זיי באַ־שטעהען אין דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פאַרגרעסערט די פּראָ־דוקטיוויטעט אויף זיין אונטערנעהמונג פון זעלבען צווייג פון דער אינדוסטריע, איינפיהרענדיג בעסערע מאַשינען, וועלכע די איבע־ריגע אונטערנעהמונגען האָבען נאָך ניט. אויף דעם אופן קען גע־מאָלט זיין, אז זיינע ארבייטער וועלען אויסארבייטען אין 10 שטונ־דען אזוי פיעל, וויפיעל אויף די איבעריגע אונטערנעהמונגען אר־בייט מען אויס אין 20 שטונדען. יעדע שטונדע פון זייער אר־בייט וועט זיין גלייך ווי 2 שטונדען דורכשניטליכע געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע ארבייט, וועלכע שאַפט דעם ווערט פון סחורות. זיי־נע ארבייטער וועלען אָפּארבייטען זייערע שכירות ניט אין 5 שטונ־דען, ווי פריהער, נאָר אין 2½ שטונדע, די איבעריגע 7½ שטונדע וועלען זיין מעהר־ארבייט, ד. ה. די נאָרמע פון מעהר־ארבייט וועט זיין אויף זיין אונטערנעהמונג 300 פּראָצענט. דאָס איז טאַקע די אורזאַכע וואָס טרייבט די קאַפּיטאַליסטען איינצופיהרען אלץ בע־סערע און בעסערע מאַשינען.

**קען אזא גינסטיגע לאגע בלייבען אויף שטענדיג פאר'ן איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט?**

— ניין. די קאָנקורענציע וועט צווינגען די איבעריגע קאַפּי־טאַליסטען איינצופיהרען דיזעלביגע מאשינען, די פּראָדוקטיוויטעט פון ארבייט וועט זיך איבעראל פארגרעסערען אין דעם צווייג פון דער אינדוסטריע, דער ווערט פון פּראָדוקט ווערט נידעריגער ביי אלע־מען גלייך, און ער האָט שוין ניט קיין פארצוג נעגען די איבעריגע פאבריקאנטען. עס ווערט פארקירצט די נויטווענדיגע ארבייטס־צייט פאר אלע פאבריקאנטען צוגלייך. די געזעלשאפט אין אל־געמיין פּראָפיטירט דערפון: די פּראָדוקטיוויטעט פון ארבייט ווערט גרעסער, עס איז פאראן אויפ'ן מארק מעהר סחורה און זי קאָסט ביליגער.

## ו) דעם קאַפּיטאַל'ס רעזערוו אַרמיי.

**קאָן דער קאַפּיטאַל שטענדיג קריגען אויפ'ן ארבייטער מאַרק גענוג אַרבייטס־קראַפט פיעל ער דאַרף נאָר האָבען?**

— אויסער אין זעהר זעלטענע פאלען קען ער. ווען ער זאָל אפילו זעהר פארגרעסערען די פּראָדוקציע, וועט איהם אלץ קיין ארבייטס־קראפט ניט אויספעלען, ווייל צו זיין דיענסט איז שטענ־דיג גרייט א רעזערוו ארמיי — ארבייטסלאָזע.

**פון וואַנען נעמט זיך אָט די אַרבייטסלאָזע אַרמיי?**

— דער קאפּיטאל אליין באשאפט איהר. ער מאכט דאָס, ערשטענס, דורך קאָנקורענציע, צווייטענס, דורך מאשינען און אין אלגעמיין דורכ'ן טעכנישען פּראָגרעס. דער גרויס־קאפּיטאל רואי־נירט דורך קאָנקורענציע די בעלי־מלאכות און אין אלגעמיין די קליינע פּראָדוצירער, וועלכע זיינען געצוואונגען צו פארקויפען זייער ארבייטס־קראפט. עס געהט אויך אָן א קאָנקורענציע צווי־שען די קאפּיטאליסטען גופא, און די גרעסערע, וועלכע זיינען עקאָנאָמיש שטארקער, באזיגען און זעצען ארונטער די שוואכערע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געצוואונגען ארויסצוואוארפען אויפ'ן גאס סיי זייערע בעלי־בתים סיי זייערע ארבייטער. אָבער די הויפט זאך זיינען די מאשינען און אנדערע טעכנישע אויסבע־

סערונגען, וועלכע פארגרעסערען די פראָדוקטיוויטעט פון ארבייט און מען דארף א קלענערען צאָהל ארבייטער. די מאַשינען באַשאפען ארבייטסלאָזיגקייט אויך דורך דעם, וואָס זיי אליין פארנעמען דעם פלאץ פון די ארבייטער. וואָס בעסער, וואָס פאָלקאָמענער א מאשין איז, אלץ א גרעסערע צאָהל ארבייטער ווערט ארויסגעוואָרפען אין דער רעזערוו ארמיי, וואו זיי דארפען ווארטען ביז וואנען דער קאפיטאל וועט זיי ווידער דארפען. פאר די לעצטע הונדערט יאָהר האָבען די מאשינען אין אזוי פיעל מאָל פארגרעסערט די פראָדוקטיוויטעט, אז אויב עס וואָלט זיך ניט פארגרעסערען אויך די נאָכפראגע אויף די פראָדוקטען, וואָלט זעהר א קליינער טייל ארבייטער האָבען וואָס צו טאָן, און ניין צענטעל פון ארבייטער קלאס אָדער פיליכט נאָך מעהרער וואָלטען זיין פאראורטיילט צו שטארבען פון הונגער. אָבער ווי גרוים עס זאָל ניט זיין די נאכפראגע, ווי שטארק עס זאָל זיך ניט פארגרעסערען די פראָדוקציאָן, קען זי אלץ ניט באשעפטיגען די גאנצע רעזערוו־ארמיי. אפילו אזעלכע לענדער ווי ענגלאנד, אמעריקע און דייטשלאנד האָבען אין די יאָהרען פון גרעסטען אינדוסטריעלען אויפבליהונג געהאט אלץ א וועלכען עס איז פראָצענט ארבייטסלאָזע. אין שוואכע צייטען, דערהויפט אין קריזיס צייט דערגרייכט די צאָהל ארבייטסלאָזע אין הונדערטער טויזענדער און מיליאָנען מענשען. אין אָפגעשטאנענע לענדער, ווי למשל אין רוסלאנד, ווערט די רעזערוו־ארמיי אלץ גרעסער און גרעסער דורך דעם, וואָס דער האנדעלס־קאפיטאל און די הויכע שטייערען רואינירען די ווירטשאפט פון פויערטום. אויף דעם אופן געפינט שטענדיג דער קאפיטאל גענוג ארבייטער פאר זיך, ווי גרוים די אונטערנעמונג זאָל ניט זיין.

## מיט וואָס־זשע לעבט אָט די רעזערוו־ארמיי?

— די מיטלען צום לעבען זיינען פארשידענע און ניט קיין זיכערע: פון פריהער אָפגעשפּאָרטע געלט, צופעליגע קליינע פארדינסטען, צדקה א. א. וו. און ווען אויך די מיטלען נעמען זיך אויס, דאָן איז פּראָסטיטוציע, גנבה א. ד. גל. דערביי, פארשטעהט זיך, איז שטענדיגע נויט, אומבאפרידיגטע באדערפנישען, הונגער,

קעלט, קראנקהייט, און אמאָל טאַקע פשוט טויט פון אויסצעהרונג. א טייל פון דער רעזערוו ארמיי שטאַרבט אוים פיעל פריהער איי־דער דער קאפיטאל הויבט זיך אָן נויטיגען אין די רעזערוו־ארבייטער.

## ווי ווירקט די רעזערוו־ארמיי אויף דער לאגע פון די, וועלכע האָבען ארבייט?

— אין דעם קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט איז דער קאפיטאל שטענדיג שטארקער, ווייל דער קאפיטאליסט קען וואר־טען, און דער ארבייטער האָט ניט קיין כחות צו ווארטען. די לאגע פון דעם ארבייטער איז אלזאָ סיי ווי סיי ניט קיין גינסטיגע, און די רעזערוו ארמיי מאכט איהר נאָך ערגער. דער אונטער־נעמער קען צו יעדען מאָמענט אוועקשיקען וועלכען ארבייטער ער וויל נאָר און פארבייטען איהם דורך אנאנדערן פון די ארבייטס־לאָזע. אפגעזונדערטע, צוטיילט איז יעדער ארבייטער שוואך און מוז אָהן טענות איינגעהן אויף אלץ, וואָס דער קאפיטאליסט שלאָגט פאָר. דערפון איז געדרונגען ווי נויטיג עס איז פאר די ארבייטער צו זיין פאראייניגט, אָרגאניזירט.

## ז) שכירות.

### ווי באקומט דער ארבייטער זיינע שכירות?

— געוועהנליך באקומט ער עס אין געלט. אין די אָפגעשטא־נענע לענדער צאָהלט מען זיך נאָך פאנאנדער מיט פראָדוקטען אָדער מיט טאלאָנען, ד. ה. מען גיט זיי ארוים פון פאבריק אזעלכע קוויטאנציעס, פאר וועלכע זיי קענען איינקויפען די דאָ־זיגע פראָדוקטען. דאָס איז אן איבערבלייבאכץ פון דעם אלטען, האנדעלס־קאפיטאליסטישען מיטעל פון עקספּלואטאציע. מיט דעם מיטעל דערגרייכט מען צוויי צוועקען: מען העכערט די פרייזען אויף די סחורה און מען פארקלענערט דערמיט די שכירות, און צווייטענס, בינדט מען צו זיך צו דעם ארבייטער — ער קאָן ערגעץ ניט אוועקגעהן, ווייל ער האָט קיין געלט ניט. דיזעלבע באדייטונג האָבען אויך אמאָל די דירות, וועלכע דער בעל הבית גיט די ארבייטער. נאָר מיט'ן ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם און ארבייטער ארגאניזאציעס, געהט דער מיטעל ארוים פון דער

מאָדע. אפילו אין דער אפגעשטאַנענער רוסלאַנד האָט פּארוועהרט דאָס געזעץ פאַנאַנדערצאָהלען זיך מיט סחורה און מיט קוויטאַנציעס.

## ווי רעכענט מען אוים די שכירות?

— אָדער פון שטיק אָדער פון צייט. גאָר אמאָל פלעגט מען צאָהלען בלויז פון דער צייט: פון טאָג, פון וואָך, מאָנאט, יאָהר א. ד. גל. שפּעטער צו האָבען די קאפיטאליסטען אָנגעהויבען איינפיהרען שטיק־ארבייט, איבערלאָזענדיג צייט־ארבייט בלויז פאר די צווייגען, וואו מען קאָן ניט אויסרעכענען פון שטיק, ווי ביים פארריכטען אלטע זאכען, ביים ארבייטען מיט נייע, נאָך ניט קיין אויסגעפּרובירטע מאשינען א. ד. גל. שטיק־ארבייט איז בעסער פאר'ן קאפיטאליסט, ווייל מען דארף ניט אכטונג געבען אויף דעם ארבייטער. און טאָמער וועט דער ארבייטער, איילענדיג זיך, קאַליע מאכען די וואארע, וועט מען עס דערנאָך אויסבראַקירען און דערצו נאָך שטראפירען איהם פאר דעם מאטעריאל, וואס ער האָט איבערגעפיהרט. דער ארבייטער וויל פארדינען וואָס מעהר, שטרענגט ער אָן ביי שטיק־ארבייט זיינע גאַנצע כחות, זיין פּראָדוקטיוויטעט ווערט גרעסער און ער פארדיענט טאקע מעהרער, העכער פון דעם דורכשניטליכען ארבייטער פארדינסט. דאן רייסט אראָפּ דער קאפיטאליסט פון דעם פּרייז, און דעם ארבייטער'ס פארדינסט ווערט נידעריגער. דער ארבייטער שטרענגט זיך נאָך מעהר אָן, און דער קאפיטאליסט רייסט ווידער די פּרייזען א. א. וו.

## וואָס פאר אַ באדייטונג האָט די לענג פון דער צייט, אין וועלכער מען צאָהלט זיך פאַנאַנדער מיט'ן ארבייטער?

— יעדע מינוט, יעדע סעקונדע אפילו, וואָס דער ארבייטער שטעהט ביי דער ארבייט, פארדינט ער שוין עפּעס, אָבער מען באַצאָהלט איהם ניט שוין, אין דעם זעלבען מאָמענט, הייסט דאָס ער פארלייהט דעם קאפיטאליסט זיין ארבייטס־קראפט אויף אַ באַשטימטער צייט. אין דער צייט דארף ער לעבען, איז אָדער ער האָט אָפּגעשפּאָרטע געלט, גיט ער זיי אוים, אָדער ער דארף אלץ קויפען אויף קרעדיט. קויפען אויף קרעדיט קאָסט, געוועגליך, טייערער איידער פאר גרייטע געלט, און פאר די אָפּגעשפּאָרטע געלט קען מען אויך עפּעס קריגען, ווען מען זאָל זיי עמיצען פאר־

לייהען. דער קאפיטאליסט האלט דערווייל זיינע געלט אין באנק און באקומט אויף זיי פּראצענט. דעריבער וויל דער קאפּיטאליסט צאהלען וואס זעלטענער, און פאר'ן ארבייטער איז וויכטיג צו קריגען געצאָהלט וואָס אָפטער. אין די פּאַרטנערשיפטענע לענדער איז אָנגענומען צו פאנאנדערצאָהלען זיך אלע וואָך; אין די אָפּגעשטאַנענע צאָהלט מען אלע צוויי וואָכען, אלע מאָנאט און אמאָל נאָך לענגער.

## ח) ארבייטער אָרגאניזאציעס.

**וואָס מיינט א „אינדיווידועלער" אָפּמאַך און וואָס איז א „קאָלעקטיווער" אָפּמאַך?**

— א „אינדיווידועלער" אָפּמאַך איז אן אָפּמאַך, וואָס איין ארבייטער אליין מאכט מיט'ן קאפּיטאליסט. א „קאָלעקטיווער" אָפּמאַך ווערט דורכגעפיהרט צווישען אן אָרגאניזאציע פון ארבייטער (פּראָפעסיאָנעלער פאראיין) און דעם קאפּיטאליסט אָדער א פאַרבאַנד פון קאפּיטאליסטען. דער אָנהויב פון א פּראָפעסיאָנעלער אָרגאניזאציע איז א סטרייק, און דער אָנהויב פון א קאָלעקטיווען אָפּמאַך זיינען די הנחות, וואָס די סטרייקער קריגען. אַן ענטוויקעלטער און א שטארקער פּראָפעסיאָנעלער פאראיין קען גאַנץ אָפט דערשלאָגען זיך א גינסטיגען קאָלעקטיווען אָפּמאַך אפילו אָהן א סטרייק.

**קאָן א פּראָפעסיאָנעלער פאראיין, דורך עקאָנאָמישע קאמפען און קאָלעקטיווע אָפּמאכען געווינען א פעסטע און זיכערע פּאַרבעסערונג פון אַרבייטס־באַדינגונגען?**

— אין אלגעמיין קאָן אפילו דער שטארקסטער פּראָפעסיאָנעלער פאראיין ניט פארזיכערען די באקומענע געווינסען: עס ווערט פארערגערט דער מארק, עס קומט אָן א קריזיס, די אונטערנעמער אָרגאניזירען זיך שטארקער — דאָס אלץ קען אומבייטען די לאַגע. דער צווייטער צד ווערט שטארקער און נעמט אָפּ צוריק אלע הנחות, וואס ער האָט געמאכט פריהער. דארפען דעריבער, ער־שטענס, די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען האָבען שטענדיג אין זינען די מעגליכקייט פון א נייעם קאמף און גרייטען זיך צו איהם; און

צווייטענס, איז זעהר וויכטיג צו באַפעסטיגען די נעקראָגענע גע־
ווינסען פּאָליטיש, ד. ה. דורך ארבייטס־געזעצען. אָנגענומענע
געזעצען וועגען אַ מאַקסימאַלען ארבייטס־טאָג, וועגען באַשיצען
די ארבייטער פון אומגליקספאַלען און באַפרידיגען זיי אין אַזאַ
פאַל, וועגען באַגרעניצען די שטראַפען, וואָס דער בעל־הבית קען
ארויפלעגען אויפ׳ן ארבייטער א. ד. גל. איז פאַר די קאַפּיטאַליס־
טען שווערער איבערצומאַכען; צוליעב דעם מוז מען לאָזען אין
גאַנג די גאַנצע רעגירונגס־מאַשין, איבערהויפּט אין די לענדער
וואו עס זיינען פאַראַן פאַרלאַמענטען, און אַ צירקולאַר פון אַ
מיניסטער, ווי הויך ער זאָל ניט שטעהן, קען קיין געזעץ ניט
אָפּשאַפען. די פּראַקטיק האָט באַוויזען, אַז אַזעלכע געווינסען זיי־
נען כמעט שטענדיג זיכערע.

**קענען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אליין, אָן און פאַר זיך, ד. ה. אלס בלויז פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, דערשלאָגען זיך, אַז די ארבייטס־באַדינגונגען זאָלען פאַר־בעסערט ווערען געזעצליך?**

— אין די פרייע לענדער, וואו ארבייט אויפ׳ן פּאָליטישען
געביט איז ניט פאַרבאָטען, ווי למשל אין ענגלאַנד, גיט זיך נאָך
דאָס ווי עס איז איין. אָבער אפילו דאָרטען האָט די פּראַקטיק
באַוויזען, אַז אום צו פאַרטיידיגען די ארבייטער אינטערעסען אין
דער רעגירונג דאַרף מען האָבען באַזונדערע פּאָליטישע ארבייטער
אָרגאַניזאַציעס, ווייל די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען ניט
צוגעפּאַסט פאַר פּאָליטישע צוועקען. נאָך וועניגער קענען זיי
גרינדליך איבערבייטען די לאַגע פון׳ם ארבייטער קלאַס, ווייל
לויט׳ן כאַראַקטער פון זייער אָרגאַניזאַציע איז דער צוועק פון די
פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען צו פאַרבעסערען די לאַגע פון דעם
ארבייטער אין די גרענעצען פון עקזיסטירענדען אָרדנונג, אָבער
ניט אומצובייטען דעם אָרדנונג.

**וואָס זיינען פּראָדוקטיווע ארבייטער־געזעלשאַפטען?**

— דאָס הייסט, אַז ארבייטער פאַראייניגען זיך, לעגען צו־
נויף צוזאַמען זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלט און גרינדען אַ שותפות׳ע
אונטערנעמונג, וואו זיי זיינען אַליין [illegible] די בעלי־הבתים אי די אר־

ביטער. יעדערער האט אין די פארדינסטען א חלק לויט דעם דעם חלק געלט וואס ער האט אריינגעלעגט.

## וואס פאר א באדייטונג פאר די ארבייטער האבען אזעלכע געזעלשאפטען?

— זיי מאכען די ארבייטער פאר אייגענטימער פון א וואסער עס איז קאפיטאל און באפרייען זיי פון דער נויטווענדיגקייט אפצוגעבען די קאפיטאליסטען דעם מעהר־ווערט פון זייער ארבייט. אין פאל אזא אונטערנעמונג גיט זיך איין, ווערען די מיטגליעדער פון דער אונטערנעמונג אליין קליינע קאפיטאליסטען. ווען אזעלכע אונטערנעמונגען זאמלען אן א היבשען קאפיטאל, וויל מען שוין קיין נייע ארבייטער ניט צולאזען אלס מיטגליעדער, סיידען זיי טראגען אריין גרויסע סומען געלט. געוועהנליך אבער האבען ארבייטער ניט קיין פולע געלט, נעהמט מען זיי טאקע ניט אריין אלס מיטגליעדער, נאר אלס ארבייטער, וועלכע באקומען געוועהנליכע שכירות און וועמען די אונטערנעמונגען עקספלואטירען, ווי יעדער אנדער בעל־הבית. און אנדערש קען עס ניט זיין. כל זמן עס עקזיסטירט דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, זיינען די פראדוקציאנס־געזעלשאפטען געצוואונגען צו קאנקורירען מיט אנדערע, מיט פריוואטע אונטערנעמונגען, זוכען זיי דעריבער צו האבען וואס גרעסערע פראפיטען אום אויסצוהאלטען די קאנקורענציע, און זיי מוזען עקספלואטירען זייערע ארבייטער. אויף דעם אופן ברייגען אזעטיגע געזעלשאפטען ניט קיינע נוצען דעם ארבייטער קלאס, סיידען ווען זיי זיינען צונויפגעבונדען מיט די פראפעסיאנעלע פאראיינען און ארבייטער פארטייען און גיבען זיי אוועק זייערע גאנצע פראפיטען אדער א באדייטענדען טייל פון די פראפיטען. אין אלגעמיין האבען די פראדוקציאנס געזעלשאפטען ווינציג ערפאלג, ווייל זיי קענען ניט אויסהאלטען די קאנקורענציע פון גרויס־קאפיטאל, וועלכער באציהט זיך צו זיי פיינדליך.

## וואס איז א קאנסום־פראדוקציאנס געזעלשאפט?

— דאס זיינען קאאפעראטיווען, וועלכע האבען אייגענע אונטערנעמונגען, וואו זיי פראדוצירען געברויכס־פראדוקטען פאר די

ארבייטער, ווי בעקערייען, פלייש־קראמען, לאונדרים א. ד. ג. אזעל־כע אסאציאציעס זיינען זיכערער איידער געוועהנליכע פראדוק־ציאנס־געזעלשאפטען, ווייל זיי האבען קנאפער מורא פאר קאנ־קורענציע: זיי האבען א באשטימטען קרייז פון שטענדיגע קוי־פער — די מיטגליעדער פון קאאפעראטיוו. אויסער דעם האבען א ל ע מיטגליעדער פון קאאפעראטיוו א חלק אין דער אונטערנע־מונג, און ניט בלויז די וואס ארבייטען דארטען, און עס זיינען פאראן קנאפער מעגליכקייטען די ארבייטער זאלען זיך פארוואנדלען לען אין קליינע קאפיטאליסטען, וועלכע רייסען זיך אפ פון אר־בייטער קלאס און זיינע אינטערעסען, די ווירטשאפט־געזעל־שאפטליכע באדייטונג פון אזעטיגע קאאפעראטיווען איז אויך א מעהר פארשיעדענארטיגע.

## האבען א עקאנאמישע באדייטונג אויך די ארבייטער פארטייען, די פאליטישע ארבייטער ארגאניזאציעס?

— גאנץ געוויס, און טאקע זעהר א גרויסע. פאליטישע פאר־טייען זיינען קלאסען ארגאניזאציעס און פארטיידיגען די אינטע־רעסען פון א וועלכען עס איז קלאס: די קאנסערוואטיווע פאר־טייען פארטיידיגען געוועהנליך די אינטערעסען פון די פריצים; די ליבעראלע — די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען; די דע־מאקראטישע — די אינטערעסען פון פויערטום און פון שטאדטי־שען בעל־מלאכה. די ארבייטער פארטיי איז די ארגאניזאציע פון קלאסען קאמף פון פראלעטאריאט פאר זיינע אלגעמיינע אינטע־רעסען. די ארבייטער פארטיי פארטיידיגט, למשל, די פרייהייט פון סטרייקס, די פרייהייט פון פארבאנדען, פון יוניאנס. זי זוכט מיטלען ווי צו דערשלאגען זיך אז דער געזעץ זאל פארקירצערען דעם ארבייטס־טאג, א. א. וו. אויסער דעם שטעלט זי זיך מעהר ברייטערע עקאנאמישע אויפגאבען: אנזאמלען כוחות און צוגריי־טען די מיטלען אום גרונטליך איבערבויען די געזעלשאפט אין די אינטערעסען פון דעם פראלעטאריאט.

## ט) ריוח און רענט.

### שטעלען צונויף די קאַפּיטאַליסטען אן איינהייטליכען געזעלשאַפטליכען קלאַס?

— ניין. צווישען זיי זיינען פאַראַן באַזונדערע אינטערעסען און זיי טיילען זיך דעריבער אויף באַזונדערע גרופּען, וועלכע קעמפּען גאַנץ אָפט צווישען זיך. אזוי, צום ביישפּיעל, די וואָס מאַכען מאַשינען ווילען אויף מאַשינען זאָלען זיין הויכע פּרייזען, און די וואָס קויפען די מאַשינען ווילען זייערע פּרייזען זאָלען זיין נידעריגע. די זאַוואָדען וועלכע גיסען אויס טשוהון, אייזען און שטאָל, ווילען שטעלען אויף די דאָזיגע מעטאַלען הויכע פּרייזען, און די וואָס מאַכען די מאַשינען ווילען אראָפּזעצען די פּרייזען. די סוחרים זיינען איין גרופּע, די אינדוסטריעלע אונטערנעמער — א צווייטע, און די באַנקירען, וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט קרעדיט, ד. ה., זיי האַנדלען מיט געלט, זיינען ווידער א באַזונדער גרופּע. די פאַבריקאַנטען באַקומען פון ארבייטער מעהר־ווערט, אָבער א טייל פון דעם מוזען זיי איבערלאָזען פאַר די סוחרים, וועלכע קויפען איין די אויסגעארבייטע פּראָדוקטען, און א טייל דארפען זיי אָפּגעבען די באַנקען אין דער פאָרמע פון פּראָצענט פאַר די געלט, וואָס זיי האָבען דאָרטען געליהען. זעלבסט־פאַרשטענדליך, אז צווישען זיי קומט פאָר א קאַמף: יעדער צד וויל נעהמען פאַר זיך מעהרער און לאָזען פאַר'ן צווייטען קנאַפּער. פאַראַן אָבער נאָך א טיפערער אונטערשיעד, וועלכער צוטיילט די גאַנצע בורזשואזיע אין צוויי גרויסע קלאַסען: 1) קאַפּיטאַליסטען און 2) לאַנד־אייגענטימער (פּריצים, לענדלאָרדס).

### וואָס איז דער אונטערשייד צווישען אָט די צוויי קלאַסען?

— דער אונטערשייד ליגט אינ'ם כאַראַקטער פון זייער אייגענטום. דער געוועהנליכער קאַפּיטאַל האָט די פאָרמע פון געצייג, סחורה און געלט. זייער צאָהל קען פאַרגרעסערט ווערען: ווען מען דאַרף קען מען פּראָדוצירען, אויסארבייטען מעהר פון זעלבען מין. ערד, לאַנד איז אָבער אזא קאַפּיטאַל, וועמעס צאָהל עס קען

ניט פאַרגרעסערט ווערען, מען קען ניט פּראָדוצירען מעהר ערד. פון צווייטען זייט איז לאַנד נויטיג פאַר יעדער אונטערנע־מונג, ווייל יעדע אונטערנעמונג פאַרנעהמט אַ פּלאַץ, דעם פּלאַץ דאַרף מען אָדער קויפען, אָדער דינגען, אויב מען האָט ניט קיין אייגענעם. אויף דעם אופן איז דער קאַפּיטאַליסט אָפּהענגיג פון דעם לאַנד־אייגענטימער און מוז איהם אָפּגעבען אַ טייל פון דעם מעהר־ווערט. פאַר אַ האַנדעלס־געשעפט, פאַר אַ באַנק אָדער אפילו פאַר אַ פאַבריק דאַרף מען קיין פולע פּלאַץ ניט האָבען, אָבער פאַר אגרי־קולטורעלער ווירטשאַפט און פאַר בערג־ארבייט מוז מען שוין האָ־בען אַ גרויסען שטח ערד, און דערצו האָט אַ גרויסע באַדייטונג די קוואַליטי פון באָדען: פאַר אַ גרעסערען שטח לאַנד און פאַר בעסערע ערד צאָהלט מען טייערער, פאַר אַ קלענערען שטח און פאַר ערגערע ערד צאָהלט מען ביליגער. אָט דער טייל פון דעם מעהר־ווערט, וואָס דער לאַנד־אייגענטימער באַקומט, רופט זיך **אָן ר ע נ ט**, און דער טייל וואָס בלייבט ביים קאַפּיטאַליסט, רופט זיך **אָן ר י ו ח.**

## ווי גרויס זיינען די חלקים פון דעם קאַפּיטאַליסט און פון לאַנד־אייגענטימער, ווען זיי צוטיילען צווישען זיך דעם מעהר־ווערט?

— זיי זיינען ניט שטענדיג גלייך, דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווער עס איז שטאַרקער. וואָס געדיכטער עס איז די באַפעלקע־רונג, אַלץ שווערער איז צו קריגען אַ נייעם פּלאַץ, און אַלץ מעהר מוז דער קאַפּיטאַליסט צאָהלען דעם לאַנד־אייגענטימער. וואָס גרעסערע און וואָס ווינציגער אונטערנעמונגען עס זיינען פאַראַן און וואָס גרינגער עס איז איבערטראָגען זיי פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען, אַלץ קלענער וועט זיין דעם לאַנד־אייגענטימער'ס אַפּעטיט, אַלץ נידעריגער וועט זיין די רענט.

די פעטקייט, די פרוכטבארקייט פון דער ערד איז ניט אומע־טום גלייך, דעריבער איז דער רענט פאַר זיי אויך ניט דער זעל־בער. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דער לאַנד־אייגענטימער פאַר־דינגט דריי אָפּטיילונגען (אוטשאַסטקעס, סעקשאָנס) ערד, ווע־מעס פרוכטבארקייט פאַר אגריקולטורעלע צוועקען עס איז

ניט קיין גלייכע. עס איז זעלבסט־פארשטענדליך, אז אומזיסט וועט ער אפילו דעם ערגסטען סעקשאָן אויך ניט אפּגעבען. זאָל זיין אז דער ערגסטער סעקשאָן טראָגט אריין פארדינסט אין א יאָהר 1200 דאָלאר, און באארבייטען אָט די ערד קאָסט צעהן טויזענט דאָלאר. אויב דער געוועהנליכער ריוח אויף קאפּיטאל איז 10%, וועט דער ארענדאטאָר אראָפּנעמען פאר זיך 1000 דאלאר אלס פּראָצענט אויף די צעהן טויזענט דאָלאר קאפּיטאל, וואָס ער האָט אויסגעגעבען, און פאר דעם לאנד־אייגענטימער בלייבט איבער 200 דאלאר רענט. די איבעריגע צוויי סעקשאָנס זיינען פרוכטבארער, וועלען זיי אריינטראָגען אויפ׳ן זעלבען קאפּיטאל פון צעהן טויזענט דאלאר מעהרער תבואה, וועט פון צווייטען סעקשאָן זיין פארדינסט 2000 דאלאר און פון דריטען — 3000. דער ארענדאטאָר וועט אלץ האָבען פאר זיך ניט מעהר און ניט ווינציגער ווי טויזענד דאָלאר, אלס 10 פּראָצענט אויף די צעהן טויזענט דאלאר וואָס ער האָט אויסגעגעבען. ווינציגער וועט ער ניט וועלען נעהמען, ווייל אויב ניט וועט ער בעסער אריינלעגען די געלט זיינע, די צעהן טויזענט דאלאר, אין אן אנדער געשעפט; מעהרער וועט דער לאנד־אייגענטימער ניט דערלאָזען: צווישען די ארענדאטאָרען, ווי אין אלע געשעפטען, קומט פאר א קאָנקורענציע, און אויב איינער וועט וועלען פאר זיך א גרעסערען פּראָפיט, וועט זיך געפינען אן אנדערער, וואָס וועט זיך באנוגענען מיט די געוועהנליכע 10 פּראָצענט. אויף דעם אופן וועט בלייבען די רענט פון צווייטען סעקשאָן 1000 דאלאר, און פון דריטען סעקשאָן — 2000 דאלאר. דער גאנצער נוצען, די אלע מעלות פון דער ערד׳ס פרוכטבארקייט, געהט אוועק פאר דעם לאנד־אייגענטימער. דאָס זעלבע איז אויך אין בערג־ארבייט, ווען איין פּלאץ איז רייכער אין מינעראלען און דער צווייטער — אָרימער.

## ווארום שטעהען הויכע פּרייזען אפילו אויף שלעכטע ערד, אויב עס איז נאָר אין א גרויסער שטאָדט אָדער נאָ־הענט פון איהר?

— דאָ האָט א באדייטונג די נאָהענטקייט פון מארק. אויב דער מארק איז פון איין פאבריק בלויז צוויי מייל ווייט, און פון דער

צווייטער פאבריק — צוויי הונדערט מייל, וועט דער ערשטער פאבריק קאסטען ביליגער דאס ברייגנען די סחורה אויפ'ן מארק, און דער צווייטער — טייערער. אבער די סחורה פארקויפט זיך פאר דעם זעלבען פרייז, וועט דער ערשטער פאבריק בלייבען מעהר ריוח, דאן וועלען זיך געפינען קאנקורענטען, וואס וועלען מרוצה זיין צו צאהלען פאר'ן ערשטען פלאץ טייערער ארענדע-געלט, און די אלע מעלות פון דעם נאהענטען מארק בלייבט פאר דעם לאנד-אייגענטימער. צוליעב דער זעלבער אורזאכע זיינען דירות אין גרויסע שטעדט טייערער איידער אין קליינע שטעדט, און אין צענטער העכער איידער אין די ווייטערדיגע טיילען פון שטאדט.

### לויט וועלכען פרייז פארקויפט זיך לאנד?

— אויב די באנקען צאהלען, למשל, 5 פראצענט, און א באשטימטער סעקשאן לאנד ברייגנגט אריין 1000 דאלאר א יאהר רענט, דאן וועט דער לאנד-אייגענטימער וועלען פאר'ן דאזיגען סעקשאן אזוי פיעל געלט, אז די 1000 דאלאר זאלען אויסמאכען 5 פראצענט, דאס הייסט, ער וועט פארלאנגען ניט ווינציגער ווי 20 טויזענט דאלאר.

### איז דער קאמף צווישען די קאפיטאליסטען און לאנד-אייגענטימער אזוי גרויס, ווי דער קאמף צווישען די אינטערעסען פון קאפיטאליסטען און ארבייטער?

— ניין, די ביידע קלאסען — די קאפיטאליסטען און די לאנד-אייגענטימער לעבען מיט'ן מעהר-ווערט פון דער ארבייט, איז ביי זיי פאראן אן אלגעמיינער אינטערעס — צו באקומען פון דעם ארבייטער וואס א גרעסערען מעהר-ווערט, אבער די ארבייטער האבען מיט קיינעם ניט קיין אלגעמיינע אינטערעסען.

## י) קרעדיט.

### וואס רופט זיך קרעדיט קאפיטאל?

— דאס איז די העכסטע פארמע פון פראצענט-קאפיטאל, וועלכער האנדעלט מיט געלט. די גרונט סימנים פון היינטיגען קרעדיט זיינען: זיינע אפעראציעס זיינען אויף א גרויסען מאס-

שטאָב און אין פארשידענאַרטיגע, קאָמפּליצירטע פאָרמען; געלט ווערט פארליהען צו גרויסע קאַפּיטאַליסטען, און דער האַנדעל ווערט געפיהרט ניט בלויז מיט אייגענע געלט, נאָר נאָך מעהר מיט פרעמדע, וועלכע ער זאַמעלט צונויף פון וועמען עס איז נאָר מעגליך.

## וואָס רופט זיך „קרעדיטנע דאָקומענטען אָדער קרעדיט־פּאַפּירען?

— דאָס זיינען שטר־חובות, וועלכע שרייבען זיך לויט דער פאָרמע, וועלכע איז באַשטימט דורכ'ן געזעץ. דער גרונט טיפּ זייערער זיינען וועקסלען. אַ וועקסעל איז אַ פאַרפּליכטונג אויסצוצאָהלען אין דער און דער צייט, צו דער און דער פּערזאָן אָדער צו וועמען די פּערזאָן וועט הייסען, אַזאַ און אַזאַ סומע געלט. אָט די סומע, וואָס שטעהט געשריבען אין וועקסעל, רופט זיך אָן „וואַלוטאַ" און אין איהר איז אריינגערעכענט סיי דער קאַפּיטאַל, וועלכען מען האָט געליהען, סיי דער פּראָצענט אויף דעם קאַפּיטאַל. וועקסלען קען מען קויפען און פארקויפען. מיט אַ וועקסעל אויף אַ רייכען קאַפּיטאַליסט אָדער אויף אַ זיכערע פירמע, באַנוצט מען זיך גאַנץ אָפט אָנשטאָט געלט אויף פאַנאַנדערצאָהלען זיך מיט חובות, איבערהויפּט אין אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל. אַ פראַנצויז איז שולדיג אַ רוסישען געלט און האָט איהם דערפאַר געגעבען אַ וועקסעל; אַן אַנדער רוסישער האָט געקויפט ביי אַ צווייטען פראַנצויז סחורה און דאַרף איהם דערפאַר באַצאָהלען. קויפט אָפּ דער צווייטער רוסישער דעם וועקסעל פון דעם ערשטען רוסישען און שיקט עס אַוועק צום צווייטען פראַנצויז, און יענער וועט שוין דאָס איינמאָהנען פון דעם ערשטען פראַנצויז. מיט דעם פארשפּאָרט מען איבערצושיקען געלד פון איין פלאַץ אויפ'ן צווייטען. אויסער וועקסלען זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע סאָרטען קרעדיט־פּאַפּירען: ווערט־פּאַפּירען און פּאַפּיר־געלד. די הויפּט צענטרען, וועלכע לאָזען אַרויס קרעדיט־פּאַפּירען, זיינען די באַנקען.

## מיט וואָס באַשעפטיגען זיך די באַנקען?

— זיי קריגען קרעדיט און גיבען קרעדיט, ד. ה., זיי לייהען געלט און פארלייהען. דער ערשטער סאָרט אָפּעראַציעס רופען זיך אָן פּאַסיווע, דער צווייטער — אַקטיווע. דורך די פּאַסיווע

אפעראציעס קריגען די באנקען אריין פרעמדע געלט, דורך די אקטיווע גיבען זיי אפ די געלט אויף פראצענט, וועלכער אדער בלייבט פאר זיי איינגאנצען אדער זיי גיבען אפ א טייל פון דעם צו די יעניגע, פון וועמען זיי האבען באקומען געלט. געוועהנליך געפינט זיך אין די באנקען פרעמדע געלט מעהר ווי אייגענע.

## וועלכע זיינען די הויפט פאסיווע אפעראציעס?

— ערשטענס, נעמען זיי אריין דעפאזיטס און צווייטענס, לאזען זיי ארויס באנק־בילעטען. די דעפאזיטארס לעגען אריין זייערע געלט אין באנק, באקומען דערפאר פראצענטען — פארשטעהט זיך קלענערע איידער דער באנק קריגט פון זיינע בעלי־חובות. די דעפאזיטס זיינען אדער אויף א באשטימטער צייט, אדער אהן א באשטימטער צייט, אדער אויפ'ן לויפענדען רעכענונג (טעקושטשי סטשאט, קאירענט אקאונט, טשעקינג אקאונט אדער טשעק דעפאזיט). פאר די געלט, וואס ליגען אויף א באשטימטער צייט, צאהלט מען א העכערען פראצענט, ווייל דער באנק איז זיכער, אז ביז דעמאלט וועט מען פון איהם די געלט ניט פאדערען און ער קען מאכען מיט זיי וועלכע געשעפטען ער וויל; פאר די געלט, וואס ליגט ניט אויף א באשטימטער צייט, צאהלט מען א קלענערען פראצענט, ווייל דער באנק דארף מורא האבען, אז צו יעדער צייט קען מען ביי איהם מאהנען די געלט צוריק; פאר די געלט וואס ליגט אויפ'ן לויפענדען רעכענונג צאהלט מען געוועהנליך גאר קיין פראצענט ניט. געוועהנליך, האלטען די קאפיטאליסטען דעם אומזאץ קאפיטאל אויפ'ן לויפענדען רעכענונג און יעדען מאל ווען זיי דארפען ארויסנעהמען פון באנק א באוואוסטע סומע געלט גיבען זיי ארויס א טשעק, דער באנק נעמט צו דעם טשעק, רעכענט אראפ פון דעם דעפאזיטאר'ס סומע אזוי פיעל געלט פיעל עס איז אנגעשריבען אין טשעק, און צאהלט עס אויס צו דעם, אויף וועמעס נאמען דער טשעק איז אנגעשריבען, אדער צו אן אנדערען, וועמען ער הייסט אדער די באנק פארשרייבט עס אויף זיין רעכענונג. פאראן אויך אנווייזונגען (פערעוואד, דרעפט), וועלכע דינען אנשטאט איבערשיקען גרייטע געלט. איינער אין פעטראגראד, למשל, דארף צאהלען אין מאסקווע אדער אין בערלין א בא־

וואוסטע סומע געלט. געהט ער אריין אין א פעטראָגראַדער באַנק און צאָהלט דאָרטען איין די געלט; דער באַנק גיט איהם ארויס אַן אָנווייזונג אויף א מאָסקווער אָדער בערלינער באַנק, דער בעל־חוב שיקט אוועק דעם אָנווייזונג קיין מאָסקווע אָדער בערלין, און יענער קומט מיט'ן אָנווייזונג אין באַנק און קריגט דאָרטען אויס־געצאָהלט די געלט.

אין דעם גרעסטען טייל באַנקען איז דער הויפט־קוואַל דעפּאָ־זיטס. פאַראַן אָבער אזעטיגע, וועלכע לאָזען ארויס באַנק־בילע־טען: אזעטיגע באַנקען טראָגען דעם נאָמען „עמיסיאָנע". א באַנק־בילעט איז א פאַרפליכטונג מצד דעם באַנק ביי דער ערשטער פאָדערונג אויסצוצאָהלען דעם מאַן, וואָס האָט דעם באַנק־בילעט, א באַשטימטע סומע געלט, פיעל עס שטעהט אָנגעשריבען אין דעם בילעט. געוועהנליך פאָדערט זיך ערלויבניס פון דער רעגירונג אויף ארויסצוגעבען באַנק־בילעטען. אויב דער באַנק איז א סאָלידער און האָט דעם צוטרוי פון אַלעמען, קויפען מענשען זיינע בילעטען, דער באַנק קריגט אריין גרויסע סומען געלט, מיט וועלכע ער פיהרט זיינע געשעפטען. אויב אזעלכע באַנק־בילעטען לאָזט ארויס די רעגירונג, רופט זיך עס פאַפּיר־געלט, אסיגנאַציעס. דער וואָס נעמט א באַנק־בילעט אָדער אַן אסיגנאַציע אָנשטאָט געלט אין גאָלד אָדער זילבער, מאַכט ער דעם באַנק אָדער די רעגירונג אַן הלואה אָהן פּראָצענט. אזעטיגע אָהן־פּראָצענטיגע הלוואות זיינען א גרויסער בענעפיט פאַר דער רעגירונג אָדער פאַר'ן באַנק, אָבער דער וואָס נעמט אזא באַנק־בילעט אָנשטאָט געלט פאַרלירט דערביי גאָרנישט, ווייל אַנדערע וועלען דאָס ביי איהם אויך נעמען אָנשטאָט געלט, ער קען זיי אפילו אריינטראָגען אין א באַנק און דער באַנק וועט צאָהלען פאַר זיי פּראָצענט ווי פאַר געלט פון גאָלד אָדער זילבער. פאַר דער צירקולאַציע פון געלט און האַנדעל, איבערהויפט ווען עס זיינען גרויסע סומען, זיינען אזעלכע בילעטען באַקוועמער איידער גאָלד און זילבער.

## וואָס הייסט „ניט קיין פאַרנאַנדערגעביטענע פּאַפּיער־געלט"?

— מענשען נעמען די באַנק־בילעטען אָנשטאָט געלט בלויז

דאן, ווען זיי זיינען זיכער, אז זיי קענען צו יעדער צייט קריגען פאר זיי גאלד. דארפען דעריבער די באנקען האבען אנגעגרייטע גאלד אום אויסצוקויפען זייערע בילעטען. געוועהנליך, טרעפט זעהר זעלטען מען זאל מיט אמאל ברייגגען אלע בילעטען און פאר־דערען פאר זיי גאלד, איז דעריבער גענוג פאר'ן באנק צו האבען קנאפער גאלד איידער עס באטרעפען א ל ע בילעטען, דאך א באשטימטען זאפאס גאלד מ ו ז ער האבען. רעגירונגס־בילע־טען, אסיגנאציעס מוזען אויך זיין פארזיכערט מיט גאלד, אויב ניט אויף דער גאנצער סומע, איז צום ווייניגסטען אויף א טייל פון איהר. אויב אבער די רעגירונג לאזט ארויס צופיעל פאפיער־געלט, האט דער זאפאס גאלד קיין ממשות ניט, מענשען פארלירען דעם צוטרוי צו דער רעגירונג, און דער פרייז פון פאפיר־געלט פאלט, דאן צווינגט די רעגירונג ביי זיך אין לאנד אננעמען די אסיגנא־ציעס פאר גוטע געלט אפילו ווען מען קען זיי ניט אויסבייטען אויף גאלד. אזעלכע אסיגנאציעס רופען זיך „ניט קיין פארנאנ־דערגעביטענע פאפיר־געלט". דאך אבוואהל מען איז געצוואונגען אננעמען זיי לויט זייער נאמינאלען ווערט, איז זייער פרייז דאך ני־דעריג און ניט קיין שטענדיגער. אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע האט די רעגירונג ארויסגעלאזען אזוי פיעל פאפיר־געלט, אז זייער קורס האט זיך פארקלענערט אין 100 מאל. אין רוסלאנד, אין דער צייט פון דעם סעוואסטאפאלען קריעג, איז דער קורס פון רוסישען פאפירענעם רובל געווען 23 קאפיקעס, ד. ה. ער האט זיך טאקע גערעכענט פאר א רובל, אבער פאר דעם דאזיגען רובל האט מען געקאנט איינקויפען אזוי פיעל זאכען ווי פריהער פאר 23 קאפיקעס.

### וועלכע זיינען די הויפט אקטיווע אפעראציעס פון קרע־דיט?

— ערשטענס, פארלייהט מען געלט אויף א משכון: לאנד, הייזער, סחורה, א. ד. ג. (א סאלידע פירמע קריגט געלט אפילו אהן א משכון — פערזענליכער קרעדיט) און צווייטענס, דיס־קאנטירט מען וועקסלען. איינער האט א וועקסעל, וועלכען מען דארף איינצאהלען אין א באשטימטער צייט, אבער דער מאן, וואס

באזיצט דעם וועקסעל, דארף האבען די געלט פריהער, טראגט ער אריין דעם וועקסעל אין באנק, און דער באנק צאהלט איהם אויס די געלט, אראפנעמענדיג פאר זיך דעם פראצענט פאר דער איבער־געבליבענער צייט און נאך א באשטימטע סומע דערצו פאר זיין פארמיטלונג און פאר זיין ריסק.

### ועמען גיבען די באנקען קרעדיט?

— פארשטעהט זיך, די יעניגע וועמען מען קען טרויען, ד. ה. די גרויסע קאפיטאליסטען. פאר קליינע סומען זיינען פאראן ספעציעלע באנקען: שפאר־קאסעס (סבערעגאטעלניע באנקי, סייווינגס ביינקס). דורך זיי געהען אריין אין די באנקען די קלענסטע אפגעשפארטע סומען אין לאנד, און די גאנצע געלט פאלט אריין אין די הענט פון די קאפיטאליסטען, וועלכע ווערען דורך דעם נאך רייכער. עס זיינען געמאכט געווארען פראבעס צו גרינדען שפאר־און־לייה־קאסעס פאר די ברייטע מאסען, פאר'ן בעל־מלאכה און ארימערען פויער, אבער זייער עקאנאמישע באדייטונג איז זעהר קליין אין פארגלייך מיט די באנקען פון גרויס־קאפיטאל. סוף כל סוף פראפיטירען פון דעם די הענדלער, וועלכע קויפען איין די פראדוקטען פון די בעלי־מלאכות. אין אלגעמיין, דער היינטיגער קרעדיט פארגרעסערט די מאכט פון די עקאנאמיש שטארקע קלאסען, אבער ניט פון די שוואכע.

## כ) אקציאנערע אונטערנעמונגען.

### וואס איז א אקציאנערע אונטערנעמונג?

— דאס איז נאך א מיטעל, ווי צונויפקלייבען אין איינצעלנע הענט נאך מעהר קאפיטאלען. דאס טוט זיך אויפ'ן פאלגענדען אופן. א גרופע קאפיטאליסטען, אדער גלאט מענשען מיט אן אונטערנעמונגס־גייסט ערקלערען, אז זיי גרינדען אן אונטערנעמונג אויף אקציעס (שערס), ד. ה. אויף אזעלכע קליינע חלקים, וועלכע זיינען צוגענגליך פאר יעדערען. זיי לאזען ארויס, למשל, 10 טויזענד אקציעס צו 100 דאלאר יעדערע. אויב די אונטערנעמונג האט שאנסען אויף ערפאלג, צוקויפען מענשען די אקציעס. אין די הענט פון די גרינדער קלייבט זיך אן ארום א מיליאן דא־

דאַר (קיין גאַנצען מיליאָן קענען זיי ניט אָנקלייבען, ווייל, ער־שטענס, בלייבט אַ טייל אַקציעס ביי די גרינדער אין די הענט, און צווייטענס, נעמען די באַנקען אַראָפּ אַ טייל געלט פאַר זיך פאַר זייער טרחה, וואָס זיי האָבען פאַרקויפט די אַקציעס), און מיט די געלט הויבען זיי אָן צו פיהרען זייער געשעפט. אַלע אַקציאָנערען קלייבען זיך צונויף און ערוועהלען אַ פאַרוואַלטונג (פּראַוולעניע, מענעדזשמענט), וועלכע דאַרף אָפּגעבען פון צייט צו צייט באַריכ־טען אַט דער פאַרזאַמלונג; די פאַרזאַמלונג קאָנטראָלירט אויך אַלע געשעפטען פון דער געזעלשאַפט. אָבער דער גרעסטער טייל אַק־ציאָנערען האָבען ווינציג אַקציעס, זיינען זיי דעריבער ניט פאַראינ־טערעסירט אזוי שטאַרק אין די געשעפטען פון דער געזעלשאַפט; זיי זיינען צוואָרפען איבער'ן גאַנצען לאַנד און עס לוינט זיך זיי ניט צו קומען צו די פאַרזאַמלונגען, בלייבט אַלזאָ אַלץ איבער אין די הענט פון עטליכע, פון די רייכערע, וועלכע קלייבען אויס די דירעקטאָרען, פאַרוואַלטער, אינזשענערען, א. ז. וו.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז די געשעפטען זיינען אַוועקגעגאַנ־גען גוט און מען האָט אין אַ יאָהר פאַרדינט 100 טויזענט דאָלאַר, מאַכט דאָס אויס צו 10 דאָלאַר אויף יעדער אַקציע, 10 דאָלאַר „די־ווידענד". אויב עס ווערט באַשלאָסען אַראָפּצונעמען אַ טייל פון דעם דיווידענד, פון דעם פאַרדינסט און אַריינלעגען אין דעם גע־שעפט כדי צו פאַרגרעסערען איהם, דאַן צאָהלט מען אויס יעדען אַקציאָנער ניט קיין 10 דאָלאַר, נאָר קנאַפּער, למשל, ניט מעהר פון אַכט.

## בלייבט דער פּרייז פון די אַקציעס שטענדיג איינער און דער זעלבער?

— ניין, ער בייט זיך לויט דעם ווי עס געהען די געשעפטען פון דער געזעלשאַפט. אין אונזער ביישפּיעל באַקומט יעדער אַק־ציאָנער 8 דאָלאַר אויף יעדער 100 דאָלאַרדיגער אַקציע. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין לאַנד איז דער געוועהנליכער פּראָצענט 4 דאָלאַר אויפ'ן 100, הייסט דאָס אַז די אַקציאָנערען באַקומען אזוי פיעל, וויפיעל אַן אַנדערער וואָלט באַקומען פון באַנק פאַר 200 דאָלאַר, וועט טאַקע דער אַקציאָנער ניט וועלען פאַרקויפען זיין

אקציע פאר 100 דאלאר און וועט פארלאנגען 200. פארקערט, אויב דער פארדינסט טראגט ניט מעהר ווי 2 דאלאר אויף אן אק־ציע, דאן וועט דער קורס פון אן אקציע פאלען ביז 50 דאלאר. אויף דעם קורס פון די אקציעס האבען א ווירקונג אויך די אויס־זיכטען און די האפנונגען, וועלכע מען האט אויף דער אונטערנע־מונג.

### בייט זיך דער פרייז בלויז פון אקציעס אליין אדער פון אלע ווערט־פאפירען?

— דאס איז די אייגענשאפט פון א ל ע ווערט־פאפירען. די רעגירונג נויטיגט זיך אין געלט, מאכט זי א הלואה אין לאנד: זי לאזט ארויס פאפירען, לאמיר זאגען, צו 100 דאלאר יעדערער און פארפליכטעט זיך צו צאהלען 4 פראצענט א יאהר (אזעלכע פא־פירען רופען זיך אבליגאציעס, באנדס). אויב די איינגאמע פון דער רעגירונג — טעקסעס און שטייערען — קומען אריין רעגעלמעסיג, און עס איז פאראן א האפנונג, אז די עקאנאמישע לאגע פון לאנד וועט זיך פארבעסערען, דאן וועט מען צאהלען פאר א באנד מעהר פון 100 דאלאר. טאקע מעהר פון 4 פראצענט וועט מען ניט קריי־גען אויף א באנד, אבער דערפאר איז דער חוב א געזיכערטער. פארקערט, אויב טעקסעס און שטייערען קומען ניט אריין רעגעל־מעסיג, עס שטעהט פאר א מלחמה, א בירגער־קריעג א. ד. ג., וועט דער פרייז פון די באנדס פאלען און וועט זיין נידעריגער פון 100. אלע ווערט־פאפירען האבען איין צוועק: זייער באזי־צער באקומט א טייל פונ׳ם אלגעמיינעם מעהר־ווערט אין לאנד. דעריבער, אויב דער טייל איז א געזיכערטער אדער ער העכערט זיך, וואקסט דער פרייז פון די ווערט־פאפירען, און אויב ניט — פאלט ער.

## ל) בירזשע און ספעקולאציע.

### וואס איז אזוינס די בירזשע (עקסטשענדזש)?

— דאס איז א פלאץ, וואוהין די קאפיטאליסטען קלייבען זיך צונויף, באשטימען פרייזען אויף אלערליי סארטען סחורות און טוען אפ די גרעסטע געשעפטען. אהינצו קומען אן ידיעות וועגען

דער פּראָדוקציע און וועגן דעם צושטאנד אויפ'ן מארק פון דער גאנצער וועלט.

## וועלכע געשעפטען געהען מעהרער אן אויף דער בירזשע?

— האנדעל, קויפען און פארקויפען אויף א באשטימטער צייט. א פאבריקאנט פון פאדים רעכענט אויס, אז אין דריי מאנאטען ארום וועט ער דארפען האבען א באשטימטע פארטיע באוועל. קויפען די באוועל איצטער איז איהם שווער — ער דארף קריגען געלט אויף דריי מאנאטען און צאהלען פּראָצענט, ער דארף אויך האבען שפייכלערס, וואו צו האלטען די באוועל די גאנצע צייט. געהט ער אוועק אויפ'ן בירזשע און קויפט ביי א סוחר, וואס באשעפטיגט זיך מיט ארויספיהרען באוועל פון אמעריקא, אזוי פיעל באוועל פיעל ער וועט שפּעטער דארפען. יענער, קען זיין, האט נאך איצטער ניט אזוי פיעל באוועל, אבער אזוי ווי ער האט דריי מאנאטען צייט אויף צוזשטעלען די באוועל, נעמט ער אן דעם פּאָדראד. אויף דעם אופן פארדינען זיי ביידע — סיי דער קויפער און סיי דער פארקויפער: זיי זיינען ניט מחויב אנצוגרייטען גרויסע זאפּאסען באוועל און ריזיקירען ניט מיט זייערע געלט.

## וואס רופט זיך „ספּעקולאציע" אדער „ספּעקולאטיווע געשעפטען" אויף דער בירזשע?

— דאס איז א סארט אזארטען שפּיעל, וועלכער איז געבויט אויף דעם, וואס די פּרייזען פון סחורות זיינען ניט שטענדיג אייגע און די זעלבע. דער פּרייז פון סחורה, ווי מיר ווייסען, ווערט באשטימט דורך דער ארבייטס־קראפט, וואס אין זיי ליגט. אבער אזוי ווי עס איז ניטא קיין באוואוסטזיניגע, פּלאנמעסיגע ארגאניזאציע, וועלכע זאל קענען אנהאלטען די פּרייזען שטענדיג אויף איינעם און דעמזעלבען הויך, בייטען זיי זיך און הויבען זיך אמאל אויף העכער פון זייער נארמאלען דורכשניטליכען ווערט, און אמאל פאלען זיי נידעריגער — דאס ווענדט זיך אן דעם אנבאט און נאכפראגע פון די פּראָדוקטען. קומט איינער און קויפט איין סחורה אין דער צייט ווען די פּרייזען ווייזען א טענדענץ צו הויבען זיך. גיט זיך איהם איין — פארדינט ער אין צווייען: אי ביים קויפען

די סחורה בשעת די פרייזען זיינען נאך נידעריג, אי שפעטער ביים פארקויפען, ווען די פרייזען שטעהען הויך. מאכט ער אבער א טעות אין רעכענונג, דאן פארלירט ער. א ספעקולאנט קויפט ביי אן אנדער ספעקולאנט א מיליאן בושעלס תבואה צו דאלאר א בושעל מיט'ן תנאי ער זאל איהם צושטעלען אין דריי מאנאטען ארום. אויב דער פרייז פון תבואה האט זיך אין די דריי מאנאטען אויפגעהויבען ביז א דאלאר און 10 סענט, פארדינט דער ערשטער ספעקולאנט 100 טויזענט דאלאר; און אויב דער פרייז פאלט ביז 90 סענט, פארדינט דער צווייטער ספעקולאנט 100 טויזענט דאלאר. דער ערשטער האט געשפיעלט אויף דער האפנונג, אז דער פרייז וועט זיך הויבען, דער צווייטער — אז דער פרייז וועט פאלען. דאס זעלבע קומט פאר מיט ווערט־פאפירען: מען קויפט זיי אויף א וואך צייט, איז אויב אין דער וואך הויבט זיך זייער פרייז — פארדינט מען, און אויב זייער פרייז פאלט — פארלירט מען.

## אין וואס באשטעהט די קענטשאפט פון דעם בירזשען־שפיעל?

— אין שטודירען דעם מארק, וויסען אלע זיינע אייגענשאפטען און אויסרעכענען די שפעטערדיגע פרייזען. אבער אזוי ווי עס זיינען קיינע גאראנטיעס ניטא און מען איז קיינמאל ניט זיכער, אז דער רעכענונג איז געמאכט געווארען ריכטיג, רופט מען ארויס קינסטליך א העכערונג פון די פרייזען אדער א פארקלענערונג. ווען מען וויל די פרייזען זאלען שטייגען, קויפט מען אויס אזוי פיעל סחורה, אז זי פעהלט שוין אויס אויפ'ן מארק, די נאכפראגע איז גרעסער פון אנבאט, און דער פרייז הויבט זיך. וויל מען די פרייזען זאלען פאלען, ווארפט מען ארויס אויפ'ן מארק אזוי פיעל סחורה וויפיעל עס איז נאר פאראן אויף די הענט — דער אנבאט שטייגט אריבער די נאכפראגע, און דער פרייז פון דער סחורה פאלט. ווען מען וויל עס זאל זיך הויבען דער פרייז פון וועלכע עס איז ווערט־פאפירען, לאזט מען ארויס א קלאנג אויף דער בירזשע און־אין דער פרעסע, אז די געשעפטען פון דער דאזיגער אונטערנעמונג זיינען גלענצענדע. די קלאנגען זיינען אפט־

מאָל פאַלשע, מען שטעלט אפילו צו פאַלשע באריכטען, און דער צוועק ווערט דערגרייכט. ווייל מען דער פרייז פון רעגירונגס־פאַפירען זאָל פאַלען, לאָזט מען ארויס קלאַנגען וועגען מלחמות, וועגען אומרוהען אין לאַנד; אויב עס איז נויטיג, קויפט מען אפילו אונטער אייניגע פאָליטישע טוער, וועלכע שאַפען בכיון אַן אינטערנאַציאָנאַלען פּלאָנטער, און דער פרייז פון די רעגירונגס־פאַפירען פאַלט. מיט אַזעלכע מיטלען געהען די בירזשעוויקעס שטענדיג אויף אַן אייזערנעם בריק, זיי קריגען אריין אין זייערע הענט מיליאָנען און מיליאָנען און רואינירען די ארבייטער מאַסען פון דער באַפעלקערונג. אין 1868 האָבען אויף דעם אופן צוויי אמעריקאַנער, הוד און פיסק, ארויסגערופען אין אמעריקע אַ קינסטליכען פינאַנציעלען קריזיס, וועלכער האָט אומגליקליך געמאַכט צעהנדליגע טויזענטער מענשען. פיסק'ן האָט מען גע'הרג'עט, און הוד איז געבליבען דער רייכסטער מאַן ניט בלויז אין אמעריקאַ, נאָר אויך אויף דער גאַנצער וועלט.

## מ) דער וואוקס פון קאַפיטאַל און זיין קאָנצענטראַציע.

### וואָס הייסט „קאַפיטאַליסטישע אָנזאַמלונג"?

— דאָס מיינט, מען פאַרגרעסערט דעם אינדוסטריעלען קאַפיטאַל מיט דעם, וואָס מען גיט צו איהם צו אַ טייל פונ'ם מעהרווערט. ווען דער קאַפיטאַליסט פאַרנוצט אויף זיך דעם גאַנצען ריוח, איז קיין שום אָנזאַמלונג ניטאָ; אויב ביי איהם בלייבט יע איבער אַ טייל, אָבער ער ריהרט דאָס ניט אָן און עס בלייבט ליגען אומבאַוועגליך, קלייבט ער בלויז אָן אוצרות און ניט מעהר; לעגט ער עס אָבער אריין אין געשעפט, קויפט פאַר דעם מאַטעריאַל, געצייג, ארבייטס־קראַפט און פאַרגרעסערט זיין אונטערנעמונג און די עקספּלואַטאַציע, דאַן הייסט דאָס „קאַפּיטאַליסטישע אָנזאַמלונג" אין אמת'ן זינען פון וואָרט. אין די פאָרטגעשריטענע לענדער, ווי אמעריקאַ, ענגלאַנד און דייטשלאַנד, ווערט אויף דעם אופן פאַרגרעסערט דאָס פאָלקס־רייכטום אויף טויזענטער מיליאָנען אַ יאָהר.

## וואָס מיינט „קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאל״?

— דאָס הייסט, די באַזונדערע קאַפּיטאַלען קלייבען זיך צו־נויף אין א קלענערער צאָהל הענט, אזוי, אז דער צאָהל פון באַזונדע־רע קאַפּיטאַלען ווערט קלענער, אָבער דערפאר וואַקסט אויס די גרויס פון יעדערען באַזונדער. דאָס קומט פאר דורך קאָנקורענציע, קרעדיט, אקציאָנערע קאָמפּאַניעס און סינדיקאַטען. די קאָנקורענציע ברעכט אונטער די עקזיסטענץ פון די קלענערע, שוואַכערע אונטערנעמונ־גען. די אַלע פּראָדוקציאָנס מיטלען פון די צושטערטע אונטערנע־מונגען געהען פארלאָרען, אָדער די רייכערע קאָנקורענטען, די זיעגער, קויפען זיי אָפּ פאר א ביליגען פּרייז. פיעלע פון אָט די זיעגער ווערען דערנאָך אליין באַזיעגט פון אנדערע, א. א. וו. דער רעזולטאַט פון דעם איז, אז דער צאָהל אונטערנעמונגען ווערט קלע־נער. די באַנקען גיבען קרעדיט די רייכערע און אויף דעם אופן העלפען זיי דעם דאָזיגען פּראָצעס. די אקציאָנערע קאָמפּאַניעס זאַמלען צונויף אין א פּרידליכען וועג גרויסע קאַפּיטאַלען. קיינער ווערט טאַקע ניט אָרימער דערפון, אָבער ווען עס קומט א קריזיס, און די אקציאָנערע אונטערנעמונג פּלאַצט, ווערען רואינירט אַלע, וועלכע האָבען אריינגעלעגט אין דער אונטערנעמונג זייערע קליינע קאַפּיטאַלען.

## וואָס פאר א שנוי קומט פאָר אין דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע דורך דעם וואָס דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך אין אַ קלענערען צאָהל הענט?

— די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַן א ו מ אָ ר־ג א נ י ז י ר ט ע ג א נ צ ע, וועלכע באַשטעהט פון אָ ר ג א־נ י ז י ר ט ע ח ל ק י ם. יעדע אונטערנעמונג באַזונדער איז באַוואוסטזיניג און פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירט, עס איז אָבער ניטאָ קיין באַוואוסטזיניגער און פּלאַנמעסיגער פאַרבאַנד צווישען די אונטערנעמונגען. וואָס מעהרער דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך, אַלץ קלענער ווערט דער צאָהל פון די ב א ז ו נ ד ע ר ע אָר־גאַניזירטע חלקים, ד. ה. די געזעלשאַפט דערנעהנטערט זיך צו אַ פאַראייניגטער אָרגאַניזאַציע. פאַרשטעהט זיך, ווי שטאַרק די קאָנצענטראַציע זאָל ניט זיין, בלייבען נאָך אַלץ ע ט ל י כ ע

חלקים ניט פאראייניגטע צווישען זיך, און די וואס זיינען שוין פאר־איייניגט, האבען אין זינען זייערע אייגענע נוצען און ניט די אינ־טערעסען פון דער געזעלשאפט אלס א גאנצע. אבער פון דעם געווינט די געזעלשאפטליכע עקאנאמיע — עס ווערט פראדוצירט מעהר פראדוקטען מיט קלענערע קאסטען, עס ווערט געלעגט דער פונדאמענט פאר אן ארגאניזירטער געזעלשאפט, עס ווערט באשאפען אין די מוחות פון מענשען דער באוואוסטזיין, אז אזא ארגאני־זירטע געזעלשאפט איז מעגליך און נוצליך און מענשען געוואוינען זיך צו אנצופיהרען און צו פארוואלטען אזא געזעלשאפט.

## ג) אינדוסטריעלע קריזיסען.

### וואס מיינט א „קריזיס" אין עקאנאמישען לעבען?

— דאס מיינט, עס קומט פאר א צוטרייסלונג, וואס צושטערט דעם גאנצען נארמאלען גאנג פון לעבען. פאראן קריזיסען לא־קאלע און אלגעמיינע. אין די 60־סטע יאהרען פון פאריגען יאהר־הונדערט, ווען אין אמעריקא איז פארגעקומען דער בירגער־קריעג צווישען די שטאאטען פון צפון און דרום, האט מען פון אמע־ריקא ניט געקאנט ארויספיהרען קיין וואטע, וועלכע ענגלאנד דארף האבען פאר איהרע שפין־און־וועב־פאבריקען. די ענגלישע טעקס־טיל פאבריקען האבען זיך אפגעשטעלט, די ארבייטער זיינען אומ־געגאנגען לעדיג, האבען ניט פארדיענט און ניט געקאנט קויפען די נויטיגע פאר זיי פראדוקטען, האבען זיך אנדערע פאבריקען אויך צוגעמאכט און זייערע ארבייטער זיינען ארויסגעווארפען גע־ווארען אויפ'ן גאס — אזוי איז באשאפען געווארען א קריזיס אין ענגלאנד. אין רוסלאנד פלעגען פון צייט צו צייט אנקומען קרי־זיסען צוליעב די אומגעראטענקייט אויף די פעלדער. פאראן אבער אלגעמיינע קריזיסען, וועלכע כאפען ארום די גאנצע קאפיטאליס־טישע וועלט. דאס האט פאסירט אין 1825—1826, דערנאך אין 1836—1837, 1847—1848, אין 1857 און אין 1873, וועלכער איז געוועזען דער שטארקסטער פון אלע פריהערדיגע. אין 1899 איז געווען אן אלגעמיינער קריזיס פאר גאנץ איירפא, און אין 1907— פאר גאנץ אמעריקא.

## וואס איז די אורזאכע פון די אלגעמיינע קריזיסען?

— די איבער־פראדוקציע פון סחורות. אין דעם קאפיטאליס־טישען ארדנונג איז א י ב ע ר ־ פ ר א ד ו ק צ י ע מיינט נים, אז דער פראדוקט געפינט זיך אין אזא גרויסען צאהל, אז די גע־זעלשאפט קען איהם נים פ א ר ב ר ו י כ ע ן, דאס מיינט בלויז, אז די געזעלשאפט איז נים אימשטאנד צו ק ו י פ ע ן. דעריבער זיינען אין דעם קאפיטאליסטישען ארדנונג מעגליך אזע־טיגע ערשיינונגען, אז מיליאנען מענשען שטארבען פון הונגער, און אין דערזעלבער צייט ברעכען זיך די שפייכלער פון תבואה, וועלכע ליגט דארטען און פוילט. דער קאפיטאליזם באשאפט פון צייט צו צייט אזא איבער־פראדוקציע פון אלע אדער כמעט אלע סחורות; די פרייזען פאלען, אבער קיין קויפער זיינען ניטא; אייניגע אונטערנעמונגען געהען געבראכען איננאנצען, די אנדע־רע פארקלענערען די ארבייט, און די רעזערוו־ארמעע וואקסט אויס אונגעהויער גרויס.

## ווי ווערט באשאפען און ענטוויקעלט זיך די איבער־פראדוקציע?

— אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט קומט פאר א שטענדיגע קאנקורענציע, יעדערער זוכט צו פארגרעסערען זיין אונ־טערנעמונג, כדי צו האבען מעהר פראפיטען און כדי אויסהאבען די קאנקורענטען אדער איינהאלטען זיך די קאנקורענטען זאלען איהם נים אויסהאבען. די פראדוקציע פון סחורות וואקסט, עס וואקסט אויך דער אנבאט, אבער די נאכפראגע אויף די סחורות וואקסט נים אזוי שנעל, ווערט ממילא אן איבער־פראדוקציע. לאמיר זיך פארשטעלען, אז אין א וועלכער עס איז צווייג פון דער אינדוסטריע האט מען איינגעפיהרט נייע מאשינען, און די פרא־דוקציע האט זיך אין דעם משך פון א באשטימטער צייט פארדאָ־פעלט. כדי דער עקאנאמישער לעבען זאל געהן נארמאל, איז נוי־טיג אז די נאכפראגע אויף דער סחורה זאל זיך אויך פארדאפלען. די הויפט־קויפער זיינען די ארבייטער, די פויערים און די קליינע שטאדטישע בעלי־מלאכות, הייסט דאס, עס איז נויטיג, אז זייער ג ע ב ר ו י ך זאל זיך אויך פארדאפלען. אבער מיט דער ענט־

וויקלונג פון דער טעכניק, ווערען די בעלי־מלאכות און די פּויערים רואינירט און די אַרבייטער ווערען אין גרויסע מאַסען אַרויסגע־וואָרפען אויפ'ן גאַס אין די רייהען פון דער רעזערוו־אַרמעע. אַלזאָ, קומט אויס, אַז דער צאָהל פּראָדוקטען האָט זיך פאַרדאָפּעלט, אָבער דער צאָהל קויפער האָט זיך ניט פאַרדאָפּעלט. עס זיינען טאַקע פאַראַן גענוג מענשען, וועלכע זאָלען קענען פ א ר נ ו צ ע ן די פּראָדוקטען, זיי האָבען אָבער קיין מיטלען ניט צו ק ו י פ ע ן די דאָזיגע פּראָדוקטען. די נאָכפראַגע קען ניט אָניאָגען דעם אָנ־באָט, פאַלען די פּרייזען, עס שטעלט זיך אָפּ די אַרבייט און עס קומט אָן אַ קריזיס.

## קומט אָן דער קריזיס פּלוצלונג, מיט אַמאָל, אָדער ביס־לעכווייז?

— אָנקומען קומט ער אָן מיט אַמאָל, אָבער ער גרייט זיך צו ביסלעכווייז. דאָס קומט אַרויס פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם איז זעהר קאָמפּליצירט. דער פאַבריקאַנט זעהט ניט פאַר זיך דעם געברויכער, ער האָט צו טאָן בלויז מיט דעם אַגולניק, מיט'ן האָלסיילער, יענער ווייס בלויז דעם קליינעם קרעמער, און בלויז דער לעצטער קומט אין באַריהרונג מיט'ן קאָנ־סומער. די נאָכפראַגע, האָבען מיר געזאָגט, קען ניט אָניאָגען דעם אָנבאָט, דאָס הייסט, אין אונזער ביישפּיעל, אַז דער צאָהל קויפער האָט זיך ניט פאַרגרעסערט אין צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי דער צאָהל פון סחורות. אָבער דער קרעמער באַמערקט עס ניט באַלד, עס דאַרף דורכגעהן אַ לאַנגע צייט ביז וואַנען ער באַמערקט, אַז זיין סחורה בלייבט ביי איהם כסדר אויס — זי פאַרקויפט זיך ניט אין גאַנצען. ער הויבט אָן ביסלעכווייז איינצוקויפען ווינ־ציגער ווי פריהער. אויפהערען אין גאַנצען צו קויפען קען ער ניט — ער מוז דאָך באַנייען, אָפּפרישען זיין סטאַק, אויב ניט וועט ער פאַרלירען זיינע קונים; קויפען פיעל פריהער קען ער אויך ניט, ווייל ער קען ניט אויספאַרקויפען אין גאַנצען, די סחורה בלייבט ביי איהם ליגען ניט קיין פאַרקויפטע. אַלזאָ, קויפט ער צו פרישע סחורה, אָבער ווינציגער איידער פריהער, דער האָלסיילער באַ־מערקט דאָס אויך ניט באַלד, עס נעמט אַ לאַנגע צייט ביז וואַנען

ער זעהט עס איין און הויבט אן צו פארקלענערן זיינע ארדערס אויף דער פאבריק. דאס זעלבע קומט אויך פאר מיט'ן פאבריקאנט. צוזאמען נעמט עס א גאנץ לאנגע צייט, אין דער צייט איז די פאבריק אנגעגאנגען מיט איהר ארבייט ווי פריהער, עס איז געווען א איבער־פראדוקציע די גאנצע צייט, קיינער האט זי אבער ניט געזעהן, זי איז געווען א באהאלטענע קרענק, און ווען די וואונד ווערט אן אפענע, אז אלע קענען איהר זעהן, איז שוין שפעט, און זי פלאצט ארויס מיט אמאל. פירמעס באנקראטירען, פאבריקען מאכען זיך צו, די ארבייט שטעלט זיך אפ, און פאר די ארבייטער קומען אן שווערע צייטען. די צייט לויפט, א טייל פון די זאפאסען געהט זיך ביסלעכווייז פאנאנדער, א טייל ווערט צו־פוילט און מען ווארפט עס ארויס, דאן הויבט זיך אן א נייע אויפ־לעבונג: די פאבריקען עפענען זיך, דער צאהל ארבייטסלאזע ווערט קלענער, עס פארגרעסערט זיך די נאכפראגע, עס ענטוויקעלט זיך נאך שטארקער די טעכניק, עס געהט אוועק א סדרה פעטע יאהרען ביז... ביז וואנען סוף כל סוף קומט אן א נייער קריזיס, נאך א שטארקערער און שרעקליכערער ווי דער פריהערדיגער. און אזוי געהט עס אן כסדר, ווייל אין דער קאפיטאליסטישער וועלט קען אנדערש ניט זיין: דארטען וואו מענשען קענען אנדערש ניט קריגען א וועלכען עס איז פראדוקט סיידען זיי זאלען איהם קויפען, געפינען זיך פון צייט צו צייט מיליאנען מענשען, וועלכע האבען ניט געגוג מיטלען. דאס איז איינער פון די ווידערשפרוכען, וועלכע וואקסען נויטווענדיגערווייזע אויס אין דעם קאפיטאליסטישען ארדנונג.

## ס) סינדיקאטען.

**וועלכע סבות בריינגען צו דעם, עס זאלען זיך גרינדען סינדיקאטען?**

— די קאנקורענציע רואינירט ניט בלויז די קליינע און מיטעלע אונטערנעמער, נאר אויך די גרויסע. איינער וויל דעם צווייטען ארויסשטויסען פון מארק, הויבט זיך אן א קאמף אויף לעבען און טויט, מען שניידט די פרייזען פיעל נאר מען קען, ביז וואנען איינער געהט אינגאנצען געבראכען, אבער דעם זיעגער נעמט אויך

א לאנגע צייט ביז וואנען ער קומט צו זיך. אלזא, פארלירען זיי דערוויילע ביידע, און קיינער איז דערביי ניט זיכער, אז עס וועט זיך באלד ווידער ניט אנהויבען אזא קאמף מיט נאך א שטארקע־רען געגנער. די קריזיסען רואינירען אפילו די גרויסע אונטער־נעמונגען, און עס איז די זעלבע אומזיכערהייט, קיינער ווייס ניט ווען וועט זיך אנהויבען א נייער קריזיס, ווי גרויס ער וועט זיין און וועלכע רעזולטאטען ער וועט מיט זיך ברייגנען. דאס אלע האט געבראכט צו דעם, אז די אונטערנעמער זאלען זיך פאראיי־ניגען אין סינדיקאטען. אין אייראפא האבען זיך אנגעהויבען גרינדען סינדיקאטען נאכ'ן קריזיס פון 1873.

## אין וואס באשטעהט די סינדיקאטען־ארגאניזאציע?

— כדי עס זאל ניט זיין קיין קאנקורענציע צווישען די אונ־טערנעמונגען, עס זאלען ניט פאלען די פרייזען און עס זאל ניט זיין קיין איבער־פראדוקציע, מאכען אלע אונטערנעמונגען צווישען זיך איין פארבאנד און 1) צוטיילען זיי צווישען זיך דעם מארק — יעדערער האט נאר איין טייל, וואו עס איז דעריבער ניטא קיין קאנקורענציע; 2) באשטימען זיי פאר יעדער פירמע א נארמע, ביז וואנען זי קען פארגרעסערען איהר פראדוקציע, און פארמיי־דען אויף דעם אופן די איבער־פראדוקציע; 3) באשטימט מען פרייזען, נידעריגער פון וועלכע קיין מיטגליעד פון סינדיקאט טאר ניט פארקויפען זיין וואארע. ווייטער מאכט מען אלגעמיינע מא־גאזינען, וואו אפצולעגען די אויסגעארבייטע סחורה, אלגעמיינע אנגענטורען פאר אינפארמאציע א. א. וו. אויף דער שטופע געפינט זיך דער גרעסטער טייל אייראפעאישע סינדיקאטען. פאראן סינ־דיקאטען לאקאלע און נאציאנאלע, פאראן צעהנדליגע און הונ־דערטע אינטערנאציאנאלע.

די סינדיקאטען באשטעהען פון א פארבאנד פון באזונדערע אונטערנעמער, און אלם אזעלכע, ד. ה., אלם באזונדערע, זוכט יעדערער זיין אייגענעם אינטערעס, און מען איז קיינמאל ניט זיכער אז אונטער געוויסע אומשטענדען זאלען זיי ביישטעהן ביי דעם נסיון און ניט אנהויבען צו קאנקורירען צווישען זיך. האט זיך אין אמעריקע דעריבער ענטוויקעלט א העכערע פארמע פון קאפי־

טאַליסטישער פאראייניגונג — דאָס זיינען טראָסטען. די אונ־טערנעמונגען, וועלכע האָבען זיך פאראייניגט אין א טראָסט, הערען אויף צו עקזיסטירען אלס באזונדערע, זעלבסטשטענדיגע אונטערנעמונגען. זיי ווערען אלע צוזאמען איין אונטער־נעמונג, און יעדערע פון זיי האָט אין דער אלגעמיינער אונטערנע־מונג א באשטימטען צאָהל אקציעס (שערס), און דער פּראָפיט פון דער אלגעמיינער אונטערנעמונג טיילט זיך לויט דעם צאָהל שערס, וואָס יעדע איינציגע אונטערנעמונג האָט דאָרטען. צוליעב עקאָ־נאָמיע, מאכט דער טראָסט, געוועהנליך, צו א טייל פון די פרי־הערדיגע פאבריקען און לאָזט איבער בלויז די גרעסערע, אבער דער־פאר פיהרט ער אויף זיי איין די בעסטע מאשינען, זייער פּראָדוק־טיוויטעט פארגרעסערט זיך און אָט דער קלענערער צאָהל פאברי־קען ארבייטען אוים אזוי פיעל פּראָדוקטען, וויפיעל פריהער האָבען אויסגעארבייט אלע צוזאמען, און גאנץ אָפט נאָך מעהר. אזוי האָט דער בראָנפען טראָסט אין אמעריקא פאראייניגט 80 זאוואָ־דען, האָט 68 צוגעמאכט, אבער די איבעריגע 12 פלעגען ארוים־געבען מעהרער בראנפען איידער פריהער אלע 80 צוזאמען. דער נאַפט־טראָסט (אויל־טראָסט) האָט פאראייניגט איבער 400 באזונ־דערע אונטערנעמונגען, און זיין אָנפיהרער, ראקאפעלער, האָט זיך געמאכט אן אייגענם פון 2 טויזענט מיליאָן רובל מיט אן איינ־נאהמע פון 100 מיליאָן א יאָהר, דאָס מאכט אוים ארום 274 טוי־זענט א טאָג אָדער כמעט 190 יעדע מינוט. דער שטאָהל־טראָסט האָט פאראייניגט העכער פון 800 אונטערנעמונגען, ביי איהם זיי־נען באשעפטיגט העכער פון 200 טויזענט ארבייטער און ער אר־בייט אוים א העלפט פון דעם טשוהון און מעהר איידער א העלפט פון דעם שטאָהל און פון די רעלסען אין די פאראייניגטע שטאאטען.

## וואָס פאר א באדייטונג אין עקאָנאָמישען לעבען האָ־בען די טראָסטען און די סינדיקאַטען?

— זיי פארהיטען פון קליינע און לאָקאלע קריזיסען, זיי העל־פען די קאפּיטאליסטען גרינגער איבערצוטראָגען אלגעמיינע קריי־זיסען, אבער זיי אָרגאניזירען ניט דעם גאנצען אלוועלטליכען קאַ־פּיטאל, נאָר איניגע טיילען און צווייגען, קענען זיי דעריבער ניט

פאַרמיידען די אַלוועלטליכע איבער־פּראָדוקציע. מיט דער ענטוויק־לונג פון דער טעכניק, ווייסען מיר שוין, וואַקסט דער אָנבאָט פון סחורות שנעלער איידער די נאָכפראַגע אויף זיי, און די סינדיקאַטען מיט די טראָסטען, מאַכענדיג די ארבייט מעהר פּראָדוקטיוו, פאַר־קלענערען דעם צאָהל באַשעפטיגטע ארבייטער און די נאָכפראַגע ווערט נאָך מעהר פאַרשמעלערט. די לאַגע פון די ארבייטער ווערט ערגער, זייער קאַמף מיט די שטאַרקע סינדיקאַטען און טראָסטען ווערט שווערער, און דאָס טרייבט די ארבייטער זיי זאָלען זיך נאָך שטאַרקער אָרגאַניזירען און ענערגישער פאַרטיידיגען זייערע אינטערעסען.

## ע) די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג.

**אויף וועלכע עקאָנאָמישע יסודות איז געגרינדעט די היינטיגע, קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג?**

— דער עקאָנאָמישער לעבען איז אין דעם קאַפּיטאַליסטישען אָרדנונג ניט אָרגאַניזירט. דער אינהאַלט פון קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם איז אויסטויש פון סחורה, קאָנקורענציע, קלאַסען־קאַמף, פולע אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, וואו איינער ווייסט ניט פון דעם צווייטען, און די צוזאַמענשטויסונגען פון אינטערעסען. און דאָרטען, וואו עס איז שטענדיגע אַנאַרכיע, קאָנקורענציע און קאַמף, קענען אַלע ווילע אויסברעכען אומרוהען, איינער טוט שאַדען דעם צווייטען, וויל דערפאַר דער צווייטער שעדיגען דעם ערשטען, דער נאָרמאַלער גאַנג פון לעבען איז אַ צושטערטער. אַזאַ געזעלשאַפט קען ניט עקזיסטירען, עס מוז זיין אַ וועלכער עס איז כח, וואָס זאָל איינהאַלטען די ליידענשאַפטען, איינצוימען זיי און האַלטען אין באַשטימטע גרענעצען. דאָס איז די פונקציע, די אויפגאַבע פון דער רעגירונג.

**אויף וועלכע כוחות איז געבויט די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג?**

— כדי קאָנקורענציע, קאַמף, אַנאַרכיע זאָלען זיך ניט פאַר־שפּרייטען זעהר שטאַרק, זאָלען ניט זיין קיין געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפט, דאַרף מען זיי אריינגעמען אין באַשטימטע גרענעצען,

פון וועלכע זיי זאָלען ניט קענען ארויסגעהן, און דאָס קען געטאָן ווערען דורך צוואנג, און די רעגירונג איז דעריבער א צוואנג־אָרגאניזאציע. פאראן געזעצען, וועלכע צווינגען מענשען צו האנדלען אזוי און ניט אַנדערש; פאראן די אדמיניסטראַטיווע מאכט, וועלכע נויט צו פאָלגען די אָנגענומענע געזעצען; פאראן א געריכט, וועלכער לעזט אָלע צוזאמענשטויסונגען, וואָס קומען פאָר צווישען מענשען, און באַשטראָפט די וואָס פאָלגען איהם ניט; פאראן אן ארמעע, וועלכע דערשטיקט מיט געוואלד יעדען ווידערשטאנד. אָט דער צוואנג רעכענט זיך אלס דאָס רעכט פון די און די איינריכטונגען, אָדער פון די און די פערזאָנען. אויף דעם אופן איז די היינטיגע רעגירונג א צוואנג־רעכטליכע אָרגאניזאציע.

**אויף וועלכע געזעלשאפטליכע כוחות שטיצט זיך די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג און ווער שטעהט אָן דער שפּיצע פון איהר פארוואלטונג?**

— דאָס זיינען די הערשענדע קלאסען אין דער געזעלשאפט, ד. ה. די אייגענטימער פון לאנד און פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אין אלגעמיין די קאַפּיטאַליסטען. די רעגירונג דארף באשיצען יעדערענס אינטערעסען אין לאנד, און אזוי ווי די קאַפּיטאַליסטען באהערשען דעם עקאָנאָמישען לעבען, זיינען זייערע אינטערעסען די דאָמינירענדע, באשיצט אלזאָ די רעגירונג הויפּטזעכליך די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען, און דעריבער פארוואלטעט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס מיט דער רעגירונג. זיי הערשען עקאָנאָמיש — הערשען זיי אויך פּאָליטיש און רופען זיך דעריבער „הערשענדע קלאסען”.

**הייסט דאָס, אַז די רעגירונג קען ניט ברייגגען קיין שום נוצען די נידעריגערע קלאסען און איגנאָרירט זייערע פאָדערונגען?**

— ניין, די אינטערעסען פון די רעגירענדע קלאסען פאָדערען פיעלע מאָל מען זאָל מאכען הנחות דעם ארבייטער קלאַס און דעם פּויערטום, זיי נעמען אפילו אליין אָן מיטלען — אבוואָהל זעהר זעלטען — וועלכע ברייגגען נוצען די נידעריגע קלאסען. אלערליי

חלאת'ן, עפידעמיעס, מגפות, פארקלענערען דעם צאָהל ארבייטער, אין וועלכע דער קאפיטאל נויטיגט זיך, און דעם צאָהל סאָלדאטען, וועלכע די רעגירונג דארף האָבען. אויסער דעם קען יעדע עפידעמיע איבערגעהן פון די נידעריגע קלאסען צו די העכערע, נעמט דעריבער די רעגירונג אָן סאניטארע מיטלען און אָרגאניזירט מעדיצינישע הילף פאר די אָרימערע קלאסען. אָדער עס קומען פאָר ארבייטער-אומרוהען. דער קאפיטאל וויל ניט נאָכגעבען. אָבער די רעגירונג, וועלכע האָט אין זינען ניט די אינטערעסען פון דעם איינצעלנעם קאפיטאליסט, נאָר פון דער גאנצער אינדוסטריע, געפינט אויס, אז די אָפטע סטרייקס, דעמאָנסטראציעס א. ד. ג. ברייננען דער אינדוסטריע מעהר שאדען איידער ווען מען זאָל נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די ארבייטער, דאן פיהרט זי דורך א נינסטיגען פאר די ארבייטער געזעץ און צווינגט די קאפיטאליסטען נאָכצוגעבען די ארבייטער־פאָדערונגען. אלזאָ, טרעפט טאקע מאנכעס מאָל, אז די רעגירונג טוט עטוואס אזוינס, וואָס עס איז א טובה פאר די ארבייטער. אָבער אזוי ווי זי טוט דאָס ניט צוליעב דער טובה פון די ארבייטער, נאָר צוליעב די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען, ווערען דעריבער די אָנגענומענע מיטלען ניט דורכגעפיהרט אין א פולער מאָס, זיי ווערען דורכגעפיהרט בלויז אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס איז נויטיג פאר די אינטערעסען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס, און ווען עס איז נאָר פאראן א מעגליכקייט דערשטיקען מיט געוואלד די פאָדערונגען פון דעם ארבייטער־קלאס אָדער אָפנעמען צוריק די געגעבענע הנחות, זאָגט זיך די רעגירונג קיינמאָל ניט אָפ פון דעם. אזוי האָט פאסירט אין רוסלאנד נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905.

און אין דעם הינזיכט איז ניטאָ קיין וועזענטליכער אונטערשיעד צווישען א מאָנארכישער אָדער א רעפובליקאנישער רעגירונג: אלע זיינען זיי אָרגאניזאציעס פאר דער הערשאפט פון קאפיטאל און שטעהען פאר זיינע אינטערעסען. אָבער אין דער פראקטיק איז פאראן א גאנץ גרויסער אונטערשיעד צווישען זיי: אין א רעפובליק, איבערהויפט ווען זי איז א דעמאָקראטישע, וואו עס איז פאראן אלגעמיינע שטים־רעכט, איז פאר די ארבייטער קלאסען גרינגער אויסצודריקען און קלאָר מאכען זייער פארלאנג און זיי

קענען קריגען וועלכע עס איז הנחות מיט ווינציגער שוועריגקייטען. דאָרט וואו דער קאַפּיטאַליזם איז מעהר ענטוויקעלט, שטעהט די טעכניק העכער, און פאַר א העכערער טעכניק מוז מען האָבען אינ־טעליגענטערע ארבייטער, און א אינטעליגענטער ארבייטער פאָדערט פאַר זיך מעהר בירגערליכע רעכט און פּאָליטישע פרייהייט — ער פּאָדערט און באקומט עס פריהער אָדער שפּעטער. דעריבער געהט די דעמאָקראַטיזירונג פון דער רעגירונג האַנט אין האַנט מיט דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.

## פּ) שטייערען און הלואות.

**פון וואנען נעמט די רעגירונג די נויטיגע מיטלען אום דורכצופיהרען איהרע אויפגאַבען?**

— זי באַקומט זיי פון דער באַפעלקערונג אין דער פאָרמע פון שטייערען.

**וועלכע סאָרטען שטייערען זיינען פאַראַן?**

— דירעקטע און אינדירעקטע. די דירעקטע שטייערען צאָה־לען איין די יעניגע אויף וועמען זיי זיינען ארויפגעלעגט געוואָרען. צום ביישפּיעל, דעם איינקונפטס־אַפּצאָהל (פּאָדאָכאָדני נאַלאָג, אינ־קאָם טעקס) מאָנט איין די רעגירונג פון דער פּערזאָן אָדער פון דער אונטערנעמונג, וועלכע האָבען אַן אינקאָם — אַזאַ און אַזאַ פּראָצענט פון דעם אינקאָם; אייגענטום טעקס — אַזאַ און אַזאַ פּראָצענט פון דאָס אייגענטום, וואָס די פּערזאָן אָדער די אונ־טערנעמונג באַזיצט; פון דירות — דער מאַן וואָס האַלט אַן א דירה פאַר אַזא און אַזאַ הויכען פּרייז דאַרף צאָהלען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל שטייערען — דאָס זיינען אַלץ דירעקטע שטייערען. אינדירעקטע מיינט שטייערען אויף די פּראָדוקטען, אויף די סחורה, ווי אַקציז אויף בראַנפען, אויף טאַבאַק, אויף שוועבעלאך, קעראָ־סין א. א. וו. אָדער די טאַריף־אָפּצאָהלונגען ביים גרענעץ ווען מען פיהרט אריין סחורה פון אַן אַנדער לאַנד. דעם אַקציז צאָהלט איין דער פאַבריקאַנט, די פּאָשלינע צאָהלט איין דער וואָס פיהרט

אריין די סחורה פון אויסלאנד, אבער דערנאך איז סיי דער פאב־ריקאנט, סיי דער סוחר ציהען ארויף דעם פרייז פון די סחורות, ד. ה. זיי „לעגען איבער" דעם אקציז און די פאשלינע אויף דעם קאנסומער, און ער באמערקט עס אפילו ניט, איהם דוכט זיך, אז דער קרעמער האט פשוט געהעכערט דעם פרייז און רייסט פון איהם א פאס. און דער פרייז העכערט זיך ניט בלויז אויף אזוי פיעל, וויפיעל עס מאכט אויס דער אקציז אדער די פאשלינע — דער פאבריקאנט אדער דער סוחר רעכענען נאך ארויף פראצענט פאר דעם אקציז אדער די פאשלינע וואס זיי האבען איינגעצאהלט.

עס איז קלאר, אז אינדירעקטע שטייערען אויף די פראדוק־טען פון מאסען־געברויך העכערען די הוצאה אויף לעבענס־מיטלען.

## וועלכע שטייערען רופען זיך „פראגרעסיווע" און וועל־כע — „רעגרעסיווע"?

— די שטייערען, וועלכע פאלען בלויז אויף די רייכע, און וואס רייכער איינער איז, אלץ מעהרער דארף ער צאהלען, זיינען פראג־רעסיווע, און די, וואס פאלען מיט זייער גאנצער משא אויף די ארימע, רופען זיך רעגרעסיווע. אינדירעקטע שטייערען אויף די געוועהנליכע געברויכס־מיטלען זיינען שטענדיג רעגרעסיווע. למשל, מען האט געמאכט אקציז אויף זאלץ, שוועבעלאך, סיטעץ. סיי דער רייכער פאבריקאנט, סיי דער ארימער ארבייטער צאהלען דעמ־זעלבען הויכען פרייז, אבער דער פאבריקאנט, וואס איז 100 אדער טויזענט מאל אזוי רייך ווי דער ארבייטער, עסט דאך ניט אויף 100 אדער טויזענט מאל אזוי פיעל זאלץ, ווי דער ארבייטער. אלזא, איינגאהמע האט ער 100 אדער טויזענט מאל אזוי פיעל וויפיעל דער ארימער, אבער די הוצאה אויף די נויטיגע לעבענס־מיטלען איז ביי איהם די זעלבע ווי ביי דעם ארימען — דאס זיי־נען רעגרעסיווע שטייערען.

אויב די אינדירעקטע שטייערען זיינען ניט אויף די אל־געמיינע לעבענס־מיטלען, נאר אויף זאכען פון ראסקאש, פון לוק־סוס, ווי טייערע וויינען, זיידענס, אויטאמאבילען גאלדוואַרג א. ד. ג., דאן זיינען זיי שוין ניט קיין רעגרעסיווע, ווארים זיי ריהרען ניט אן די אינטערעסען פון די ארימע קלאסען, זיי פאלען אינ־

גאנצען אויף די רייכע און אויך ניט אויף אלע רייכע, נאר בלויז אויף די גאר רייכע, וועלכע קענען זיך פארגינען אזא לוקסוס.

פיעל וויכטיגער אבער זיינען די דירעקטע פראגרעסיווע שטייערען: פראגרעסיווע שטייערען אויף דער איינגאהמע, פראגרעסיווע שטייערען אויף דאס אייגענטום און אויך פראגרעסיווע שטייערען אויף דירות. דאס טוט זיך געוועהנליך אזוי: מען רעכענט אוים, למשל, אז א דורכשניטליכע פאמיליע דארף האבען א יאהר טויזענט דאלאר אום צו דעקען אלע נויטיגע הוצאות, באשליסט מען, אז ווער עס האט אן איינגאהמע ניט מעהר פון טויזענט דאלאר א יאהר דארף גארנישט צאהלען, אבער דער וואס האט העכער פון טויזענט און ניט מעהר פון צוויי טויזענט, דארף צאהלען 1 פראצענט, פון צוויי טויזענט ביז פינף טויזענט — אנדערהאלבען פראצענט, פון פינף ביז 10 טויזענט — 2 פראצענט, א. ז. וו. געוועהנליך ווערט באשטימט א גרענעץ — למשל, 10 פראצענט פאר דעם וואס האט אן אינקאם פון 100 טויזענט, דאן מאכט שוין ניט אוים צי ער האט בלויז 100 טויזענט אדער א מיליאן אדער 10 מיליאן — מעהר ווי 10 פראצענט צאהלט מען שוין ניט אין אונזער ביישפיעל.

אויסערליך דוכט זיך, אז אזא שטייער איז ניט קיין גלייכמעסיגער און דעריבער — ניט קיין גערעכטער, עס וואלט געווען מעהר גלייכמעסיג און יושר׳דיג ווען מען זאל מאכען פאר אלעמען א גלייכען פראצענט — לאמיר זאגען 10 פראצענט. אזעלכע שטייערען רופען זיך אן „פראפארציאנעלע". אבער אין דער ווירקליכקייט וואלט דאס געווען אן אומרעכט, ווארום ארויפנעהמען פון 100 טויזענט 10 טויזענט, בלייבט נאך אלץ איבער 90 טויזענט, און מיט 90 טויזענט דאלאר א יאהר קען מען זיך שוין ווי עס איז דורכלעבען; אויב אבער מען וועט פון טויזענט דאלאר ארויפנעמען 10 פראצענט, ד. ה. 100 דאלאר, וועט בלייבען בלויז 900, און אין אונזער ביישפיעל דארף מען האבען אויף דורכלעבען זיך א יאהר ניט ווינציגער פון טויזענט דאלאר. אלזא, „פראפארציאנעלע" שטייערען וואלטען געווען אן אומרעכט, ניט יושר׳דיג.

**אבער די שטייערען קומען דאך ניט אריין מיט אמאל, מא וואו נעמט די רעגירונג פינאנציעלע מיטלען, ווען זי דארף האבען?**

— דאס קריגט זי דורך הלוואות און דורך ארויסלאזען פאפיר־געלט — אסיגנאציעס.

די הלוואות מאכען זיך אזוי. די רעגירונג לאזט ארויס פאפירענע בילעטען, לאמיר זאגען, צו 100 דאלאר יעדערער, און זאגט צו צו צאהלען פאר די דאזיגע בילעטען (אבליגאציעס, באנדס), א באשטימטען פראצענט — 3, 4 צי 5. דאס ווענדט זיך אן דער פינאנציעלער לאגע פון דער רעגירונג: אויב זי איז א גוטע — צאהלט מען א קלענערען פראצענט, און אויב זי איז א שלעכטע — צאהלט מען אפ א העכערען פראצענט. מענשען, וועלכע האבען פיעל עס איז אפגעשפארטע געלט, קויפען אויס די באנדס כדי צו באקומען דעם פראצענט, און די רעגירונג קריגט דערווייליגע אריין אזוי פיעל געלט, וויפיעל זי דארף האבען. די פראצענטען צאהלט די רעגירונג אויס יעדען יאהר און דעם קרן — אין א רייהע פון יאהרען, און אויסצאהלען צאהלט זי אויס מיט די געלט, וואס זי קריגט אריין יעדען יאהר פון די שטייערען.

פאפיר־געלט ווייסען מיר שוין וואס דאס איז. עס איז זעלבסט־פארשטענדליך, אז דאס איז א הלוואה אהן פראצענט. די פאפיר־געלט דארף די רעגירונג ווען עס איז אויסבייטען אויף אמת'ע געלט — אויף גאלד. אויב עס איז פאראן אקוראט אזוי פיעל גאלד וויפיעל עס זיינען פאראן אסיגנאציעס, דאן האט יעדע אסיגנאציע, למשל, יעדער פאפירענער רובל דעם זעלבען ווערט וואס א גאלדענער רובל, ד. ה. מען קען פאר איהם קויפען אזוי פיעל פראדוקטען, ווי פאר א גאלדענעם רובל. אויב אבער פאפיר־געלט איז פאראן מעהר ווי גאלד, למשל, אנדרעהאלבען מאל אזוי פיעל, ווי עס איז טאקע געווען אין רוסלאנד, ווען גראף וויטטע איז געווען פינאנץ־מיניסטער, דאן איז דער פאפירענער רובל געווען בלויז צוויי־דריטעל פון דעם גאלדענעם רובל, ד. ה., פאר א פאפירענעם רובל האט מען געקאנט איינקויפען בלויז אזוי פיעל פראדוקטען, וויפיעל מען האט געקאנט איינקויפען פאר 66 מיט צוויי־דריטעל קאפיקעס אין גאלד. דער פרייז פון רובל איז געפאלען, און דער

פרייז פון סחורה האָט זיך געהויבען. ווען אָבער מען זאָל ארויס־לאָזען זעהר א פולע פאַפּיר־געלט, לאָמיר זאָגען, צוואנציג מאָל אזוי פיעל וויפיעל עס איז פאראן גאָלד, קריגט דער פאפּירענער רובל דעם ווערט פון 5 קאָפּיקעס, פאר א פאפירענעם רובל קאָן מען איינקויפען בלויז אזוי פיעל וואארע, וויפיעל פאר פינף קאָפּיקעס אין גאָלד. דער פרייז פון פאפירענעם רובל פאַלט נאָך מעהר, און דער פרייז פון די פראָדוקטען שטייגט אומגעהויער הויך. דאָס איז אַן אומגליק פאר'ן לאנד, מענשען ווערען פלוצלונג אָרימע לייט. אויב איינער האָט פריהער געהאט זיין אייגענס טויזענט רובל, האָט ער איצטער בלויז 50. אויב אַן ארבייטער האָט פריהער גע־האט אָפּגעשפּאָרטע 10 רובל און ברויט קאָסט 2 קאָפּיקעס א פונט, איז ער געווען פארזאָרגט מיט 500 פונט ברויט, וואָס וואָלט איהם זיין גענוג אויף עטליכע מאָנאטען, און איצטער קען ער פאר דעם געלט קויפען בלויז 25 פונט ברויט. אויב איינער האָט געהאט א קאפּיטאל פון 2טויזענט רובל און איז שולדיג געווען דער פאבריק טויזענט רובל פאר סחורה, האָט ער געקענט אָפּצאָהלען זיין חוב און בלייבען נאָך מיט טויזענט רובל אויף קויפען אַנדערע סחורה. דאָס וואָלט געווען א טובה סיי פאר איהם, סיי פאר דער פאבריק. איצטער אָבער איז דער ווערט פון זיינע צוויי טויזענט רובל, פון זיין גאַנצען פאַרמעגען, בלויז 100 רובל: זיין חוב קען ער ניט אָפּצאָהלען, קיין אַנדערע סחורה האָט ער אודאי ניט פאר וואָס צו קויפען, די פאבריק קען ניט איינמאָנען דאָס וואָס עס קומט איהר און קאָן דעריבער ניט אָנגעהן מיט איהר ארבייט —ביידע צדדים פארלירען און ביידע באַנקראָטירען. אין אזא פאל מאַכט די רעגירונג א נייע הלואה. די וואָס קויפען די באָנדס צאָהלען איין מיט די פאפּיר־געלט. א טייל אסיגנאַציעס געהט אוועק צוריק צו דער רעגירונג, אין מאַרק בלייבט א קלענערער צאָהל אסיג־נאציעס, און זייער קורס הויבט זיך. דעם גרעסטען טייל באָנדס קויפען אויס די באַנקען, ווייל זיי האָבען מעהר געלט ביי זיך, און אויב דאָס לאַנד איז אָרים, קויפען די באַנקען אויס כמעט אינ־גאַנצען. די רעגירונג בלייבט די באַנקען אַן אייביגער בעל־חוב, און זי איז געצוואונגען צו טאָן אלץ וואָס זיי פארלאַנגען פון איהר. די נייע הלואה מיט די פּראָצענטען צאָהלט די רעגירונג אויס ווי

געוועהנליך דורך העכערען די שטייערען, די באנקען, וועלכע זיינען איצט די אמת'ע בעל־דעה זאגער אין לאנד, לאזען ניט פארגרעסערען די דירעקטע שטייערען אדער מען פארהעכערט זיי אין א באגרענצטער מאס, דער גרעסטער טייל פאלט אויף די אינדירעקטע שטייערען, דער פרייז פון לעבענס־מיטלען ווערט נאך העכער, און די באפעלקערונג ווערט נאך מעהר ארימער *).

## צ) מיליטאריזם און אימפעריאליזם.

### וואס איז אן ארמעע?

— דאס איז די ארגאניזירטע באוואפענטע מאכט פון דער רעגירונג און ווערט צוזאמענגעשטעלט אדער פון מענשען וועמען מען דינגט אדער פון מענשען וועמען מען צווינגט אריינצוטרעטען אין דער ארמיי.

### צוליעב וועלכע צוועקען האלט מען אן ארמייען?

— די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז געבויט אויף קאנקורענציע און קאמף. יעדער קאמף שאפט אומארדנונג, צוזאמענשטויסונגען און אויפשטאנדען, דער שטארקערער דערשטיקט דעם שוואכערען און ווערט אליין דערשטיקט פון א נאך־שטארקערען. עס איז א קאמף פון איינעם געגען אלעמען און פון אלעמען געגען איינעם. מוז דעריבער די רעגירונג האבען געגוג כוחות איינצוהאלטען ארדנונג אין לאנד. צוליעב דעם צוועק איז אין אנהויב געווען באשטימט די ארמיי.

אבער מיט'ן ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם ווערט פארשטארקט די קאנקורענציע, דער קאמף געהט ארויס פון די היימישע ספערען, פון די אינלענדישע גרעניצען אויפ'ן וועלט־מארק, און עס הויבט זיך אן א קאנקורענציע צווישען דעם קאפיטאל פון איין לאנד מיט די קאפיטאלען פון אנדערע לענדער, יעדערער וויל פארכאפען פאר זיך אליין א גרעסערען טייל פון וועלט־מארק. באנוצט מען זיך פריהער פון אלץ מיט פרידליכע, עקאנאמישע מיטלען — ביליגערע

*) דערפון איז פארשטענדליך, פארוואס די סאוועטען־רעגירונג האט פריהער פון אלץ נאציאנאליזירט די באנקען. — איבערזעצער.

פרייזען, א העכערע קוואליטעט און פארשיעדענארטיגקייט פון די פראדוקטען. די קאנקורענטען טוען נאך דאס זעלבע, דער קאמף ווערט אינטענסיווער, און דער מארק ווערט אלץ ענגער און ענגער, די צוזאמענשטויסונגען קומען פאר אלץ אפטער, און עס דערגרייכט אזא מדרגה, אז מען מוז דעם קאנקורענט ארויסשטופען מיט געוואלד. דאן איז קיין אנדער ברירה ניטא ווי פארכאפען דעם מארק, פארוואנדלען איהם אין דאס אייגענטום פון איין לאנד, כדי די קאפיטאליסטען פון אנדערע לענדער זאלען אהינצו קיין צוטריט ניט האבען, און מען האט אנגעהויבען באנוצען די ארמיי פאר׳ן צוועק צו פארשפרייטען און באפעסטיגען די טיילען פון וועלט־מארק, וואס יעדע לאנד האט איינגעקראגען אין איהרע הענט. די ארמיי דינט אויך אלס א מיטעל צו דערשלאגען זיך בעסערע קאנדיציעס, בעסערע האנדעלס־אפמאכען מיט אנדערע לענדער.

## וואס איז „מיליטאריזם״?

— כדי איינצוהאלטען ארדנונג אין לאנד גופא, איז גענוג צו האבען א קליינע געדונגענע ארמיי, ווי עס האבען געטאן ענגלאנד און אמעריקא. אבער כדי אויסצוקעמפען אויסלענדישע מערק, מוז מען האבען גרויסע ארמייען, און וואס גרעסער אלץ בעסער. קיינער ווייסט ניט פון וואנען די געפאהר קען קומען, מוז מען זיך צוגרייטען פאר יעדען פאל, פאר אלעם וואס עס קען פאסירען: שאפט מען וואס גרעסערע ארמייען, מען בויט וואס שטארקערע פעסטונגען, מען פיהרט איין וואס בעסערע ביקסען, הארמאטען א. ד. ג., מען פארשוועגדט הונדערטער און טויזענדער מיליאנען כדי צו האבען א וואס גרעסערען פלאט, א. א. וו. אט די יאגעניש נאך מיליטערישער מאכט רופט זיך אן „מיליטאריזם״. דעם וואוקס פון מיליטאריזם העלפען די יעניגע קאפיטאליסטען, וועלכע פארדינען פון די באוואפונגען: זיי זוכען אנצומאכען קריעגערייען און שנאה צווישען די מלוכות, און פאר א שונא דארף מען זיך ניט נאר היטען, מען דארף זיך נאך אויך באווארענען.

## וואס איז „אימפעריאליזם״?

— די יאגעניש נאך פרעמדע לענדער, צו פארשפרייטען די

הערשאפט און באלאבאטעווען איבער זיי — רופט זיך אן „אימ־פעריאליזם". וואס ענטוויקעלטער עס איז דער מיליטאריזם אין א לאנד, אלץ שטארקער ווערט דער פארלאנג אויסצונוצען אט די מיליטערישע קראפט, אלץ שטארקער ווערען די אימפעריאליסטי־שע שטרעבונגען, און וואס מעהר עס זיינען פארשפרייט די אימ־פעריאליסטישע אפעטיטען, אלץ מעהר יאגט מען זיך נאך מילי־טערישער קראפט, אלץ מעהר ענטוויקעלט זיך דער מיליטאריזם. און ביידע קומען ארויס פון דער יאגעניש נאכ'ן וועלט־מארק, פון דער וועלט־קאנקורענציע, און די קאנקורענציע איז אומפארמייד־ליך אין דעם קאפיטאליסטישען ארדנונג.

## ק) דער וועלט־מלחמה קריזיס.

**וועלכע כוחות אין קאפיטאליסטישען ארדנונג רופען ארוים מלחמות, און וועלכע כוחות שטערען זיי?**

— אין דעם וועלט־האנדעל זיינען אלע לענדער צונויפגע־בונדען צווישען זיך, יעדע לאנד קויפט און פארקויפט עפעס צו דער צווייטער, זיי נויטיגען זיך איינע אין דער צווייטער און קענען ניט אויסקומען איינע אהן דער אנדערער. דייטשלאנד און ענגלאנד פלעגען איינקויפען אין רוסלאנד תבואות און אנדערע רויהע מאטעריאלען, אין דערזעלבער צייט פלעגען זיי פארקויפען צו רוסלאנד מאשינען און אנדערע פראדוקטען. רוסלאנד האט ניט געקענט אויסקומען אהן דייטשלאנד און ענגלאנד, ווייל זי האט געמוזט האבען די מאשינען — אהן זיי ארבייטען ניט איהרע פאבריקען, האט ניט קיין אייזענבאהנען און קען ניט ארויסברייג־גען אזוי פיעל תבואה; ענגלאנד און דייטשלאנד האבען זיך גע־נויטיגט אין רוסלאנד, ווייל אהן רויהע מאטעריאלען וואלטען זיי־ערע פאבריקען געפוסטעוועט. צווישען די באזונדערע לענדער עקזיסטירט א מיטארבייטערשאפט, „כוחות פון געגענזייטיגער צו־געבונדענקייט". אדער מיר וועלען דאס אנרופען „צוזיהונגס־קראפט", וועלכע האלט אויף דעם פרידען צווישען פעלקער און דערלאזט ניט קיין מלחמות. אבער דער זעלבער האנדעל רופט ארויס קאנקורענציע צווישען די פעלקער: ענגלאנד וויל האבען

דעם גאנצען רוסישען מארק פאר זיך, דייטשלאנד וויל איהם האָבען פאר זיך. סיי ענגלאנד, סיי דייטשלאנד ווילען קויפען ביי רוסלאנד די רויהע מאטעריאלען וואס ביליגער און פארקויפען איהר די אויסגעארבייטע פּראָדוקטען וואס טייערער, און רוסלאנד וויל פארקעהרט — נעמען פאר די רויהע מאטעריאלען וואס טייערער און צאָהלען פאר די אויסגעארבייטע פּראָדוקטען וואס ביליגער. אַט די קאָנקורענציע שאפט א געגענזאץ פון אינטערעסען, וואס מיר ווילען אָנרופען „די אפשטויסענדע קראפט", וועלכע צושטערט דעם שלום און רופט ארויס מלחמות און פארכאפונגען. כל זמן די „צוציהונגס קראפט" איז שטארקער, עקזיסטירט פרידען אויף דער וועלט; ווערט אָבער די „אָפשטויסענדע קראפט" שטארקער, פלאַקערען זיך פאנאנדער מלחמות.

די קאָנקורענציע אויפ'ן וועלט־מארק האט ארויסגערופען דעם מיליטאריזם. יעדע לאנד האָט ארמייען פון מיליאָנען סאָלדאטען מיט צעהנדליגע טויזענטער אָפיצערען, אין וועמען מען ענטוויקעלט די שטרעבונג צו הרגע'נען, פארניכטען און פארוויסטען, און זיי האָבען אין זייערע הענט די געצייג פאר דעם, ווילט זיך זיי ארויסווייזען וואס זיי קענען, זיי ווילען אויסנוצען די דאָזיגע געצייג, און פארגרעסערען מיט זיך די „אָפשטויסענדע קראפט".

## וועלכע אורזאכען האָבען ארויסגערופען די וועלט־מלחמה פון 1914?

מלחמות צווישען באזונדערע לענדער ווערען ארויסגערופען דורך דעם, וואס אין דער גאנצער קאפּיטאַליסטישער וועלט איז די „אָפשטויסענדע קראפט" שטארקער געווארען איידער די „צוציהונגס־קראפט". דער אומזאץ פון דעם אינטערנאַציאָנאלען האנדעל איז אין 1913 געווען ניט ווייניגער ווי 50 טויזענט מיליאָן רובל. די באזונדערע מלוכות האָבען זיך גענויטיגט איינע אין דער צווייטער סיי אלס קויפער, סיי אלס פארקויפער. ענגלאנד האט ניט געקענט אויסקומען אָהן פרעמדע תבואה, איהר וועבער־אינדוסטריע האָט זיך כמעט אינגאנצען באנוצט מיט דייטשע פארבען, און דייטשלאנד פון איהר זייט פלעגט אריינפיהרען פיעלע פּראָדוקטען פון ענגלאנד. דאס זעלבע איז געווען מיט אנדערע לענדער, און וואס

מעהר עס האט זיך ענטוויקעלט דער אינטערנאציאנאלער האנדעל, וואס שטארקער עס איז געווען די אינטערנאציאנאלע ארבייטס־צוטיילונג, אלץ מעהר האבען זיך זייערע אינטערעסען צונויפגע־פלאכטען צווישען זיך.

אבער סיי ענגלאנד, סיי דייטשלאנד פלעגען צושטעלען אנדע־רע לענדער קוילען, מאשינען, וועב־פאבריקאטען, א. ד. ג. דער וועלט־מארק האט זיך ביסלעכווייז אויסגענומען, עס האט ניט געסטייעט קיין פלאץ פאר אלעמען, און די „אפשטויסענדס קראפט" איז גע־וואקסען. דערצו איז צוגעקומען די ווירקונג פון מיליטאריזם, דער איינפלוס פון די געוועהר־פאבריקאנטען — און די מלחמה האט אויסגעבראכען.

**קען מען זאגען, אז די אורזאכען פון דער מלחמה ליגען אין דער אדער אין יענער לאנד, אין איהרע שטרעבונגען צו פארכאפען פרעמדע מערק, אין איהר מיליטאריזם, א. ד. ג.?**

— ניין, די וועלט־מלחמה, אין גרונט גענומען ווענדעט זיך ניט אן דעם ווילען פון מענשען אדער רעגירונגען. די איינציגע אורזאכע איז די אלגעמיינע אומארגאניזירונג פון דער קאפיטאליסטישער וועלט. דאס באשאפט קאנקורענציע, דאס יאגעניש נאך מערק, מיליטאריזם, אימפעריאליזם, א. א. וו.

פארשטעהט זיך, ענגלאנד און דייטשלאנד האבען געשפיעלט די הויפט־ראלע אין דער מלחמה, אבער דאס איז ניט דערפאר. ווייל זיי האבען דאס געוואלט, נאר ווייל זיי זיינען געווען עקאנאמיש מעהר ענטוויקעלט, דער קאפיטאליזם שטארקער, האבען זיך דעריבער אלע פאלגען פון קאפיטאליזם דארטען אויסגעדריקט בולט'ער.

## ר) די אידעאלאגיע פון די בורזשואזע קלאסען.

**וואס איז דער גרונט־שטריך פון דער בורזשואזער אי־דעאלאגיע?**

— דאס איז אינדיווידואליזם. אין דער פראדוקציע נעמען אן אנטייל פיעלע מענשען. דער קאפיטאליסט האט אבער ניט קיין די־

רעקטע באַציהונג צו דער פּראָדוקציע, נאָר אַן אומדירעקטע, ער נעמט ניט קיין אַנטייל אין דער פּראָדוקציע, נאָר ער נעמט זיך צו איהרע רעזולטאַטען — די פּראָדוקטען, און צונעמען נעמט ער עס צו פאַר זיך אַליין. דעריבער שפּיעלט ביי איהם די הויפּט־ראָלע די ווירטשאַפטליכע אומאָפּהענגיגקייט און דער מאַרק, וואו ער קריגט אַלעס, וואָס ער דאַרף האָבען פאַר זיין אומאָפּהענגיגע ווירט־שאַפט און פאַר זיין פּערזענליכען געברויך. אויפ'ן מאַרק זיינען פאַראַן אויך אַנדערע, זיינע קאָנקורענטען — זוכט יעדערער צו געווינען עס בלויז פאַר זיך אַליין. אויף דעם אופן האָט זיך אויס־געאַרבייט אַ פאָרשטעלונג וועגען יעדען איינצעלנעם, אַלס אַ זאַך וואָס איז אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, וואָס לעבט בלויז פאַר זיך אַליין און ווערט געשטויסען נאָר פון אייגענע פּערזענליכע אינטע־רעסען. אַזאַ בליק אויפ'ן מענשען רופט זיך אָן „אינדיווידואַליזם".

## אין וואָס באַשטעהט דער „אינדיווידואַליסטישער אי־דעאַל"?

— ער באַשטעהט אין דער פאָדערונג, אַז יעדע איינצעלנע פּערזאָן, יעדער אינדיווידואום זאָל זיך אומגעשטער־טערהייט אַלזייטיג ענטוויקלען. פון דערפון קומט אַרויס די פאָדע־רונג פון פּערזענליכער פרייהייט — אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט, פּאָליטישען און אידעען.

עקאָנאָמישע פרייהייט מיינט ביי דעם קאַפּיטאַליסט די פריי־הייט פון אונטערנעמונג, די פרייהייט פון אָפּמאַך צווישען דעם קויפער און פאַרקויפער, צווישען דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַר־בייטער, א. א. וו., אָבוואָהל אין דער ווירקליכקייט איז דעם אַר־בייטער'ס פרייהייט בלויז אַ פאָרמעלע, אין אמת'ן איז ער ניט פריי צו האַנדלען ווי ער וויל, ער איז געצוואונגען אָנ־צונעמען די באַדינגונגען, וועלכע מען שטעלט איהם.

פּאָליטישע פרייהייט האָבען די בורזשואַזע קלאַסען אין דער צייט פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאַרשטאַנען אַלס די אָפּשאַפונג פון די פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָבען געהאַט די לאַנד־אייגענטימער און די גייסטליכע, זיי האָבען געפאָדערט גלייכהייט פאַר'ן געזעץ, די אומבאַריהרבאַרקייט פון פּערזאָן, פריי־

הייט פון ווארט, פון דער פרעסע, פון מיינונגען — ווי רעליגיעזע אזוי וויסענשאפטליכע. אבער די פרייהייט פון פארבאנדען, ווי למשל יוניאָנס, און סטרייקס זיינען געוועזן פארבאָטען, ווייל א פאר־באנד פאָדערט יעדער איינצעלנער זאָל זיך אונטערוואַרפען די באשלוסען פון א קאָלעקטיוו, הייסט דאָס, די פערזענליכע פריי־הייט איז באגרענעצט, פרייהייט פון סטרייקס שטערט די פרייהייט פון ארבייטער אריינגעהן אין אן אָפּמאַך מיט'ן קאפיטאליסט.

בלויז שפּעטער, אונטער'ן דרוק פון דעם קאמף פון דעם פּראָ־לעטאריאט, האָבען די מעהר פאָרטגעשריטענע שיכטען פון דער בורזשואזיע אנערקענט ,אז כדי צו באגרענצען די פרייהייט פון עקספּלואטאציע האָבען די ארבייטער אויך די פרייהייט פון פאר־באנדען און פון סטרייקס.

## באשטעהט די גאנצע אידעאָלאָגיע פון די בורזשואזע קלאסען בלויז אין אינדיווידואליזם ?

— ניין, אויך פאר די בורזשואזע קלאסען באגרענצט זיך ניט דער פארבאנד צווישען מענשען בלויז מיט'ן מארק און מיט'ן טוישען. יעדער אייגענטימער איז דער ב ע ל ־ ה ב י ת אין זיין אונטערנעמונג, און אויב ער האָט ניט קיין אונטערנעמונג, איז אין זיין פאמיליע, צווישען זיין הויז־געזינד. דאָרטען איז ער דער הערשער און אלע מוזען איהם פאָלגען. דאָס איז א סאָרט אווי־טאָריטאָרע מיטארבייטערשאפט, ווי עס איז געווען אין דער פאט־ריארכאלער קאָמונע אָדער אין דער פעאָדאלער אָרגאניזאציע, און פאראלעל מיט דער אידעע פון פרייהייט לעבט אין דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע אויך די אידעע פון באהערשען און אונטערטעניגקייט.

## ווי אזוי זשע קענען זיך פאראייניגען אזעטיגע צוויי גע־גענגעזעצטע אידעען ?

— דאָס ווענדט זיך אין וועלכע שיכטען פון דער בורזשו־אזיע און אין וועלכער צייט. אין אלגעמיין ווערט אנערקענט, אז א מענש קען זיין פריי נאָר ביז א געוויסען גראד, און אין איינינע פאלען מוזען זיין הערשאפט און אונטערטעניגקייט, ווי, צום ביי־שפּיעל, אין די באציהונגען צו דער רעגירונג, וואו יעדער בירגער

מ ו ז זיין אונטערוואָרפען דער געזעצליכער מאַכט, אין אַ פאַמיליע, וואו די איננערע דאַרפען פאָלגען די עלטערע, און די פרוי דאַרף פאָלגען דעם מאַן, אין אַן אונטערנעמונג, וואו דער ארבייטער אָדער דער אַנגעשטעלטער איז מחויב צו פאָלגען דעם בעל־הבית, אויב ער טרעט נאָר ניט איבער דעם אָפּמאַך.

ווען די בורזשואַזע קלאַסען האָבען געקעמפט געגען די פעאָדאַלען און די גייסטליכע, איז אין דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע די אידעע פון פרייהייט געווען די הערשענדע. ווי נאָר אָבער די בורזשואַזיע איז אַליין געוואָרען דער הערשענדער קלאַס — עקאָנאָמיש און פּאָליטיש — האָט געקראָגען די אויבערהאַנד די אויטאָריטאָרע אידעע. זי איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, ווען דער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט געגען דער עקספּלואַטאַציע איז געוואָרען ענערגישער, דער מיליטאַריזם, וועלכער איז דורכאויס געבויט אויף הערשאַפט און אונטערטעניגקייט אין אַ פאָרמע, וועלכע איז נאָהענט צו שקלאַפעריי, און דער אימפּעריאַליזם, וועלכער באַשטעהט אין אונטערדריקען מיט געוואַלד די שוואַכערע פעלקער, — זיי האָבען אינגאַנצען באַפעסטיגט די אידעע פון אויטאָריטעט.

## איז די אייגענשאַפט פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע צו געהן פאָרווערטס, אָדער ריקווערטס, צו ווערען קאָנסערוואַטיוו?

—די יאָגעניש נאָכ'ן מאַרס און די קאָנקורענציע שאַפען אין דער אידעאָלאָגיע אַ פּראָגרעסיווע שטרעבונג. אין דער קאָנקורענציע בלייבען די זיעגער די יעניגע, וועלכע זיינען בעסער צוגעפאַסט: די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען איינגעפיהרט בעסערע מאַשינען, אַ בעסערע ארבייטס־צוטיילונג; די סוחרים, וועמעס געשעפטען עס זיינען בעסער אָרגאַניזירט, זיינען נאָהנטער צוגעבונדען מיט'ן מאַרק. אַלזאָ, כדי בייצוקומען די געגנער, די קאָנקורענטען, דאַרף מען האָבען מעהר ענטוויקעלטע פּראָדוקציאָנסמיטלען — געצייג, מאַשינען, מיטאַרבייטערשאַפט, ארבייטס־צוטיילונג א. ד. גל., און יעדע ענטוויקלונג, יעדע פאַרבעסערונג איז א פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע ערשיינונג. דאָס ווערט נאָך קלערער ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף דער ענטוויקלונג פון

דער וויסענשאפט, — מאטעמאטישער, טעכנישער און נאטורווי־סענשאפט. די גאנצע טעכניק היינט צו טאג רופט זיך אן „ווי־סענשאפטליכע", ווייל זי איז געגרינדעט אויף פינקטליכע מאטע־מאטישע אויסרעכענונגען, און ענטוויקעלט איהר האט די בור־זשואזיע מיט איהר אינטעליגענציע, וועלכע טיילווייז באשטעהט טאקע פון דער בורזשואזיע און טיילווייז באלאנגט זי צו אנדערע קלאסען, נאר זי דינט דער בורזשואזיע פאר געצאהלט.

אבער דער לעבען פון די בורזשואזע קלאסען איז ניט בלויז אין קאנקורענציע, נאר אויך אין הערשאפט, אין געוועל־טיגען איבער אנדערע, און יעדע הערשאפט איז געגען ענדערונגען: באהערשען מיינט אז אלעס דארף זיין אונטערגעווארפען איין ווילען, אלעס זאל זיך פיהרען לויט דעם סדר, וועלכען איך האב איינגע־פיהרט, ווי איך האב עס ארגאניזירט, און יעדע ענדערונג מאכט שווערער און קאמפליצירטער מיין ארגאניזאטארישע ארבייט, אוי־סער דעם איז פאראן א געפאהר אז די ענדערונגען זאלען ניט אונ־טערגראבען דעם סאמע פונדאמענט פון מיין הערשאפט.

אלזא, אין באצוג צו דער פראדוקציע איז די בורזשואזע אידע־אלאגיע פראגרעסיוו, אבער אין באצוג צו די געזעלשאפטליכע בא־ציהונגען, צו די באציהונגען צווישען מענש און מענש, קלאס און קלאס — איז זי קאנסערוואטיוו. אין דער נאטור־וויסענשאפט איז די בורזשואזיע פראגרעסיוו, אין סאציאלע וויסענשאפטען איז זי קאנסערוואטיוו. די בורזשואזע פאליטיקא־עקאנאמישע שול קוקט אויף פריוואט אייגענטום, קאנקורענציע און די געזעלשאפטליכע קלאסען־צוטיילונג, ד. ה. אויף אלעס, וואס שטעלט צונויף דעם פונדאמענט פון קאפיטאליסטישען ארדנונג, ווי אויף עפעס וואס ליגט אין דער נאטור פון דעם מענשען אדער, צום וועניגסטען, ווי אויף דער העכסטער פארמע פון דער מענשליכער געזעלשאפט. און דער מיליטאריזם מיט'ן אימפעריאליזם, וועלכע האבען זיך ענט־וויקעלט אין דער לעצטער צייט, האבען נאך מעהר פארשטארקט דעם קאנסערוואטיזם.

## ש) די אידעאלאגיע פון ארבייטער קלאס.

**וואס איז דער גרונט-שטריך פון דער אידעאלאגיע פון ארבייטער קלאס?**

— דאס איז ק א ל ע ק ט י ו ו י ז ם. יעדער יחיד שטעלט זיך פאר אלס אן אומטיילבארער חלק פון א קאלעקטיוו — פון א קלאס אדער אין אלגעמיין פון א סאציאלער גרופע. פון דעם שטאנדפונקט איז א איינצעלנע פערזאן ניט קיין זעלבסטשטענדיגע זאך, איהר לעבען און ענטוויקלונג איז בלויז א רעזולטאט פון די געזעלשאפטליכע באדינגונגען, פון דער ערציהונג, וועלכע דער קלאס אדער די גרופע האט איהר געגעבען, און פון דעם איינפלוס, וואס אויף איהר האבען געהאט אנדערע קלאסען און גרופען. אט די ערציהונג און די ווירקונג זאגען איהר אונטער, וועלכע אויפגאבען זי זאל זיך שטעלען אין לעבען, אויך די מיטלען, דורך וועלכע זי קען די דאזיגע אויפגאבען דורכפיהרען. אויב אבער די איינצעלנע פערזאן רעכענט זיך „אויטאנאם", זעלבסטשטענדיג, וועלכע האט אין זינען בלויז איהרע אייגענע צילען, און ניט די אויפגאבען און פאדערונגען פון גאנצען קלאס, איז עס בלויז א אילוזיע, עס דוכט זיך איהר נאר אזוי. אויב מיר וועלען נעמען דריי קינדער און ארייננזעצען זיי: איין קינד אין א פריצישער סביבה, דאס צווייטע — אין א קאפיטאליסטישער, און דאס דריטע — אין אן ארבייטער סביבה, וועלען זיי דערנאך אין לעבען געהן געוועהנליך מיט אנדערע וועגען און שטעלען זיך באזונדערע אויפגאבען.

**צו וועלכען געזעלשאפטליכען אידעאל ברייננגט דער קאלעקטיוויזם?**

— צ ו ם ס א צ י א ל י ס ט י ש ע ן. דער אינהאלט און דער לעבען פון יעדען קאלעקטיוו באשטעהט אין קאמף פאר זיין עקזיסטענץ און ענטוויקלונג. דער גרעסטער קאלעקטיוו, וועלכען מען קען זיך פארשטעלען, איז די גאנצע מענשהייט פאראייניגט אין קאמף מיט די כוחות פון דער נאטור פאר'ן עקזיסטענץ און פאר דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. אבער יעדער קאמף מיט דער נאטור באשטעהט פאקטיש אין ארבייט, דעריבער איז דער בעסטער אידעאל א פאראייניגטע ארבייטענדע מענשהייט.

אזא פאראייניגונג איז אוממעגליך: כל זמן עס עקזיסטירען באזונדערע קלאסען און גרופען, וועלכע קעמפפען צווישען זיך, וועלכע באהערשען איינע די צווייטע און וועלכע געפינען זיך אין א שטענדיגען אנטאגאניזם, אין א שטענדיגער שנאה צווישען זיך. אבער אט דער אומאויפהערליכער קאמף, וואס קומט פאר אין דער געזעלשאפט, שטאמט פון דעם, וואס עס עקזיסטירט פריוואט־אייגענטום אויף די פראדוקציאנס־מיטלען — אויף לאנד, געצייג און מאטעריאלען, דעריבער איז כדי עס זאל קאנען פארווירקליכט ווערען דער אידעאל פון א פאראייניגטער ארבייטענדער מענשהייט, מוז מען ארויסנעמען פון פריוואטען באזיץ אלע פראדוקציאנס־מיטלען און „סאציאליזירען” זיי, מאכען זיי פאר געזעלשאפטליכע אייגענטום, דעריבער רופט זיך אן דער אידעאל „סאציאליסטישער”.

## וועלכע כוחות און סבות טרייבען דער פראלעטארישער אידעאלאגיע, זי זאל אננעמען א קאלעקטיוויסטישען כאראקטער?

— דערצו ברייננט מיט דער גאנצער לעבען פון פראלעטאריאט, זיין לאגע אין דער פראדוקציע און די פארמען פון מיט־ארבייטערשאפט, וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט אין דער פראדוקציע.

דער פראלעטאריאט איז א פראדוקטיווער קלאס, און די פראדוקציע, די ארבייט, פאראייניגט איהם, ארגאניזירט איהם. אין וואס מעהרער עס וואקסט דער קאפיטאליזם, וואס מעהר דער קאפיטאל קאנצענטרירט זיך, אלץ שטארקער ווערען די ארבייטער פאראייניגט צווישען זיך. די ארבייט פאראייניגט זיי אין די פאבריקען אין הונדערטער און טויזענדער ביז צעהנדליגע און הונדערטער טויזענטער. די ענטוויקלונג פון דער טעכניק באשאפט גלייכהייט צווישען די ארבייטער, מאכט זיי פאר אן איינהייטליכע מאסע, שאפט אפ דעם אונטערשיעד צווישען איין ארבייטער און דעם צווייטען, זיי טראכטען און דענקען וועגען זייערע אינטערעסען, וועלכע זיינען אין דערזעלבער צייט אלגעמיינע אינטערעסען. מיט דער ענטוויקלונג פון וועלט־מארק און זיין ווירקונג אויף דער לאגע פון די ארבייטער, הויבען זיי זיך אן צו איג־

טערעסירען אויך מיט דער לאַגע פון די אַרבייטער אין אַנדערע צווייַ־
גען פון דער אינדוסטריע און אפילו אין אַנדערע לענדער. אויף דעם
אופן איז דער לעבען אליין, די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם
טרייבט דעם אַרבייטער צו דענקען און צו האַנדלען אין די אינטע־
רעסען פון גאַנצען קלאַס, אין די אינטערעסען פון אַן אַלוועלטלי־
כען אַרבייטער קאָלעקטיוו.

אינערהאַלב דעם וואַקסענדען אַרבייטער קאָלעקטיוו הערשען
ניט אויטאָריטאַרע און ניט אינדיווידואַליסטישע באַציהונגען. איין
אַרבייטער איז ניט אונטערוואַרפען דעם צווייטען און איז ניט קיין
בעל־הבית איבער'ן צווייטען. זיי זיינען אויך ניט קיין קאָנקור־
רענטען, וואָס יעדערענס אינטערעס זאָל זיין אַרויסשטופען דעם
צווייטען פון מאַרק, ווייל וואָס ווייטער זעהט דער פּראָלעטאַריאַט
אַלץ בעסער איין, אַז וואָס מעהר קאָנקורענציע צווישען אַרבייטער
אויפ'ן אַרבייטס־מאַרק, אַלץ ערגער איז פאַר די אַרבייטער און אַלץ
בעסער פאַר די בעלי־הבתים. נעמט אָן די מיטאַרבייטערשאַפט
צווישען די פּראָלעטאַריער די פאָרמע פון ח ב ר ' ש א פ ט, וואו
איינער שטיצט דעם צווייטען און אַלע צוזאַמען טוען באַוואוסט־
זיניג די אַלגעמיינע אַרבייט.

די חבר'שע פאָרמע פון מיטאַרבייטערשאַפט הויבט זיך אָן
אין ווערקשטאַט און ענטוויקעלט זיך דערנאָך אין די קלאַסען־אָר־
גאַניזאַציעס — אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיווען
און פּאָליטישע פּאַרטייען. אַלע צוזאַמען באַטראַכטען זיי די אַל־
געמיינע פראַגען און נעמען אָן וועלכע עס איז באַשלוסען, און יעדער
איינצעלנער ערפילט דעם אַלגעמיינעם ווילען, וועלכער דריקט אויס
זיין אייגענעם.

עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז די חבר'שע מיטאַרבייטער־
שאַפט געוואוינט איין יעדערען צו באַטראַכטען אַלץ פון שטאַנד־
פונקט פון קאָלעקטיוו, פון וועלכען יעדער איינצעלנער איז בלויז
איין טייל, און דער קאָלעקטיוויסטישער אידעאַל מיינט ניט קיין
אַנדער זאַך, ווי אויסצושפּרייטען די חבר'שע באַציהונגען אויף דער
גאַנצער מענשהייט. צוליעב דעם איז זעלבסטפאַרשטענדליך מוז
מען אָפּראַמען פון וועג אַלץ, וואָס עס שטערט אַזאַ פאַראייניגונג

— די הערשאפט פון איינעם איבער'ן צווייטען, פערזענליכע און קלאסען־אפגעזונדערטקייט צווישען מענשען, דעם קאמף פאר מערק און די אנארכיע, דעם אומארדנונג אין דער פראדוקציע.

פון דאנען שטאמט דער „סאציאליזם", ד. ה. די אויפגאבע צו מאכען אלע פראדוקציאנס־מיטלען פאר דאס אייגענטום פון אן אלגעמיינעם ארבייטענדען קאלעקטיוו. די דאזיגע אידעע איז נאך מעהר פארשטענדליכער פאר'ן ארבייטער, ווייל פ א ק ט י ש באהערשט דאך דער ארבייטער די פראדוקציאנס־מיטלען, ער קען און ער באנוצט זיך טאקע מיט זיי; בלויז פ א ר מ ע ל, ד. ה. י ו ר י ד י ש זיינען זיי ניט זיין אייגענטום, און דערפאר קען מען איהם עקספלואטירען.

## וואס באדייט דער אויסדרוק „וויסענשאפטליכער סא־ציאליזם"?

— א לאנגע צייט, ביז'ן מיטען פון פאריגען יאהרהונדערט, איז דער סאציאליזם געווען אן עטישע לעהרע, א פילאנטראפישע. צו דער אידעע פון סאציאליזם זיינען געקומען מענשען, איבער־הויפט פון דער אינטעליגענציע, וועלכע האבען מיטגעפיהלט דעם פראלעטאריאט. זיי האבען עס געהאלטען פאר א פראגע פון יושר און האבען געדענקט איבערצוצייגען אין דעם די הערשענדע קלא־סען און ווירקען אויף זיי, אז זיי זאלען ווערען בעסער, עהרליכער, גוט־הערציגער און איינפיהרען דעם סאציאליסטישען ארדנונג. דאס איז געווען א ניט־וויסענשאפטליכער, אדער ווי מען רופט איהם געוועהנליך „אוטאפישער" סאציאליזם. בלויז מארקס האט אני־דערגעלעגט דעם פונדאמענט פון דער נייער פאליטיקא־עקאנא־מישער וויסענשאפט. ער האט באטראכט דעם געבוי פון דער גע־זעלשאפט פון ארבייטס־שטאנדפונקט, ער האט אויפגעוויזען, אז דער היינטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג באשאפט אליין די ארבייטער־באוועגונג, צווינגט די ארבייטער אנצופיהרען זייער קלאסען־קאמף, וועלכער מוז סוף כל סוף ברייננגען צום סאציאליזם, צום סאציאליסטישען ארדנונג, וועלכער וועט איינגעפיהרט ווערען בלויז דורכ'ן פראלעטאריאט.

את דער סאציאליזם רופט זיך אן „וויסענשאפטליכער".

**קען מען רעכענען, אז די פּראָלעטארישע אידעאָלאָגיע איז שוין אינגאנצען פאָרמירט ביים ארבייטער קלאס?**

— ניין. אויסארבייטען א אידעאָלאָגיע איז זעהר א לאנגע און שווערע ארבייט. זי געהט פּאָרווערטס, אָבער טריט ביי טריט, און דער פּראָצעס האָט זיך נאָך ווייט ניט פארענדיגט. ווען עס שטעהען פאָר שווערע און גרויסע אויפגאבען אין לעבען, קען נאָך מאנכעס מאָל דער פּראָלעטאריאט אפילו היינט ניט לעזען זיי פון זיין אייגענעם, קאָלעקטיוויסטישען שטאנדפונקט און געהט נאָך דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע. אזוי איז געווען אין אָנהויב פון דעם וועלט־קריעג, ווען דער גרעסטער טייל ארבייטער פון די מלחמה לענדער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אינטערנאציאָנאלער ארבייטער סאָלידאריטעט און איז געוואָרען פאטריאָטיש, מאנכעס מאָל אפילו אימפּעריאליסטיש.

אָבער יעדען מאָל, נאָכדעם, ווי די ארבייטער געהען אראָפּ פון זייער וועג, זעהען זיי זיך ארום אז זיי האָבען געמאכט א טעות, און זייער קלאסענבאוואוסטזיין ווערט נאָך פארטיעפטער און שטאַרקער.

דעריבער איז עס גאנץ נאטירליך און אומפארמיידליך, וואָס די פּראָלעטארישע אידעאָלאָגיע ענטוויקעלט זיך לאנגזאם, מיט גרויסע שוועריגקייטען און אָפּנייגונגען. און אנדערש קען עס ניט זיין: די אידעאָלאָגיע דארף דאָך פריהער דינען אלס א ווערקצייג, כדי צו אָרגאניזירען די ברייטסטע און טיעפסטע אין דער געשיכטע קלאסען־באוועגונג און דערנאָך דארף זי דינען אלס א ווערקצייג אום צו אָרגאניזירען די גאנצע מענשהייט אין א פאראייניגטען איינגעאָרדענטען ארבייטענדען קאָלעקטיוו.